STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03487

IKH HOB LIB

Aleksandr Avdeenko

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אל. אוודייענקא

איך האב ליב

אלעקסאנדער אווריענקא

איך האָב ליב

ראמאן

ארויסגעגעבן דורך „ליטעראַרישע בלעטער"

ווארשע 1938

איבערזעצט דוד רויכל

פערטע אויפלאַגע

ערשטע	אויפלאַגע	אין	1935	1500	עקז.
צווייטע	"	"	1936	1000	"
דריטע	"	"	1937	1800	"
פערטע	"	"	"	1500	"

ICH HOB LIB (powieść)
Al. Awdejenko
(4-e wydanie)

Wyd. „Literarisze Bleter"

Druk „Grafia", Warszawa.

אַל. אַוודייענקאָ און זיין „איך האָב ליב"

אַל. אַוודייענקאָס ווערק „איך האָב ליב" דערשיינט איצט אין אַ צווייטער פֿאַרבעסערטער אויפֿלאַגע. אין היינטיקע שווערע צייטן פֿאַרן בוך אויף יידיש איז דאָס זייער און זייער אַן אָנגעלייגטע און דערפֿרייענדיקע דערשיינונג. מען האָט געקענט מיינען, אַז דאָס דאָזיקע בוך פֿון אַ שרייבער, וועמעס נאָמען איז געווען אומבאַקאַנט, וועט ווי יענע זומער־באַבעלע אַ פֿלאַטער טון אין משך פֿון איין טאָג און פֿאַרטיק. אָבער דער לייענער, באַקענענדיק זיך מיט דעם בוך, וואָס איז באַטיטלט מיט אַזאַ שאַבלאָנען טיטל, איז מיטאַמאָל פֿאַרכאַפּט געוואָרן מיט דעם הייסן אָטעם, וואָס האָט אַ הויך געטון סיי פֿון דער טעמע פֿונם בוך, סיי פֿונם סטיל

דער לייענער האָט גלייך דערשפּירט דאָס וואָרהאַפּטיקע, דאָס אויפֿריכטיקע אין דעם בוך און דערפֿילט, אַז די וווּנדערלעכע טעמע איז אויסגעוויטיקט דורכן מחבר, אַז דאָס בוך איז פֿול מיט אויטאָביאָגראַפֿישע דאַטן און פֿאַקטן. אָט דאָס געפֿיל האָט דעם לייענער נישט אָפּגענאַרט.

אין זיינער אַ רעדע, וואָס אַל. אַוודייענקאָ האָט געהאַלטן אויף דער סווערדלאָווסקער שטאָטישער קאָנפֿערענץ פֿון אינטעליגענטן, האָט ער איבערגעגעבן פֿאָלגנדיקע אינטערעסאַנטע פּרטים פֿון זיין לעבן:

„מיין היימאַט — דער וויטער דרומדיקער דאָנבאַס. די מעטאַלורגישע און קוילן־שטאָט מאַקייעווקע. איך געדענק מיין פֿאָטער: אַ הויכוווקסיקער, רויטער ריז, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן

אַלס אָנלאָדער אין די אייזן־הוטעס צוליב זיין גבורה. צו דער אַר־
בעט פלעגט ער אַוועק קאַיאָר. פאַרנאַכט פלעג איך לויפן צום פאַב־
ריק־טויער אָפּוואַרטן מיין פאָטער. ער איז אַרויסגעקומען אַ רוי־
טער פון אַרץ־שטויב, אַ בייזער, אַן אָנגעכמורעטער און נישט
אַרויסרעדנדיק קיין וואָרט, מיר אַריינגערוקט אַ פעניץ ברויט און
קלאַפנדיק מיט די הילצערנע טרעפעס, איז ער געגאַנגען אַהיים
מיט שווערע, פודיקע טריט.

„גיין האָבן מיר געדאַרפט דורך דער פראַנצויזישער קאָלאָניע—
דעם אַריסטאָקראַטישן שטאָט־טייל. דאָ האָבן געוווינט די דירעק־
טאָרן, אינזשעניערן און אַקציאָנערן פון דער מעטאַלורגישער און
קוילן־כעמישער געזעלשאפט „אוניאָן", סירוב בעלגיער און פראַנ־
צויזן. אין אָוונט האָט זיך די קאָלאָניע אָנגעצונדן מיט העלע וואַ־
רעמע פייערן. עס האָבן זיך אויפגעמאַכט די ווייסע פענסטער אין
די מאַלינאָווע הייזער און דורך די פאָרהאַנגען, דורך די גרינע און
יונגע טאָפּאָלן און בערעזע־בלעטער זענען געפלאָסן און זיך גע־
צאַפּלט ווי שטערן קוים געהערטע מוזיק־קלאַנגען. איך האָב זיך
אָפּגעשטעלט און נישט געגלויבט, אַז מוזיק איז אַ נישט זעבאַרע
לופטיקע זאַך, וואָס קומט פון ווינט, פון דער זון: עס האָט זיך מיר
געדוכט, אַז פון די פענסטער אַרויס פליען טויבן און יעדע איינע
פון זיי טראָגט אַ פידל אויף אירע פליגל און מיט די שנאָבלען
באַרירן זיי די סטרונעס, וואָס זינגען אַזוי טרויעריק־זיס.

דער פאָטער האָט מיך בייז אַ שלעפּ געטון און מיר זענען ווייַ־
טער געגאַנגען, קלאַפנדיק מיט די הילצערנע טרעפעס איבער די
שטיינער פון ברוק. איך בין געווען אַ קליינטשקער און אין די
אויגן האָבן זיך מיר געוואָרפן אַ שפע פון ווייס און ראָז — קאַ־
פעלושן, פרויען־היט, דורכזיכטיקע שאַלן, קוטשעראווע הינטלעך,
בלומען, געלעכטער, פריילעכע קולות, די אַלע מענטשן זענען ענ־
לעך געווען צו שכּורים — אויף אַזוי פיל זענען זיי געווען אויפ־
גערוימט, געלאַכט אויף אַ קול און זיך עטוואָס געוואַקלט פון אי־
בערפולטן גליק. זייערע קליידער האָבן געשמעקט מיט בלומען־
ריחות, מיט סטעפּ און מיט ריינע, ווי פון פראָסט, וועש, צווישן אַט
די מענטשן האָט מיין אויפמערקזאַמקייט געצויגן איינער אַ הויכער

און דאַרער מאַן, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַ אָנבלעטערדיקע אָקאַ־ציע, ער איז געווען אָנגעטון אין אַ ווייסער מאַרינאַרקע, אין אַ ווייס היטל מיט גלאַנציקע מעשענע העמערלעך איבערן שוואַרצן דאַשעק. ער האָט געהאַלטן אונטערן אָרעם אַ פרוי, וואָס איז געווען אָנגעטון אין אַ ראָז, ווייך, אַזוי ווי רויז, קלייד. ביי זייערע פיס איז אַרומגעשפרונגען אַ ווייס פוכיק הינטעלע. דער דאַרער מאַן האָט זיך אומגעקוקט אויף די קלאַפנדיקע הילצערנע טרעפּעס, גע־וואָרפן אויף אונז אַ בייזן בליק פול מיט פאַראַכטונג און האַס און באַלד צוריק אויסגעדרייט דעם קאָפּ און מיט די וואָנסעלעך זיינע האָט ער אַ קיצל געטון דעם אַקסל פון דער ראָזער פרוי. ס׳איז איר, אַפנים, געווען זייער פריילעך. וואָרום זי האָט געהאַלטן אין איין לאַכן און דערמיט פאַרחידושט דאָס הינטל, וואָס האָט אויפגע־הויבן דאָס קעפּל און זיך צעבילט, קלינגענדיק דערביי מיט די גלע־קעלעך אויפן שמאָלן האַלדז־בענדעלע.

עס איז מיר דעמאָלט געווען אינגאַנצן אומפאַרשטענדלעך, פאַרוואָס מיין פאָטער האָט ווייטיקדיק (אַזוי שטאַרק, אַז איך האָב זיך געמוזט אָנבויגן, פאַלן אויף די קני און שרייען) אַ קוועטש גע־טון מיין האַנט, און אַליין, אַ בלייך־ליפּנדיקער פונם לבנה־ליכט פון די לאַמטערן, האָט ער אַ בורטשע געטון אַ קורץ וואָרט, וואָס האָט געקלונגען ווי אַ זידל־וואָרט, ווי אַ קללה:

— או... אינטעליגענטן!

איך בין דעמאָלט אַלט געווען נישט מער ווי זיבן יאָר, אָבער דאָס דאָזיקע וואָרט איז מיר געבליבן אין זכרון ביזן היינטיקן טאָג. איך געדענק נאָך מיין פאָטערס ליפּן, וואָס האָבן אַרויסגע־רעדט אָט דאָס זידל־וואָרט, די צונויפגעדריקטע פויסט און דעם האַס, דעם צאָרן, און דעם מענטש אין דעם ווייסן היטל מיט די מעשענע העמערלעך איבערן שוואַרצן דאַשעק—דעם אינטעליגענט.

ווער ער איז האָב איך נישט געוווּסט, ווי ער הייסט אויך נישט, נאָר איך האָב אים נאָך עטלעכע מאָל באַגעגנט: איינמאָל, ווען מען האָט אין דעם זאַוואָד פון דער בעלגיש־פראַנצויזישער קאָמפּאַני „אוניאָן" פאַנאַנדערגעבלאָזן אַ נייעם שמעלץ־אויוון, האָט מען איינגעאָרדנט אין דעם זאַוואָד־געסל אַ תפילה, איז ער גע־

גאַנגען גלייך נאָכן גלה און נאָכגעפּרעפּלט... דעמזעלבן אויפדער־נאַכט האָב איך אים געזען אין אַ לאַקירטן פּאַעטאָן פאַר די זאַוואָד־טויערן מיט איינעם אַ גאָלד - צייניקן מאַן אין אַ קאַפּעליוש און מיט אַ פּייקע אין די ציין. דער אינטעליגענט איז דער ערשטער אַראָפּגעשפּרונגען און אויסגעצויגן זיין באַלעבאָס די האַנט, — נעמט, הייסט עס, שפּאַרט זיך אָן, טוט מיט מיר וואָס איר ווילט. ווען זיי האָבן זיך געלאָזט גיין, האָט דער אינטעליגענט זיך גע־דרייט, זיך געבויגן אין צענען, ווי ער וואָלט זיך אָפּגעווינט צו גיין. איך, דער יונגעטשקער, האָב געפּלאַמט פון בושה פאַר אים... און נאָך אַמאָל האָב איך אים געזען בשעת דעם אַלגעמיינעם שטרייק. ער האָט געהאַלטן די ברעזענט־מאַרינאַרקע פון מיין פאָטער, געשריען מיט שוים אויף די ליפּן, און געהויבן די פויסט. ער האָט געטאָרקעט מיין פאָטער אין ברוסט אַריין, ביז מיין פאָ־טער איז אַרויס פון די כלים. דער פאָטער האָט פאַר אַלעמען אין די אויגן אומגעוואָרפן דעם אינזשעניר אויפן אָנגעשאָטענעם זאַמד, עמעץ האָט צוגעקאַטשעט אַן אייזערנע טאַטשקע, וואָס איז געווען האַלב מיט נאַפט, מען האָט דעם אינטעליגענט אַריינגע־וואָרפן אַהין, באַשאָטן אים מיט אָפּפּיילעכץ און מיט רעש אים אַוועקגעפירט איבער די אייזערנע פּליטעס, איבער די רעלסן, צו די זאַוואָד - טויערן און ערשט דאָרט זיך אָפּגעשטעלט. אין טויער איז אין אַ ווילדן גאַלאָפּ אַריינגעריטן אַ קאָזאַקישע מאה, מיט אַרויסגעשטאַרצטע טשופּרינעס, אויף ווילדע פערד און מיט שאַרפע פאָדקאָוועס, וואָס זענען געווינט צו טרעטן, צו דאָבטשען און זיך איינטונקען אין מענטשן - בלוט. עס האָבן אַ שמיץ, אַ פייף געטאָן די נאַהייקעס. די פערד האָבן ווילד זיך אַ לאָז געטון אויף די טשוהון־גיסער, אויף די וואַלצירער, אויף די שמעלצער.

דער פאָטער איז אַנידערגעפאַלן אויף דער פאַרראָסטעטער זאַוואָד - ערד, און איבער זיין רוקן האָט זיך דורכגעטראָגן אַ היציקער אָגער, איבערלאָזנדיק אַ נאַסן שפּור אויף דעם פאָ־טערס ברעזענטענעם רעקל. דער אינטעליגענט, אַ שוואַרצער, אַ פלאַטערנדיקער איז, פאַרגעסנדיק אין דער חרפה, אַרויסגעקראָכן פון דער טאַטשקע. אַן אָפּגעשליסענער, אַן אָפּגעריסענער, אַ

נאָסער האָט ער געפּאָכעט מיט די צאָרנדיקע פויסטן איבערן קאָפּ, געקלאַפּט מיט די פיס איבער דער ערד, געזידלט די קאָזאַקן, פאַרוואָס זיי זענען צו פּאַיואָליעדיק און טוען גאָרנישט. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט אין די ציימלען פון די קאָזאַקישע פערד, אַרומגענומען זייערע פיס, און זיי, אָפּנים, געבעטן, זיי זאָלן אין גאַלאָפּ זיך ווידער דורכטראָגן איבער דעם פּאָטערט ברייטער פּלייצע, איבער די פּלייצעס פון דעם שטרייקער, דעם פאַרעקשנטן טשוהון - גיסער, און זאָלן אים אַריינדאָבטשען און אויסגלייכן מיט דער רויטער, פאַרזאָסטעטער ערד...

און אָט היינט האָט מען מיך אַליין אָנגערופן אינטעליגענט. דאָס איז געווען צום ערשטן מאָל אַזוי גענוי, קלאָר און אָפּיציעל. מיך האָט די ראַטנמאַכט אָנגערופן אינטעליגענט. איך חזר איבער אָן אַ סוף דאָס דאָזיקע מוזיקאַלישע, קלאַנגפולע פאַר מיר וואָרט. אין מיר קומט איצט פאָר אַ געוואַלדיקער געראַנגל. איך זוך אַן ענטפער אויף דעם, ווי האָט דאָס געקאָנט פּאַסירן, וואָס איך פּראָטעסטיר נישט קעגן אָט דעם נאָמען, וועלכן מען האָט מיר איצט געגעבן, און בין נאָך צופרידן מיט דעם און קלויב זיך מיט גרויס פרייד צו גיין אויף דער פאַרזאַמלונג. פאַר־וואָס? פאַרוואָס?

ווי וואָלט מיין לעבן אויסגעזען, ווען נישט די נייע אָרדנונג? ניין, איך וויל אַפילו וועגן דעם נישט טראַכטן. עס שרעקן מיך די אימה, די פּערספּעקטיוולאָזיקייט, דעגענעראַציע, קרענק, טויט. איך בין צופיל געזונט, לעבנסלוסטיק, כדי צו טראַכטן וועגן דעם.

איך וויל היינט רעדן וועגן פרייד און וועגן מיינע געפילן... איך וויל איצט זאָגן:

איך בין אַן אינטעליגענט, איך שרייב ביכער און לערן זיך. איך האָב ליב, לויטן נייעם שטייגער, אַ מיידל, איך וואָרט אויף אַ קינד, איך לעב אין אַ גרויס לאַנד, איך טראַכט נישט וועגן מיין מאָרגנדיקן טאָג, באַזונד דעם טעאַטער — ווייל איך לעב אין נייע באַדינגונגען.

גאַנץ פרי שפּרינג איך אַרויס פונעם בעט, וואַש זיך אַרום,

מאַך גימנאַסטיק, און נאָכדעם לויף איך אַרום איבערן צימער, זינג, טאַנץ און שפּרינג פון פרייד. איך וועל זיין אַן אמתער שרייבער. אַלע מענטשן זענען מיינע ברידער, און איך וועל לעבן אין אַ וועלט פון פרייד און גליק. איך וויל שאַפן אַן אומשטערבלעך ווערק — איך קאָן אַזוי טראַכטן, ווייל מיין שפּעפערישע פאַנטאַזיע ווערט דורך קיינעם נישט אונטערדריקט.

איך בין גליקלעך, דרייסט, לעבנסלוסטיק, טרוימעריש, חוצפּהדיק, שטאַרק, נייגעריק. איך האָב ליב אַלץ, וואָס איז שיין, געזונט און אמתדיק. איך בין ענלעך צו מיינע חברים און די חברים זענען ענלעך צו מיר. אַז איך וועל שרייבן מיין בוך פון דאַנקבאַרקייט צו אַט דער נייער אָרדנונג, וועל איך מיין העלד פירן אויפן קבר פון זיין פאָטער, וואָס האָט געהאַסט די אינטעליגענטן, און וועל אים צווינגען צו זאָגן:

— דו זעסט מיך, פאָטער, דו הערסט מיך, אָט מיט וואָס פאַראַ נייעם אינהאַלט איז אָנגעפולט איצט דאָס פאַרהאַסטע דורך דיר וואָרט — אינטעליגענט.

און דעם פאָטער וועל איך צווינגען צו ענטפערן:

— ביסט גליקלעך, מיין זון! לעב און פריי זיך פאַר דיינע קינדער, פאַר דיינע אייניקלעך."

אין זיינער אַן אויטאָביאָגראַפישער דערציילונג „געבורט"*) דערציילט אַוודייענקאָ, ווי זיין געליבטע פרוי דאַרף געבוירן אַ קינד ביי די נייע באַדינגונגען, און ער דערמאָנט זיך דערביי אין זיינע גרויליקע קינדער־יאָרן, ווען זיין מוטער האָט געדאַרפט געבוירן נאָך אַ „מוילי", נאָך אַ „עסערי" און די טראַגעדיע, וואָס די אָרעמע אַרבעטער־פאַמיליע האָט דאַן איבערגעלעבט. ער שילדערט דערביי זיין מוטער, זיין פאָטער — און זיי לעבן ווידער אויף פאַר אונז מיט דער גאַנצער עכטקייט ווי אין דעם גראָטעסקעם ערשטלינג־בוך זיינעם „איך האָב ליב".

אַל. אַוודייענקאָ איז פאַרליבט אין לעבן. מיט ליבע איז אויך געשריבן דער גרויליקער ערשטער טייל פון זיין בוך.

---

*) זע „ליטעראַרישע בלעטער", 1935 נומ. 14 (569). —

אין די ווי פון שטאָל אויסגעגאָסענע שילדערונגען פון די קרבנות פון דער פאַרשאָלטענער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג פּילט זיך דער האַס צו די באַדריקער און אין דער זעלבער צייט די הייסע, פלאַמיקע ליבע צו די אונטערדריקטע. מיט וואָס פאַר אַ ליבע ווערט געשילדערט דער אַלטער ניקאַנאָר, דער ריז, דער גיבור, וואָס ווערט צעבראָכן, דערדריקט אונטער די אַכזריותדיקע אַרבעטס־באַדינגונגען!

און מיט וואָס פאַראַ פּאַטאָס, אַן אויפריכטיקן, דורכגעלייטערטן פּאַטאָס, ווערן געשילדערט די „אַלטעי", וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון אָט דער מגפה און האָבן צעפירט זייערע פליגל אין דער נייער אָרדענונג.

אַ שווער לעבן האָט אַל. אַוודייענקאָ דורכגעמאַכט, די אַלע נסיונות זיינע, די פאַרוואָרלאָזטקייט, די גאַנצע טראַגעדיע פון זיין שוואַרצער קינדהייט ווינדעט ער איבער אין זיין נייעם גלויבן, אין זיין נייער ליבע.

נישט אומזיסט האָט דאָס דאָזיקע בוך פון אַן אָנפאַנגער, פון אַ פשוטן אַרבעטער, געהאַט אַזאַ דערפאָלג. עס איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף פיל שפּראַכן, מען קלייבט זיך דאָס איצט פאַרפילמען — ווייל יעדער אַרבעטנדיקער מענטש געפינט דאָ טיילן פון זיין לעבן, פון זיין האַס, פון זיין ליבע און האָפענונג.

ד. ר.

ערשטער טייל

האָס

קאַפּיטל איינס

אויסגעצויגן און אַנגסטלעך האָט זיך צעוואָיעט די שאָכטע-סירענע. דאָס פּייפן האָט זיך אַרייַנגעריסן אין דער קאַזאַרמע, אויפגעטרייסלט די בחורשע נאַרעס פון סאָסנע-ברעטער, אויף וועלכע עס זענען צונויפגעפּרעסט געשלאָפן די קוילנגרעבער.

ניקאַנאָר האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, זיך אָנגעשפּאַרט אויפן עלנבויגן און אַ רגע זיך איינגעהערט. נאָכדעם האָט ער אַראָפּגעשלײַדערט פון זיך די דעק און דערשראָקן זיך אַ וואָרף געטון אין ווינקל, וווּ אַ הויקערדיקער קוילנגרעבער האָט פאַרבונדן די לאַפּטשעס. ניקאַנאָר האָט אַ טאָרע געטון דעם הויקער און אײַליק אַ פרעג געטון:

— עס פּייפט שוין לאַנג?

דער הויקער האָט אויפגעהויבן די פאַרשלאָפענע אויגן און, נעמענדיק זיך ווידער פאַרבינדן די לאַפּטשעס, געענטפערט:

— ניין, אָקאָרשט גענומען וואָיען!

ניקאַנאָר איז אַ באַרויִקטער אַוועק צום פאָס. ער האָט צונויפגעלייגט די דלאָניעס, ווי אַ שיסעלע, און אַ פליעסק געטון דאָס וואַסער, ווי ווייסע פונקען, אין די אויגן און אין דער באָרד. אָפּווישנדיק זיך מיט דעם ברעג פונם לאַנגן, לייוונטענעם העמד, האָט ער פלינק אָנגעטון די לאַפּטשעס און אַוועק צום ווינקל פון דער גרויסער קאַזאַרמע, וווּ עס איז געהאָנגען די איקאָנע — אַ פאַרקאָפּטשעט הילצערן ברעטל מיט אַ געשטאַלט פון אַ פרוי, וואָס איז זייער ענלעך צו אַ ציגײַנערין.

נאָך דער תּפילה איז ניקאַנאָר אַרײַן אין אַ ברייטער, פאַרוסינענער קורטקע, אַריבערגעוואָרפן איבערן אַקסל אַ לעדערן זעקל, אין וועלכן דער קאָמפּלעט שטאַרק-אָנגעשאַרפטע דלאָטעס האָט געקלינגען אָן דער פלאַש מיט וואַסער, און האָט, אַפירשלעפּנדיק פון אונטער די נאַרעס אַ העקל מיט די וואַרעמע פינגער אַ פיר געטון איבער דער אָפּגעפּאָלירטער אויבערפלאַך פון דעם הענטל.

די קאַזאַרמע האָט זיך ערשט אויפגעכאַפּט פון שלאָף, עס האָבן געסקריפּעט די צווייגאָרנדיקע נאַרעס, עמעצער האָט געגענעצט, אַ צווייטער האָט זיך געקלאָגט, אַז מען האָט ביי אים צוגעגנבעט די שטיוול. די סירענע האָט נאָך געזיפּצט, און ניקאַנאָר איז שוין געווען גרייט צו דער אַרבעט. ער האָט אַפּירגעשלעפּט פון אונטער דעם מאַט-ראַץ אַ ברויט, וואָס איז געווען איינגעוויקלט אין אַ שמאַטע, דאָס אונטערגעוואָרפן מיט דער האַנט, און פאַרטראַכטנדיק זיך אַ ווייל, האָט ער עס איבערגעבראָכן אויף דער העלפט. איין העלפט האָט ער אַריינגערוקט אין זעקל, די צווייטע — אין דער שמאַטע, און עס ווידער אַרונטערגערוקט אונטערן מאַטראַץ. שוין גייענדיק צו דער טיר האָט ער חרטה געקריגן, זיך צוריק אומגעקערט צו דער נאַרע, אַרויסגענו-מען פון אונטערן מאַטראַץ די שמאַטע און זי אַריינגערוקט אין זעקל, אַ בורטשע טוענדיק:

— זיי וועלן עס אַוועקלקחנען, די פאַרשאָלטענע!

צורעכטמאַכנדיק דאָס זעקל און שלינגענדיק די ברעקלעך ברויט, האָט ניקאַנאָר באַמערקט, אַז דאָס אָרט אויף די נאַרעס, וווּ עס איז געשלאָפן זיין זון אָסטאַפּ, איז ליידיק. ניקאַנאָר האָט אַ גלעט געטון די באָרד און מיט גדלות אַ טראַכט געטון: „ער איז נאָך פאַרן פייף אַוועק, ער סטאַרעט זיך. אַ כוואַט!"

צו דער שאַכטע איז ער געגאַנגען שנעל. פאָכנדיק מיט דעם העקל נישט אומקוקנדיק זיך, האָט ער איבערגעיאָגט די חברים, באַגריסנדיק זיך מיט זיי בעתן גיין, און זיך געאיילט צו פאַרנעמען דאָס ערשטע אָרט ביים שטאָם.

אַז דער דיזשורנער האָט געגעבן אַ צייכן אַראָפּצולאָזן די מענטשן, און די ווינדע האָט, קלינגענדיק, אַ קלאַפּ געטון איבער די אייזערנע פּויסטן פון די האַלטערס, האָט ניקאַנאָר אויסגעשטרעקט די הענט צום אַריינגאַנג און נישט געלאָזט קיינעם פון די קוילנגרעבער דעם ערשטן אַריינגיין אין איר. ער האָט פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט, אויסרעכע-נענדיק אַרויסצוגיין דער ערשטער, בשעת די ווינדע וועט קומען אויפן אָרט.

דער קוילנגרעבער קאָוואַל האָט, טאָרקענדיק די חברים, שאַלק-האַפטיק אַ פרעג געטון ניקאַנאָרן:

— זיידעשי, און אַט, לאָמיר זאָגן, אַז וועסט אַ שטאַרב טון, איז וועמען וועסטו דיין זשעדנעקייט לאָזן אַלס ירושה, אָדער אַלס נדן!

ניקאַנאָר שווייגט, ער באַוועגט בלויז מיט די ברעמען, און מיטן שפּיץ פון דעם העקל שאַרט ער אין דער ווינדע. ער האָט זיך נעשטעלט אויף די קני: די ווינדע איז זייער נידעריק. ניקאַנאָר קוקט, ווי עס אַנטלויפן פון אים די מיט דעמבענע קלעצער אונטערגעשפּאַרטע ענגע ווענט פון דעם שאַכטע-ברונעם, און קלערט וועגן דעם, וואָס פאַראַרבעט עס וועלן אים היינט געבן די אויפזעער.

— ס'זאָל כאָטש אַריינפאַלן אַ גוטע, אַ ווייכענקע קויל. אַ וואַ-גאָנדלעך צוואַנציק אַרויסדאַביוען...

פּאַמעלעכער אַנטלויפן די ווענט פונם ברונעם, עס זעען זיך דייטלעכער די פאַרשוויצטע דעמבענע בעלקעס, איבער וועלכע עס גליטשט זיך די ווינדע. עס פילט זיך שוין דער ריח פון פוילנדן האָלץ און פון דער ערד, וואָס טריקנט קיינמאָל נישט אויס. ניקאַנאָר האָט זיך אויפגעהויבן, פאַרשטעלט מיט דער פּלייצע דעם דורכגאַנג און אויפגעהויבן דעם פוס. און ווי נאָר די ווינדע האָט אַ קלאַפּ געטון אין דער ראַם, איז ער אַרויסגעשפּרונגען און גענומען לויפן איבער די גליטשיקע פליטעס פון דעם שאַכטע-הויף, איילנדיק אין דעם פאַר-טייל-צימער, צו די אויפזעער.

גייענדיק האָט ער אויסגעהערט דעם נומער פון דעם פּלאַץ, וואָס מען האָט פאַר אים באַשטימט. אָפּזאָגנדיק זיך פון די באַקוועמע שטרעקעס, האָט ער געקירצט דעם וועג, געלאָפן, געקלעטערט, געקראָכן, אַראָפּגעשיפּט זיך דורך די ווענטילירלעכער, דורך די פאַרמאַכטע ברעמסבערגער שיפּועס. ער האָט מורא געהאַט צו פאַרלירן צייט.

•

אָסטאַפּ איז אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן. נעכטן אין אָוונט איז געשען דאָס, וועגן וואָס ער האָט געטרוימט אַ גאַנץ יאָר. נאָך דער אַרבעט, ווען דער גרויער קאַסירער אין די בלייערנע ברילן האָט אים אַריינגעשטופּט דעם חודש-געהאַלט, איז ער צוגעגאַנגען צו דעם הויכן און דין-האַלזיקן אויפזעער בוטילאַטשקין, און נישט זיכער אַ זאָג געטון:

— מיקאָלאַ ניקאָלאַיעוויטש, עס איז שווער צו לעבן אָן חברים. אפשר וועט איר מיר נישט אָפּזאָגן און פאַרברענגען מיט מיר אין איין קאָמפּאַניע?

דער אויפזעער האָט אַ דריי געטון מיט דעם באַוועגלעכן האַלז, אַ גלעט געטון דעם הויקערדיקן שאַרבן און מיט אַ באַס געענטפערט:

— איך האָב קיין צייט נישט, טייערער. איך קאָן נישט, ליבינקער!

— כ׳בעט אייך, מיקאָלאַ ניקאָלאַיעוויטש, — האָט אָסטאַפּ זיך געבעטן ביי אים, פּילנדיק בשעת־מעשה, אַז די פּיס גליווערן אים, שפּירנדיק, אַז אָט־אָט און פון זיין גאַנצן טרוים לאָזט זיך אויס אַ בוידעם.

— ניין, טייערינקער, איך קאָן דאָס בשום־אופן נישט.

— מירן עס מאַכן נישט ווייט פון דאַנעט — אָסטאַפּ האָט גענומען רעדן שטילער. — איך האָב נישט געקאַרגט, איך האָב צוגעגרייט בראָנפן און פאַרבייסן פון דעם שענסטן און בעסטן. פאַר פינף קאַרבן.

— ניין. איך קאָן נישט. עס וועט לאַנג דויערן. סיידן בלויז אויף אַ האַלבע שעה.

אָסטאַפּ איז געוואָרן אויפגעמונטערט און האָט אים שוין נישט אָפּגעלאָזט, שעפּטשענדיק אים דרייסטער און הייסער אין סאַמע אויער אַריין:

— און אַ מתנהלע איז אויך פאַראַן פאַר אייך, מיקאָלאַ ניקאָלאַיעוויטש.

בוטילאָטשקין האָט לייכט אָפּגעשטויסן פון זיך אָסטאַפּן, אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, צוגעמאַכט מיט די רויטלעכע אויגן־דעקלעך די מוטנע אויגן און מיט ווירדע געזאָגט:

— אָט צוגעשטאַנען, נישט אָפּצוטשעפּען זיך. כאָטש איך קאָן אַפילו נישט, ביי גאָט, אַז איך קאָן נישט! נאָר לאָז זיין — קום. דאָס טו איך נאָר פון דיינעטוועגן, טייערינקער, — דער אויפזעער האָט זיך אומגעקוקט. — נו, דו גיי, און איך וועל דיך שוין אָניאָגן. גיי, גרייט צו!

געטראָפן האָבן זיי זיך הינטערן סיצענעם פאַרהענגל, וואָס האָט אָפּגעטיילט איין קאַבינעט פונם אַנדערן אין אַגאַנעסאָווס שענק.

אויפן טיש האָבן טונקל געגרינט ביר־פלעשער. פאַרקלערט האָט זיך געוויגט דער בראָנפן אין די ווייסע גלעזער. אויף דעם בלעכערנעם טעלער האָבן צעשטעלט זייערע שפּין־לאַפּקעס די רויטע קרעבסן, ווי זיי וואָלטן קריכן צו די טעלער מיט די אוגערקעס, פליש, פּעטס.

אין די קופּלעס האָט געברויזט דער ווייסער שוים. הינטער דעם פּאָר-האַנג האָט געקרעכצט דער שפּיל-קאַסטן. אין די פּעטע טאָפּעטן האָבן געשאַרכעט די פּרייסן.

אָסטאַפּ האָט זיך מיט דער ברוסט אָנגעשפּאַרט אין טיש. עס האָט זיך אים געדרייט דער קאָפּ אי פון די פּעטע, נאָך קיינמאָל אַזויפיל נישט פאַרזוכטע צובייסנס, אי פון דעם, וואָס ער האָט זיך איצט געגרייט צו זאָגן דעם אויפזועער.

„ניין, נישט איצט, — האָט אָסטאַפּ באַשלאָסן, — לאָז דער מענטש שיכור ווערן, פריילעכער ווערן, דעמאָלט וועל איך עס אַרויסשיטן".

און ווידער האָט געברויזט דער שוים אין די קופּלעס, געגלאַנצט דער בראָנפן, געפּראַכט דער אויפזועער. אָסטאַפּ האָט געקוקט בוטילאָטש-קינען גלייך אין מויל אַריין. און אַז יענער האָט אויסגעזויגן דאָס גאַנצע גלאָז, באַלעקנדיק מיט דער לאַנגער צונג די ליפּן, האָט אים אָסטאַפּ הכנעהדיק צוגעטראָגן אויפן גאָפּל אַ רעפּטעלע זויערע אוגערקע, שנעל געפּליקט די פּיסלעך פון די קרעבסן, אָפּגעשיילט די רויטע הויט, צוגעגרייט דאָס צאַרטע קרעבס-העלזל, וואָס צעגייט זיך ממש אין מויל. באַדויערט, וואָס מען וועט פאַר איין מאָל אויפעסן אַזויפיל גוטע מאַכלים.

דער אויפזועער האָט געטשאַמקעט מיט די יאַסלעס, געגלעט דעם הויקערדיקן שאַרבן און געוואָרן בגילופן. ער האָט געהאַלזט אָסטאַפּן, געוואָלט אים קושן, צוגעפאַלן צו דעם שוואַרצאַרבעטערס ברוסט און געוויינט:

— טייערינקער מיינער, ווי איך האָב עס ליב דאָס לעבן... בעט, אַז דער באַלעבאָס זאָל הייסן שפּילן „דאָס מעוועלע"... איך האָב ליב אָט דאָס לידעלע.

אָסטאַפּ איז פאַרשוווּנדן. דער שפּילקאַסטן איז אַנטשוויגן גע-וואָרן, הילכיקער האָבן געשאַרכעט די פּרייסן. דער אויפזועער האָט זיך גענומען צום פלעשל. אַראָפּגעשלעפּט מיט דעם אַרבל די טעלער. ווידער האָט גענומען יאָמערן דער שפּילקאַסטן. בוטילאָטשקין האָט גענומען צונויפקלייבן די שערבלעך און איז שוין אַזוי פאַרשטאַרט געבליבן זיצן אויף דער פּאָדלאָגע. טרערן זענען גערינען איבער די באַקן, אָבער דער אויפזועער האָט זיי נישט אָפּגעווישט.

און דעמאָלט... האָט אָסטאַפּ זיך אָנגענומען מיט דרייסטקייט. ער

האָט אויפגעהויבן בוטילאָטשקינען, פאַרזיכטיק אים אַוועקגעזעצט, אָפּ־געווישט דעם אויפזעערס געזיכט און צעבונדן פאַר אים דאָס פּעקל.

אויף גלאַנץ־פּאַפּיר זענען געלעגן טיכער פון בוכאַרער זיידנס, בלוי־פּאָמעראַנץ־קאָלירנדיקע, וואָס האָבן געברענט, אַזוי ווי צייטיקע פּאָמידאָרן. נעבן די טיכער, קינדערשע שיכלעך פון געלן לעדער, שאַכטלעך מיט פּאַפּיראָסן, טיטון. אָסטאַפּ האָט פּאַמעלעך אַ גלעט געטון דאָס זיידנס און בשעת־מעשה אַ טראַכט געטון:

„אַ גאַנץ יאָר האָב איך דאָס געהיט פאַר האַרפּינען, געוואָלט איר פאַרשאַפן פרייד. און די שיכלעך זענען מסתמא פונקט גוט אויף קאָזמאַן. און איך גיב עס אַוועק אַ פרעמדן"...

אַ רגע האָט ער צוגעמאַכט די אויגן אויס באַדויערונג, ער האָט זיך אָבער באַהערשט, צונויפגעשאַרט די מתנות און זיי צוגערוקט צום אויפזעער. געזאָגט האָט ער צערטלעך, מיט געבעט:

— מיקאָלאַ ניקאָלאַיעוויטש... פאַר אייער באַלעבאָסטע זאָל לעבן, אַ מתנהלע... פאַרן קינד, זאָל געזונט זיין... זאָגט זיך נישט אָפּ...

...דער שפּילקאָסטן האָט געיאָמערט...

בוטילאָטשקין האָט אָנגעשטאָפּט די קעשענעס מיט די מתנות.

— מיקאָלאַ ניקאָלאַיעוויטש... — האָט אָסטאַפּ געשטאַמלט... — אַ פּראָכפּעסיע וויל איך... אָרדנט מיך איין... דאָס גאַנצע לעבן וועל איך עס אייך נישט פאַרגעסן!

— טייערער מיינער! אַ פּראָפעסיע? מען קאָן, טייערינקער, פאַרוואָס נישט? איך וועל דיך איינאָרדענען. דאָס האַרץ וויייטיקט מיר פאַר אייך, מיט טרערן איז עס פול. נישט דו ביסט דער ערשטער, פאַר וועמען איך טו עס.

— איך וואָלט געוואָלט זיין אַ טשוהון־גיסער, מיקאָלאַ...

— אַ טשוהון־גיסער? מען קאָן, מען קאָן, איך קאָן אַלץ. איך וועל דיך נאָך מאָרגן איבערפירן. דאָס האַרץ וויייטיקט מיר דאָך פאַר אייך, טייערינקער.

אָט קומט עס, דאָס לאַנג־געגאַרטע. אָסטאַפּ קאָן זיך שוין מער נישט איינהאַלטן אין שענק, עס ווילט זיך אים וואָס־גיכער אַנטלויפן פון דאַנען און דערציילן עמעצן וועגן זיין פרייד. ער רופט דעם קעלנער.

יענער איז אַריינגעשוווּמען, פאָכנדיק מיטן סערוועטל, ווי ער וואָלט אָפּגעטריבן די פליגן.

שוין זייענדיק אינדרויסן האָט אָסטאַפּ אַ טראַכט געטון:

„מען וואָלט געדאַרפט די רעשטלעך אויף די טעלער צונעמען, עס וואָלט געקלעקט אויף אַ גאַנצן טאָג“.

קלינגענדיק מיט דעם ביסל קופּערגעלט, איז ער אוועק אין דער קאַזאַרמע.

אין דער קאַזאַרמע איז ער אַרויפגעקראָכן אויפן אויבערשטן גאָרן נאַרעס און זיך איבערגעדעקט איבערן קאָפּ. לאַנג האָט ער נישט געקאָנט איינשלאָפן, טראַכטנדיק וועגן מאָרגנדיקן טאָג, ווען ער וועט שוין נישט זיין קיין פּשוטער שוואַרצאַרבעטער, נאָר אַ טשוהון־גיסער, נאָכדעם אַן אויפזעער, אַ מייסטער, און וועט לעבן אַזוי, ווי בוטילאָטש־קין. בוטילאָטשקין פאַרמאָגט אַ הייזל, אַרומגעצוימט מיט אַ הויכן פּאַר־קאַן. אַ קודלאַטן הונט אויף אַ קייט. אַ גאָרטן. פאָרהענגלעך מיט שפּיצן אויף די פענסטער. די פּאָדלאָגעס געפאַרבטע, באַדעקט מיט טעפּיכער. בלומען און בלומענטעפּ. אין שאַפע אַ קאַראַפקע מיט בראָנפן, און עס שווימען אין אים אַרום שטיקלעך ציטרינען־שאָלעכץ. אויס־געצייכנט!

„איך וועל זיך עס דערשלאָגן, — האָט אָסטאַפּ געטרוימט, — אינגיכן וועל איך עס דעם ווייב אָנשרייבן, אַז זי זאָל קומען צו פאָרן. איצט וועט מען עס שוין קאָנען, דאָס געהאַלט וועט קלעקן“...

...אָסטאַפּ איז אַלט פינפאונצוואַנציק יאָר. דאָס ווייב און דער פינפיאָריקער זון קאַזמאַ וווינען אין אַ דערפל אין אַזאָווער קאַנט. דאָרט וווינט אויך זיין מוטער. מיט אַ יאָר צוריק איז אָסטאַפּ מיט זיין פאָטער געקומען אַהער קיין דרום־דאָנעצער באַסיין צו אַרבעטן אַלס סע־זאָן־קוילנגרעבער. דער אַלטער אַרבעט דאָ אַ גאַנצן ווינטער, און אויף זומער פאָרט ער אַהיים זיך באַרבלען אין דער אַרענדירטער דעסיאַ־טין־ערד. דאָס גאַנצע פאַרדינסט פונם ווינטער בראָקט ער אַריין אין דעם שטיקל ערד, אָבער קיין טאָלק פון דעם באַקומט זיך נישט. אייגן ברויט קלעקט ניקאַנאָרן בלויז ביז צו די ערשטע פרעסט.

דעם לעצטן האַרבסט האָט מען באַשלאָסן, אַז אָסטאַפּ וועט אוועק־וואַרפן דאָס פיטערן בהמות, און אוועקפאָרן צוזאַמען מיטן פאָטער צו פאַרדינען געלט, און די פאַמיליע וועט זיך אָנדינגען אַלס באַטראַקעס.

ניקאַנאָר האָט איינגעאָרדנט אָסטאַפּן אין דער אייזן־הוטע פון דעם מעטאַלורגישן זאַוואָד, וואָס האָט געהערט צו בעלגישע אַקציאָ־נערן. דאָרט האָט אַ שוואַרצאַרבעטער געקאָנט פאַרדינען אַ טאָג מיט צוואַנציק קאָפּיקעס מער, ווי אין די קוילנגרובן.

אָסטאַפּ האָט געלאָדן טשוהון, אָפּגערוימט דעם אָפּפאַל, אָנגע-
טראָגן זאַמד. אַזוי טאָג אויף טאָג. די שכירות פּלעגט ניקאַנאָר אָפּנע-
מען און זיי באַהאַלטן אין זיינע ברייטע הויזן. און איצט איז אָסטאַפּן
באַפאַלן אַן אימה. וואָס וועט ער זאָגן דעם פאָטער, ווען יענער וועט
ביי אים פאָדערן דאָס געלט?

אָסטאַפּ האָט אָפּגעווישט די טרוקענע ליפּן, זיך אויפגעהויבן און
באַקוקט די קאַזאַרמע. זי האָט זיך געצויגן אין דער טיף, ווייט אין
דער האַלב-פינסטערניש אַריין, ווי אַ ברייטע גאַס. די געשרייען פון
איין עק האָט מען נישט געהערט אין צווייטן. דאָ האָבן געוווינט די
נישט באַווייבטע קוילנגרעבער און מעטאַליסטן.

אַראָפּלאָזנדיק זיך פון די נאַרעס, איז אָסטאַפּ צו צו דעם פאַס,
איינגענעצט דעם הייסן שטערן, אַ זופּ געטון. דאָס וואַסער, האָט זיך
אים געדוכט, איז ביטער. מיט אַנגסטן איז ער ווידער אַרויפגעקראָכן
אויף דער נאַרע. ווידער האָבן אים אַ זעץ געטון געדאַנקען וועגן דער
נייער פּראָפעסיע. ער האָט פאַרגעסן דעם שענק, דעם בראָנפן, דאָס
געלט און די מורא פאַרן פאָטער.

און אינדערפרי, איידער עס האָט געפּייפט די סירענע, נישט
אָנטוענדיק זיך — ער איז געשלאָפן אינם אָנטון, — נישט וואַשנדיק
זיך, איז ער אַנטלאָפן אויפן זאַוואָד.

*

טריקעניש.

טאָג און נאַכט שרפהט פון מזרח אַ טרוקענער ווינט. ער טרייבט
איבער די וועגן דעם שטויב, אַנטבלויזט פון דער צעטרוקנטער ערד
די זוימען. ער האָט אָנגעבראַכט שאַרעס שוואַרצע ראָבן, און זיי
טראָגן זיך איבער די אַזאָווער סטעפּעס, רייסן אויף די צעאַקערטע און
צעבראָניעוועטע פעלדער, און שרייען אַנגסטלעך. די ראָבן זעצן זיך
אויף די באַגילדטע צלמים פון די קלויסטערס, ווי שוואַרצע כמאַרעס
דרייען זיי זיך אַרום דעם גלאָקן-טורעם.

שטיל איז אין די פאַרנאַכטן אין די צעזינגטע, פריילעכע אַזאָ-
ווער כוטאָרן. מען צינדט נישט אָן קיין ליכט. דער שטויב באַדעקט
די האַרמאָניקעס. בלויז דער ווינט שטילט זיך נישט איין. ער טראָגט
זיך אויף ביינאַכט איבער די אָפּגעשטאָרבענע גאַסן, רוישט מיט די

טרוקענע, ווי פּולווער, סטריכעס פון די דעכער, וואָס זענען באַדעקט מיט קאַמיש און שטרוי.

מענטשן צלמען זיך און זאָגן:

— זאָל גאָט באַהיטן פון אַ פייער, מירן אַלע אָפּברענען!

דער ווינט, אַן אַנגעוואַרעמטער אין די אַסטראַכאַנער וויסטענישן, האָט אויסגעקוישט די יונגע, צום לעבן זיך אַרויסגעריסענע זאַנגען, אויסגעזויגן טראָפּנווייז דאָס חיות, אויסגעטרוקנט די וואָרצלען. די ערד האָט זיך איינגעקאָרטשעט, איינגעצויגן איר נישט-איינגעטראָטענע ברוסט, זיך געשפּאָלטן און הונגעריק געגענעצט מיט די טרוקענע שפּאַלטן, וואָס האָבן אויסגעזען אַזוי ווי ווונדן. אַן אימה איז באַפאַלן די ערד, די מענטשן. די גרויע בערעלעך, די גראָזן, האָבן זיך אָנגעטון אין קאָליר פון דער טרוקענער ערד, זייענדיק גרייט אַנידערצופאַלן און קיינמאָל מער נישט געבוירן צו ווערן.

אין אומענדלעכן, אין גרענעצלאָזן סטעפּ איז אויך נישט געווען קיין אָרט פאַר די פייגל: עס האָבן זיך נישט געדרייט מיט געזאַנג די לערכן, עס האָבן נישט געקלאַפּט מיט די פליגל, נישט געצוויטשערט די פּאַרפּערלעך. אַפילו די שפּערן זענען נישט אַרומגעשפּרונגען איבער די וועגן, זיך נישט גערייניקט אונטער די שטרויענע דעכער. אַלץ איז געלאָפן פון דער שוואַרצער זון. עס האָט געטריבן דער הונגער. עס האָבן זיך בלויז געטראָגן, געקראַקעט די ראָבן, אַרויספּיקענדיק די זוימען, און אויך די קיינמאָל נישט זאַט ווערנדיקע טויבן.

שלעכטער, שרעקלעכער און נעבעכדיקער פון אַלעמען זענען געווען די מענטשן.

די פאַמיליע פון דעם סעזאָן-אַרבעטער ניקאַנאָר האָט געאַרבעט ביי צופּעליקע באַלעבאַטים. אָבער איצט האָט יעדערער געציטערט איבערן שטיקל ברויט און צעפּוילטע קאַרטאָפל: מען האָט מער נישט געדאַרפט קיין באַטראַקעס.

...ניקאַנאָרן האָט מען דערלאַנגט אַ גרויען קאָנווערט, בשעת ער איז צוריקגעקומען פון דער אַרבעט. עס האָבן אַ ציטער געטון די הענט, פאָרפּילנדיק עפּעס נישט גוטס.

ער איז צוגעגאַנגען צום לאָמפּ, זיך געזעצט אויף דער טאַבורעטקע און מיט שרעק גענומען אויפרייסן דעם קאָנווערט. נישט אומזיסט איז אים היינט אַ גאַנצן טאָג נישט געגאַנגען אין דער אַרבעט. עס איז אים אויסגעפאַלן אַ האַרטער שיכט, די אָדערן האָט ער זיך

צעצויגן, און קוים אַרויסגעקריגן פּופּצן וואַגאָנעטקעס קוילן. נישט אומ־זיסט האָט אים אַ גאַנצן טאָג געקלעמט דאָס האַרץ. דאָס ווייב האָט געשריבן, אַז זי וויל נישט אויסציען די פיס אין דעם פאַרשאָלטענעם דאָרף. זאָל ער זיין גרייט זי אויפצונעמען. אָט איז ער געקומען, זיך פאַרגנבעט דער אומגליק.

אין ווייטן עק האָבן זיך דערהערט די ערשטע, אַלץ זיך שטאַר־קענדיקע שיכּורע קולות, הילכיק האָט אַ גרילץ געטון אַ האַרמאָניקע, עס האָבן געזומען קלאַפּן אונטערגעשמידטע זוילן איבער דער פּאָדלאָגע.

ניקאַנאָר האָט גאָרנישט נישט געהערט. ער האָט נישט געהערט, ווי עס איז צו אים צוגעגאַנגען דער פּאַרפּעסטיקער דרוזשקאָ, אַרויפ־געלייגט אויף זיין אַקסל די האַנט און געפרעגט:

— וואָס האָסטו אַראָפּגעלאָזט די נאָז, זיידעשי? האָסט היינט ווייניק קוילן אַרויסגעגלובעט? ׳סט נאָך באַווייזן. אייל זיך נישט, אַלטער, אייל זיך נישט צו שטאַרבן!

עטלעכע מאָל איז צו ניקאַנאָרן צוגעגאַנגען אָסטאַפּ, וועלכער איז אָקאָרשט צוריקגעקומען פון דער אַרבעט. אין אַזאַ צושטאַנד האָט דער זון דעם פאָטער נישט געזען זינט דעמאָלט, ווען אין דאָרף נאָך, מיט אַ יאָר פופצן צוריק, איז ביי זיי דערוואָרגן געוואָרן די קו, די איינ־ציקע בהמה, צו וועלכער ניקאַנאָר האָט זיך אין זיין לעבן דעראָביעט. דעמאָלט אַ דערשלאָגענער פונם אומגליק, איז דער געלער אַנידערגע־פאַלן און געוואָיעט, נעקלאַפּט זיך אין דער ערד אַריין, געריסן זי מיט די פינגער. און נאָכדעם האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ, און דורך אַ פאַרצווייפלטן, האָפנונגסלאָזן געוויין געזאָגט:

— דאָס גאַנצע לעבן אונזערס וועלן מיר זיך נישט דערשלאָגן צו אַ קו!

מער האָט ניקאַנאָר קיינמאָל נישט געוויינט.

און איצט האָט ניקאַנאָר, פּונקט אַזוי ווי דעמאָלט, אויך אויפגע־הויבן דעם קאָפּ און שטיל אַ זאָג געטון צו זיך, קוקנדיק מיט די רויט־געוואָרענע אויגן אויפן לאָמפּ:

— הייסט עס, אַז דאָס גאַנצע לעבן איז מיר שוין באַשערט צו גראָבן קוילן, און נישט זיין אַ באַלעבאָס פאַר זיך.

הינטערוויילעכס האָט זיך אָסטאַפּ צוגעשאַרט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, דער פאָטער זאָל זיך נישט אומקוקן. ניקאַנאָר איז גע־זעסן, ווי אַ שטיין, אַ פרעמדער. דער זון האָט זיך שטיל אָנגערופן:

— טאַטע!...

ניקאַנאָר האָט זיך אויפגעכאַפּט, זיך געשטעלט אויף די פיס, אויסגעגלייכט די ביינער, אַריינגענומען די באָרד אין ביידע הענט, ווי ער וואָלט פון איר אויסגעקוועטשט דאָס וואַסער, און צווישן די ציין אַ זאָג געטון:

— גאָרנישט!

ער האָט זיך אויסגעדרייט צו אָסטאַפּן און אים געפרעגט:

— דאָס געלט האָסטו באַקומען? — און שטילער: — אונזערע וועלן איינגיכן קומען. זיי האָבן אַ בריוו געשיקט. מ׳דאַרף אַ סך געלט.

אָסטאַפּ, אַ דערשיטערטער פון דעם נייס, האָט נישט באַוויזן צוצוטראַכטן אַ תּירוץ און האָט אַ בורטשע געטון:

— באַקומען!

ער איז פלינק אַרויף אויף דער אויבערשטער נאַרע. ער האָט זיך לאַנג געבאָרבלט, דורכגעטרייסלט די רעדנעס, דעם מאַטראַץ, דעם קישן, אויסגעקלאַפּט די ברעטער.

און אין ווינקל אונטערן הייליקן בילד פון גאָטס-מוטער האָט זיך קולי-קולותדיק פאַרכלינעט די האַרמאָניקע. עס האָבן איר נישט צום טאַקט צוגעהאָלפן שיכּורע שטימעס, עס האָבן געקלונגען פלעשער, עס האָט געוויינט די סטרונע פון אַ באַלאַלייקע.

ניקאַנאָר האָט פאַרלוירן דאָס געדולד. ער איז אַרויפגעקראָכן אויף די נאַרעס העלפן דעם זון. פּלוצלונג האָט ער אָבער באַמערקט, ווי עס קלאַפּן שנעל און טרוקן אָסטאַפּס פינגער אין די ברעטער. דעמאָלט האָט ניקאַנאָר פאָרזיכטיק אָנגענומען אָסטאַפּס האַנט העכער פונם עלנבויגן, זי צונויפגעדריקט און געפרעגט:

— נו, מנוּוול איינער, ווו האָסטו פאַרטאַכליעוועט דאָס געלט? נו?

ער האָט דערפילט, ווי עס קוילערט זיך צום האַלז צו דער פאַרשיכּורטער פאַרדראָס, ווי עס האָט פון וויטיקדיקער פרייד אַ צאַפּל געטון דאָס האַרץ. אָט איז ער, אָט האָט זיך געפונען דער, צו וועמען מען קאָן אויסלאָזן די גאַנצע בייזקייט, דאָס גאַנצע ביטערע האַרץ.

אָסטאַפּ האָט פאַרשטעלט מיט דער האַנט די נאָז, גאָר איינגאַנצן פאַרגעסן אין זיינע פינף-און-צוואַנציק יאָר.

— טאַטע, אָט ציילעם איך זיך, ביי גאָט, איך האָב עס דאָ אָנגעלייגט, צוגעדעקט מיט דעם קישן. מען האָט דאָס געוויס צוגעגנבעט.

אַרויסלאָזנדיק דעם אָרעם, אויף וועלכן עס האָט געפּלאַצט דער אַרבל, האָט ניקאַנאָר אַ כאַפּ געטון אָסטאַפּן פאַרן קאָלנער, יונג אַראָפּ־געשפּרונגען פון די נאַרעס און מיט זיך אַראָפּגעשלעפּט דעם זון אויף דער פּאָדלאָגע. צודריקנדיק אים מיט דער קני די ברוסט, האָט ער נאָך אַמאָל געפרעגט:

— ווּ איז דאָס געלט?

— מען האָט עס צוגעגנבעט, ביי גאָט, אַז מען האָט דאָס צו־געגנבעט, טאַטע...

דעמאָלט האָט אַ בליץ געטון ניקאַנאָרס פויסט. ווי אַן אָקס פאַר דער שחיטה, האָט אָסטאַפּ געריעוועט אונטער דעם פאָטערס קלעפּ, פאַר־טויבנדיק מיט זיין רעווען דאָס וויינען פון דער האַרמאָניקע און דעם געבריל פון די זינגערס.

די שיכּורע קוילנגרעבערס האָבן ענג אַרומגערינגלט דעם פאָטער און זון און געגאָגערט:

— יאַטן, זעט, דער געלער ניקאַנאָר איז שיכּור!

— פּעטער, פאַרפּאַר אים אין די ציין. אין די צייגער אַריין, פּעטערל. וועט ער אויפהערן וויינען!

— אָסטאַפּ, גיב אים אַ בריקע אין האַלז־און־נאַקן דעם געלן, וואַרף אים אַריבער איבערן קאָפּ. עך, דו, צעקראָכענער!

— נעמט זיי פאַנאַנדער! וואָס רייצט איר זיי אָן, ווי די הינט?— די איינציקע שטים האָט מען דערדריקט, צעקוועטשט, און זי האָט געפּישטשעט ערגעץ אין די הינטערשטע רייען.

ניקאַנאָר האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, זיך איינגעבויגן צום קרעכצנדיקן זון און ווידער געפרעגט:

— ווּ איז דאָס געלט?

— דעם אויפזעער... ער זאָל... אַ פּראָכפּעסיע...

ניקאַנאָר איז פאַרגליווערט געוואָרן פון אָט דעם איינעם וואָרט. ער האָט איבערגעחזרט דאָס וווּנדערלעכע וואָרט, פּונקט אַזוי ווי אַ ניגון פון עפּעס אַ גרויס ליד.

ניקאַנאָר איז שטיל געוואָרן. ער האָט זיך פאַרטראַכט. זיינע געדאַנקען לויפן שנעל־שנעל. זיי שפּרינגען פון דער פאַרלוירענער האָפענונג דאָרט, אין דאָרף, צו אָט דעם נייעם, פולן מיט טרייסט וואָרט: „פּראָכפּעסיע".

— פּראָכפּעסיע! פּראָכפּעסיע!...— שעפּטשעט ער און בויגט זיך

צלץ נידעריקער און נידעריקער אַראָפּ צום זון, נעמט אַרום זיינע באַקן מיט דער געלער באָרד. אָסטאַפּ זעט זיך אין די גרויסע, איבעראַנייס בלישטשנדיקע שוואַרצאַפּלען פון זיין פאָטער און פאַרגעסט דעם ווייטיק.

און ניקאַנאָר הויבט אויף דעם זונס קאָפּ, מיט דער אָנגעמאַזאָליעטער האַנט ווישט ער אים אָפּ זיינע האָר און זאָגט פאַרלוירן, שולדיק:

— וואָלסט עס באַלד געדאַרפט זאָגן. אָט אַ נאַרישער קאָפּ.

אויסגלייכנדיק זיך, האָט ער דערזען די פאַרווונדערטע, גאָרנישט פאַרשטייענדיקע מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען אַרום זיי, און ער האָט זיך ביז אַרויפגעוואָרפן אויף זיי:

— וואָס דאַרפט איר? וואָס האָט איר צעעפנט די מיילער?

די קאַזאַרמע-איינוווינער האָבן גאַנץ גוט געקאָנט דעם טעם פון ניקאַנאָרס פויסטן און האָבן זיך אָפּגעטראָגן.

ניקאַנאָר האָט מיט אַ נאָז-טיכל אויסגעווישט אָסטאַפּס ברוסט און שטערן און שטילערהייט אים פאָרגעוואָרפן:

— פאַרוואָס-זשע האָסטו עס באַלד נישט געזאָגט?

געשלאָפן זענען זיי אויף איין געלעגער. ביינאַכט האָבן די שכנים זייערע אויף די נאַרעס געהערט, ווי זיי האָבן זיך וועגן עפּעס לאַנג און הייס געשושקעט. דער קוילנבערעכער קאָוואַל, האָט אונטערגעהערט בלויז איין וואָרט „פּראָכפּעסיע." מער האָט ער גאָרנישט נישט געקענט הערן.

קאַפּיטל צוויי

דיי זענען געקומען צופאָרן בשעת ניקאַנאָר און [illegible] זענען געווען ביי דער אַרבעט. עמעצער האָט זיי אָנגעוויזן דאָס אָרט אויף די נאַרעס, ווו זייערע מענער זענען געשלאָפן.

ביזן אָוונט זענען זיי געזעסן אויף די טלומקעס, אין וועלכע עס האָט זיך געפונען זייער גאַנץ האָב און גוטס, נישט אויסטוענדיק זיך, נישט אַרויסרעדנדיק מיט קיינעם קיין וואָרט. די שוואַרצאויגיקע האַרפּינא האָט קוים-קוים אויפגעצייטערט מיט די פּוכקע, רויטע ליפּן, זי האָט געטראַכט וועגן דעם, ווי זי וועט זיך באַגעגענען מיט אָסטאַפּן. זי האָט בגניבה אַ קוק געטון אויף דעם מאַנס געלעגער, גע-

וואָלט טרעפן, ווו עס ליגן באַהאַלטן די מתנות, וועגן וועלכע ער האָט איר געשריבן.

די גראָע מאַרינא האָט זיך שטיל געשאָקלט אויף די טלומקעס. אונטערשפּאַרנדיק מיט דער ברוינער האַנט דעם קאָפּ, האָט זי געטראַכט וועגן דעם נייעם לעבן, וואָס עס שטייט איר דאָ פאָר. די בענקשאַפט צו דעם, וואָס איז צונישט געוואָרן, האָט איר נישט אָפּגעלאָזט. פערציק יאָר האָט מאַרינא געטרוימט וועגן איר באַלעבאַטישקייט, וועגן יענע ווינטערדיקע נעכט, ווען זי וועט אין פוטערפּאַס שלאָגן פוטער פון דער פעטער סמעטענע, פון דער מילך פון אירע זאַטע קי. פון הערצווייטיק פאַרמאַכט אַזש מאַרינא די אויגן, און עס דוכט זיך, אַז זי דרימלט.

בלויז קאָזמאַ, דאָס גרויסאויגיק, דאַר און שוואַרץ ייִנגעלע, זאָרגט גאָרנישט. ער לויפט אַרום איבער דער קאַזאַרמע, קלעטערט אַרום איבער די ליידיקע נאַרעס. עמעצער האָט אים געגעבן אַ שטיקל ברויט. ער האָט דאָס געבראַכט דער מוטער און דער באָבען, עס צעטיילט און ווידער אַנטלאָפן אין אַנדערן עק פון דער קאַזאַרמע.

שפּעט אין אָוונט זענען געקומען די לאַנגדערוואַרטע. אָסטאַפּ האָט זיך באַגריסט מיט דער מוטער, און זיך גלייך אַ לאָז געטון צום ווייב, אַראָפּגעריסן פון איר דאָס טיכל. עס האָבן זיך צעשאָטן די לאַנגע און געדיכטע האָר. זי האָט זיך צעלאַכט, אַ דריי-געטון מיטן האַלז, און די שוואַרצע גריווע האָט זיך אַ וואָרף געטון און געהאָרכ-זאַם זיך געלעגט אויף דער פּלייצע. אין אַ ווײַלע אַרום האָט שוין האַרפינא דערציילט דאָרף-נייעס.

ניקאַנאָר, איינגראָבנדיק די ליפּן, איז פּאַמעלעך צוגעגאַנגען צו די נאַרעס. ער האָט זיך באַגריסט מיט די אייגענע מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ און זיך גלייך גענומען צו קאָזמאַן. ער האָט אים געקיצלט מיט דער באָרד, אינגאַנצן אויסגעשמירט. דער קליינער האָט געלאַכט, דער זיידע האָט געכאַכעט. האַרפינא האָט געווישט די טרערן פון פרייד. אָסטאַפּ האָט געסאָפּעט פון גליק, און בלויז איין מאַרינא האָט געציטערט מיטן ברעג פון די בלוטלאָזע, אָפּגעבליאַקעוועטע ליפּן און ווי פריער זיך געשאָקלט, אַן אָנגעכמורעטע, וואָס האָט שוין אויסגע-וויינט אַלע אירע טרערן.

נאָך דעם ווי דער זיידע האָט אָפּגעוואַשן פון זיך דעם קוילן-

שטויב, האָט ער זיך געזעצט נעבן ווייב, פּאָרזיכטיק אַרויפגעלייגט זיין פויסט אויף איר קני און מיט אַ געמאַכטן געלעכטער געזאָגט:

— נו, אַלטע, הייסט עס, אַז מען הויבט אָן אַ ניי לעבן...

מאַרינא האָט זיך אָנגעלענט אין ניקאַנאָרס אַקסל און אָנגע־הויבן ציטערן.

...דער אַלטער האָט זיך אָפּגעצוימט מיט זיין געזינדל אין ווינקל פון דער קאַזאַרמע מיט אַ סיצעגעם פאַרהאַנג. פאַרטאָג פלעגן ניקאַנאָר און אָסטאַפּ אַוועקגיין צו דער אַרבעט. און דער שוויגער מיט דער שנור פלעגט מען פון דער גאַנצער קאַזאַרמע צונויפברענגען די הממדער, די גאַטקעס צום געוועש. די פרויען האָבן געוואַשן, גערוימט, זיך געבויגן אין צענטן, און געטרוימט וועגן דער צוקונפט.

די פאַרלעך פלעגן ביינאַכט לאַנג נישט שלאָפן און האַלטן אין איין סודען זיך.

אָסטאַפּ האָט, אַרונטערלייגנדיק די הענט אונטערן קאָפּ, צעעפנ־דיק ברייט די אויגן, דערציילט האַרפינאַן, וואָס פאַרא לעבן עס שטייט זיי פאַר, בשעת ער וועט ווערן אַ מייסטער. די יונגע פרוי האָט זיך געוואָרפן מיט די וואַרעמע פיס, און האָט געזיפצט.

די אַלטע האָבן געטראַכט פון איצט. ניקאַנאָר האָט געטענהט:

— ס'איז דאָ דושנע, נישטאָ מיט וואָס צו אָטעמען.

מאַרינא האָט פאַרקלערט צוגעגעבן:

— ס'זאָל כאָטש זיין אַ שטיקל כאַלופּע.

— און ווו נעמט מען דערויף געלט? — האָט בייז איבערגע־שלאָגן דער ניכטער־ווערנדיקער קוילנגרעבער.

— געלט?... אפשר וועט דער באַלעבאָס העלפן?...

— דער באַלעבאָס?... אפשר ביסטו גערעכט, דער באַלעבאָס?... ווייניק גוטע מענטשן זענען דאָ אויף דער וועלט.

און אָט האָט זיך ניקאַנאָרס גאַנץ געזינט אויסגעפּוצט אין די יום־טובדיקע מלבושים און איז אַוועק צום באַלעבאָס פון דער שאַכטע, צום דייטש קאַרל פראַנצאַוויטש ברוט.

זיי זענען אַריין אין קאַבינעט, לאַנג און זאָרגעוודיק פאַרמאַכנ־דיק הינטער זיך די הויכע טיר. ניקאַנאָר האָט אָפּגעווישט דעם שטויב פון דעם באַלעבאָס טיש, געצופּט דאָס פוטערנע היטל און אַרויסגע־בראַכט געגאַרטע ווערטער, וועלכע זענען דורכגעטראַכט געוואָרן אין

משך פון נעכט, פון חדשים, וואָס זענען פאַרבראַכט געוואָרן הינטער דעם פאָרהאַנג אין דער קאַזאַרמע.

— קאַרל פראַנצאָוויטש, מיר זענען מיט דער גאַנצער פאַמיליע געקומען צו אייך מיט אַ בקשה. איך אַרבעט פאַר אייך, קיין עין-הרע, געטריי, בעט איך אונטערטעניקסט אַ מקום-מנוחה פאַר זיך, אַ שטיקל כאַלופע. איך וויל אינגאַנצן, צוזאַמען מיט מיין ווייב, מיט מיין זון און אייניקל, צו אייך אויף דער שאַכטע זיך איבערקלייבן.

קאַרל פראַנצאָוויטש הויבט פריינטלעך די צעבאַרשטע וואָנסן, בלאָזט תאווהדיק דורך די נאָזלעכער דעם שמעקנדיקן רויך, זשמורעט שמייכלענדיק די אויגן און ענטפערט ווייך:

— נישטאָ קוואַרטיר! ערד איז קנאַפּ, מענטשן זייער אַ סך. — ער וויל נאָך עפּעס צוגעבן, ער פאַרכאַפּט זיך אָבער און וואַרט — אַ נייגעריקער, אַן אָנגעשפּיצטער, און איידעלער.

„נישטאָ קוואַרטיר!“ — הערט דער קוילנגרעבער ניקאַנאָר, עס דוכט זיך אים אָבער, ער פילט אין דעם דייטשס קול, אַז מען דאַרף אים נאָר אַ בעט טון, און ער וועט באַגליקן. עס וועט אים דאָך גאָרנישט קאָסטן, און פאַר ניקאַנאָרן, פאַר זיין פאַמיליע וועט עס זיין אַ גליק אויפן גאַנצן לעבן!

ניקאַנאָר האָט זיך דערמאָנט אין דעם הונגעריקן אַזאָווער קאַנט און ער האָט זיך אַ וואָרף געטון און גענומען קריכן איבער דעם פּאָלירטן האָלץ פון דעם רויטן קאַבינעט. איינהויקערנדיק זיך אויף דעם געבלומטן קאָבריץ, האָט ער געבעטן, געבעטלט:

— קאַרל פראַנצאָוויטש, כאָטש אַ כאַלופע, כאָטש בלויזע שטיינער!

ברוט איז צוגעגאַנגען צו דעם לאַנגן און ברייט-אויסגעצויגענעם ניקאַנאָרן און מיט פאָרוואורף אַ זאָג געטון:

— אָ, ס׳אַרא אָרעמער רוס! אָ, מיר האָבן האַרץ, מיר איין העלפן!

ניקאַנאָר האָט באַקומען פון באַלעבאָס אַ דערלויבעניש צו פאַר-נעמען אַ שטיקל ערד אין די פוילע רינשטאָקן און זיך דאָרט שטעלן אַ כאַלופע.

דער געלער ניקאַנאָר גייט אין עק ישוב, אַן אויסגעגלייכטער, מיט אַ הויך-אויפגעהויבענעם קאָפּ, ער גייט איבער דעם שיפּוע פון דעם גראָבן, און דער שאָטן פון זיין קאָפּ פאַלט אַראָפּ אונטן, אויפן דעק. די הענט דריקן פעסט די שאַרפע לאָפּאַטע. ניקאַנאָר שטעלט

די פּיס ברייט, זשעדנע, ער קוקט פאָרויס אין דער פעטער ערד, און אין דער באָרד בליט די פרייד. הינטער אים גייט אָסטאַפּ מיט אַ ברייטער לאָפּאַטע, די איינגעהויקערטע מאַרינאַ מיט אַ טלומעק זאַכן און פאַרשימלט קרויט אין אַ געלן קריג.

די פעטע רינשטאָקן זענען געלעגן אין עק שטאָט יאַמאַ*). גע־שטאַנען איז דאָס דאָזיקע הילצערן-ליימיקע שטעטל אויף אַ בערגל. גאָר פון אויבן זענען רחבותדיק געשטאַנען די פּאַלאַצלעך פון די פראַנצויזישע און בעלגישע קאָנצעסיאָנערן, פון די דירעקטאָרן, אינ־זשינערן, פאַרוואַלטערס פון די קוילנגראָבנס שטייגערס און טעכניקער.

צוליב דער זוניקער זויבערקייט, גלאַנץ און פרישקייט, האָט מען די דאָזיקע גאַסן אַ נאָמען געגעבן די העל-בלויע קוואַרטאַלן.

באַלד דערנעבן איז געלעגן די גאַס פון די בוכהאַלטאָרן און העכערע באַאַמטע. נאָך נידעריקער — פון די ביוראָליסטן און אָנגע־שטעלטע. און ווייטער — נעענטער צום רינשטאָק — הינטער די הויכע פאַרקאַנעס מיט די געמאַלעוועטע טויערן, הינטער די באַטיסטענע פאָר־הענגלעך, האָבן געוווינט די אַלטע תושבים—די שאַכטע-מאָנטערן, די אויפזעער, וואָס האָבן געפונען חן אין די אויגן פון דער דירעקציע.

דרייסיק שטיק קאָפּעקענע ברעטלעך האָט ברוטן געקאָסט די אידעע, אויף וועלכער ניקאַנאָר האָט אים אַרויפגעפירט. דער דייטש איז געווען אַ פּיפּיקער און אַ רירעוודיקער באַלעבעסל. געקומען איז ער קיין רוסלאַנד מיט אַ קליין קאַפּיטאַלעכל. ער האָט זיך גע־קויפט אַ קליין שאַכטעלע, פון וועלכן מען פלעגט די קוילן פון אונטער דער ערד אַרויסשלעפּן מיט דער הילף פון אַ הויבער, געשפּאַנט אין פערד, צו דרייסיק פּודיקע פּעסער. די שאַכטע האָט זיך געפונען אין סאַמע עק פון דעם ישוב יאַמאַ. געהייסן האָט זי די „פוילע״, אַלס צולאָג האָט ברוט באַקומען די פאַרמיסטיקטע פעטע רינשטאָקן. אין אַ פּאָר יאָר אַרום האָט זיך דער ישוב פאַרוואַנדלט אין אַ שטאָט, אין דאָס נישטיקע זאַוואָדל — אין דעם סאַמע גרעסטן זאַוואָד אין גאַנץ רוסלאַנד. עס האָבן זיך אויסגעברייטערט די שאַכטעס, עס זענען געגראָבן געוואָרן נייע, און דעם דייטשס שאַכטעלע, וואָס איז שוין דאַן געוואָרן איינע פון די גרעסטע, האָט מען צוגעדריקט ביז צו דער שטאָט, ביז צו די פעטע רינשטאָקן. ברוט האָט שוין נישט ווו

*) גרוב. (איבערז.)

זיך פאנאנדערצובויען. אומעטום איז פארנומען, באזעצט. עס פוסטעווען בלויז די ליימיקע ערטער, די פוילע רינשטאקן.

דער פיפיקער און אונטערנעמערישער דייטש האט באשלאסן צו פארלייגן א ישוב אויף די רינשטאקן. און אט איז אונטערגעקומען דער זיידע, און דער באלעבאס האט אים ברייטלעך צוגעווארפן די נדבה — א שטיקל ערד און עטלעכע צענדליק ברעטער.

און דארט איז גאר קיין ערד נישט געווען. די ברעגעס האבן זיך אויפגעהויבן הויך און שיפועדיק. דאס פרילינג־וואסער, דער צעלאזטער שניי צעשווענקען דעם געלן באדן, און ער פלעגט איינפאלן, און עס האבן זיך געשאפן היילן, גריבער. נישט קיין באקוועם ארט איז דאס געווען, אפילו קיין גראז איז דארט נישט געוואקסן.

די פוילע רינשטאקן האבן אויך מענטשן־בלוט געזען. גאנץ אפט פלעגט דאס פאליצײ־קעטשל דורכפארן דורכן ישוב און פון אונטער דעם ברעזענטענעם ביידל האבן ארויסגעשטארצט פארגליווערטע פיס. פון די רינשטאקן פלעגט מען ארויספירן פארבלאנדזשעטע שיכורים, בארויבטע, דערהרגעטע, פארגוואלדיקטע און זעלבסט־מערדער.

א גהינומדיק ארט. און דער קוילנגרעבער ניקאנאר גייט אויפן ברעג פון די רינשטאקן, לאזט נישט אראפ דעם קאפ, טרעט נישט אפ. ער האט אויסגעקליבן א פיצל ערד קעגן דער זון. אפגעמאסטן מיט די פיס צוואנציק קוואדראט ארשין און, נישט דערלאזנדיק, די זארג זאל זיך שטילן, האט ער, באגייסטערט, א שפאן געטון צו מזרח, אראפגעריסן פון קאפ דאס האריקע היטל, א ווארף געטון אויף די קני זיין ברייטפלייציקן גוף, די פרוי, אסטאפן, די שנור, און פיר פאר הייסע ליפן האבן זשענדע א קוש געטון די ערד, שעפטשענדיק אלע מיטאמאל:

— גאט, זאל זיין מיט גליק!

נישט שפירנדיק די פעטע ביטערקייט און דעם ריח פון נבלה, האבן זיי אנגעהויבן גראבן אן ארט פאר דער כאלופע.

נישט געארבעט האט בלויז דאס שווארצע און דארע איייניקל ניקאנארס — דער פינפיעריקער קאזמע. ער האט זיך געפרייט, אז סוף־כל־סוף האט מען אים ארויסגעלאזט אויף דער פריי. ביז איצט איז ער גאנצע טעג אפגעזעסן אין קאזארמע. דורך דעם פארשטויבטן פענסטער

האָט ער בלויז געקענט זען דעם הויכן באַרג, איבער וועלכן עס זענען אַרומגעלאָפן וואַגאָנעטקעס מיט קוילן.

און איצט—אַזאַ רחבות! קאָזמאַ לויפט אַרום איבערן ברעג פון דעם ריינשטאָק, לאָזט זיך אַראָפּ אין די היילן און אין הייסטן טאָג איז דאָרט קיל. די זון שעמט זיך אַהער אַריינצוקוקן.

קאָזמאַ זוכט דעם וועג אויף צוריק. ער וויל זיך דאָ נישט שפּילן. ער בעט די באָבע, זי זאָל מיט אים צוריקגיין אין קאַזאַרמע אַריין. די באָבע האָט אָבער קיין צייט נישט אויף אים זיך אומצוקוקן.

אומעטיק. קאָזמאַ גייט צו צום זיידן און פרעגט אים:

— זיידעשי, נאָך וואָס גראָבט איר אַזאַ גרויסן קבר?

ניקאַנאָר האָט זיך אויסגעגלייכט, אַ שמיץ געטון דעם גראָבאייזן. מיט די שטיינערנע פינגער האָט ער אַ קלאַפּ געטון איבער דעם יינגעלעס ליפּן און, פאַרבאַהאַלטנדיק די שרעק, האָט ער אַ געשריי געטון:

— ווער פאַרשטומט, ממזר!

זיי גראָבן אָן אָפּרו די כאַלופּע. ניקאַנאָר הויבט נישט אויף דעם קאָפּ, גלייכט נישט אויס דעם רוקן. די געלע האָר זענען פונם שווייס געוואָרן טונקעלער. שמוציקע טראָפּנס פאַלן אויף דער אויסגעגראָבענער ערד. ניקאַנאָר שלאָפט כמעט נישט, ער גראָבט, ווי ער וואָלט זיך געראַטעוועט פון אומקום. אַמאָל נאָר נעמט ער אויף די הענט דעם קליינעם קאָזמאַ, קיצלט אים מיט דער באָרד די באַקן און פאַרטרויט אים דעם טייערן סוד:

— קוזקאַ, עך, וועלן מיר דאָס דאָ אַ לעב טון אויפן נייעם אָרט!

— איך וויל נישט, זיידעשי, עס שטינקט דאָ...

ניקאַנאָר האָט אים אַראָפּגעשטופּט פון די קני. בייז נאָכגעקוקט, ווי קאָזמאַ אַנטלויפט און זיך געטראַכט: „אַ ווילדער וואַקסט ער! און גיין גייט ער אויך נישט, ווי מיר, די טריט זענען גאָר אַנדערע. מ'דאַרף אים נעמען אין די הענט אַריין!"

*

ערגעץ גאָרנישט ווייט פון ניקאַנאָרן לויפן די רעלסן פון דער באַן; דאָרטן קלאַפּן טאָג און נאַכט די רויטע וואַגאָנעס פון די משא-צוגן. פון די ברייטע טירן קוקן אַרויס די געגאָלטע קעפּ פון די

רעקרוטן. מען פירט זיי אויפן ווייטן מזרח מלחמה צו האלטן מיט די יאפאנער. אויף דעם קליינעם סטאציעלע הערט מען טאג און נאכט געוויינען. עס וויינען די מוטערס, וואס באגלייטן זייערע זין, עס יאמערן די ווייבער, עס ריטשען די קינדער.

אויף דעם זאוואד בונטעווען זיך די ארבעטער. עס שטרייקן עטלעכע אפטיילונגען. עס האלט שוין ביי דער הוטע. די קאזארמע, ווו ניקאנאר וווינט, ווייסט נישט פון קיין טאג און קיין נאכט. און דער געלער זיידע וויל פון גארנישט וויסן. פונקט אזוי ווי פריער, יעדן קאיאר, עס הערט נאך נישט אויף צו פייפן די סירענע, לויפט ער אין דער שאכטע אריין, לאזט זיך דער ערשטער אראפ, באקומט פון דעם אויפזעער זיין באשטימונג. האבנדיק אין זינען די כאלופע, פירט ער אוועק דעם אויפזעער אין א זייט און בעט זיך ביי אים:

— גאווריל גאווריליטש, טו א טובה, טייל מיר אויס אזוי, אז די קוילן זאלן זיין ווייכער... וועסט קריגן פון מיר מאהאריטש.

דער אויפזעער קווענקלט זיך, טופקעט זיך אויף איין ארט, און זאגט מיט א פאלש קול:

— דאס טאר מען נישט. קארל פראנצאוויטש האט טענות פאר אזעלכע זאכן... נאר דו קאנסט גיין אויפן פופצנטן ארט. נאר דארט, זעסטו, האט מען נאך נישט באוויזן אונטערצושפארן, צו פארפעסטיקן...

— עס מאכט נישט אויס, איך וועל אליין, און קיין געהילפן שיקט מיר אויך נישט, — האט זיך ניקאנאר דערפרייט. ער האט נישט געוווסט, אז ביינאכט איז דער קוילנגרעבער קאוואל, וועמען מען האט געשיקט אין דער פופצנטער אפטיילונג, צוריקגעקומען אין דער קאנטאר און דערקלערט:

— אויפזעער, מען קאן דארט נישט ארבעטן: דער דאך בוניעט *), מען קאן נאך פארשיט ווערן. מען דארף דארט בעסער אונטערשפארן!

— מענטשן האבן דארט געארבעט, און דו קאנסט נישט!

— ניין, אויפזעער, באפריי מיך, אין דער פופצנטער וועל איך נישט ארבעטן.

— נו, וועסטו גיין אהיים, קיין פוילאקעס דארפן מיר נישט.

---

*) אזא קלאנג, וואס הערט זיך אין די קוילן-שאכטעס, לויט וועלכע די בארג-ארבעטער דערקענען די געפאר פון א קאטאסטראפע.

— פאַרוואָס אַזוי שטרענג? איך זאָג דאָך דעם אמת...

— גענוג, — איז דער אויפזעער אין כעס געוואָרן, — חברה, — האָט ער זיך געווענדט צו די קוילנגרעבער, וועלכע זענען דאָ גע-שטאַנען און געוואַרט אויף אַ באַשטימונג.—ווער גייט אין דער פּופּצנטער?

די קוילנגרעבער האָבן זיך אָנגעכמורעט און זיך אָפּגעקערט. מיט עטלעכע טעג צוריק האָט זיך אָפּגעריסן אַ טויזנטפּודיקער שיכט און צוגעדריקט דעם קוילנגרעבער בראָווקין.

עס האָבן זיך נישט געפונען קיין בעלנים אין דער פּופּצנטער, און ניקאַנאָר איז אָן דער מינדסטער קווענקלעניש אַהין געגאַנגען אַרבעטן. ער האָט געוווּסט, אַז דאָרט איז נישט זיכער, אָבער ער האָט זיך געטרייסט:

„דערפאַר זענען דאָרט די קוילן אַזוי, ווי די ערד, ברעקלען זיך אַליין. און פאַר אַן איינשטורץ איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן, מען דאַרף נאָר זיין אויף דער וואָך. איך וועל עס דערשפּירן".

דער אויפזעער האָט, אַ צופרידענער, וואָס דער סקאַנדאַל האָט זיך אַזוי גינסטיק פאַרענדיקט, אָנגעקלונגען צום באַלעבאָס, אַז דער בעסטער קוילנגרעבער איז אַוועק אַרבעטן אין דער פּופּצנטער. און די קוילנגרעבער האָבן, שאָקלענדיק מיט די קעפּ, איבערגעגעבן איינער דעם אַנדערן:

— דער געלער ניקאַנאָר איז אַוועק אַרבעטן אין דער פּופּצנטער!

— אַ זשעדנער טייוול, דער אַלטער!

— ער וועט דערוואָרגן ווערן מיטן ביסן!

אַריינקומענדיק אין דער פּופּצנטער, האָט ניקאַנאָר גענומען אויס-קלאַפּן דעם צודעק. עס האָט שטיל, פאַרטייעט געהודיעט.

— ער בוניעט, דער נאַרישער קאָפּ, ער בוניעט!—און אַן אויפ-געמונטערטער דורך זיין אייגענער שטים, האָט ער זיך אויסגעטון ביזן גאַרטל, זאָרגפעליק צונויפגעלייגט די מאַרינאַרקע און דאָס העמד, איינ-געריכטעוועט דאָס העקל, קאָנטראָלירט, צי די שליטלעך זענען אין אָרדענונג, דורכגעשוועקט פונם פלעשל דעם האַלז, זיך איבערגעציילעמט און, אַ זייטל טוענדיק אויף דעם פּוכקן און נידעריקן דאַך, האָט ער זיך צעוויגט און, אַ האַקע טוענדיק בשעת-מעשה פון געווינשאַפט, האָט ער אַ קלאַפּ געטון אין דער קוילן-שיכט.

דער אַלטער רייסט די קוילן, און עס דוכט זיך אים, אַז ער צעגראָבט די ערד אין די פולע רינשטאָקן, ער בויט זיין כאַלופּע.

אויף ניקאַנאָרס רוקן דרייען זיך, אַזוי ווי די רודערס, די לאָפּאַטקעס, דער חוט־השדרה איז איינגעפאַלן, אויף דעם אָרט האָט זיך אויסגעבילדעט אַ טיף גראָבנדל, און פון קאָפּ, פון די אַקסלען רינט אַהין אַראָפּ אַ שוואַרצער שווייס, וועלכער פאַרשווינדט הינטער דעם גאַרטל פון די לייוונטענע פלודערן. ניקאַנאָר ווישט נישט אויס דעם שווייס, בלויז זעלטן־זעלטן כאַפּט ער אַ זופּ וואַסער פונעם פלעשל.

ער וויל ענדערן די פּאָזיציע. ער לאָזט אַראָפּ דאָס העקל און לייגט זיך, אויסציענדיק די פיס. די פיס זענען אָבער פאַרגלייווערט און ווילן נישט פאָלגן.

ניקאַנאָר דריגעט מיט די פיאַטעס, רייבט אונטער די קני — עס העלפט נישט.

עס ווילט זיך אים אַזש וויינען פון דעם, וואָס ער פאַרלירט איבעריקע צייט.

און מיטאַמאָל איז אים אַן אימה באַפאַלן: אויב איצט וועט דער גראָבן איינפאַלן, וועט ער אַפילו קיין טריט נישט קאָנען מאַכן. דער אַלטער האָט אויפגעשוידערט. ביסלעכווייז זענען די פיס געקומען צו זיך. מיט אַ לייכטן געמיט איז ער צוגעפאַלן צום פלעשל, אָבער עס איז אין דעם קיין לעק וואַסער נישט געווען. מיט רוגזה האָט ער דאָס אַ שמיץ געטון אין אַ זייט.

ער האָט געחלשט אַ טרונק וואַסער, די ליפּן זענען געווען באַדעקט מיט שטויב, דער האַלז פאַרטרוקנט. דאָס וואַסער האָט זיך אָבער געפונען אַ האַלבע שעה גאַנג פון דאַנען: אַ שאָד די צייט. ניקאַנאָר פויזעט צו צו דער פייכטער וואַנט און לעקט אָפּ מיט די טרוקענע ליפּן די ביטערע, מיט פולווער שמעקנדיקע טראָפּנס.

הינטער דער טיר פון דער ווענטיליר־עפענונג פייפט און וואָיעט דער ווינט. אין דעם שכנותדיקן, איינגעפאַלענעם גראָבן, גריזשען די שטשורעס דאָס איבערגעפוילטע האָלץ; עס קלאַפּן אויף די קוילן די הילכיקע וואַסער־טרערן.

נאָכדעם, ווי ער האָט אָנגעגראָבן אַ גאַנצן באַרג קוילן, האָט ניקאַנאָר גענומען שלעפּן דורך דעם ענגן, לאַנגן, דורכגעגראָבענעם גאַנג דעם שמאָלן, זעכציק־פודיקן קאַסטן. אויפן אַקסל, ווי אַ כאָמוט, ליגט דער פאַרוסינענער פאַס, פונעם פאַס איבער דער ברוסט ציט זיך אַ גראָבע שטריק, וואָס איז מיט אַ רינג צוגעפעסטיקט צום האַקן פונעם

קאָסטן. דער פּאַס שניידט אויס אויף דער ברוסט אַ רויטן רינג; די גלעזערנע קוילן שניידן די הענט.

ניקאַנאָר ליידט. ער איז צופרידן, וואָס ער אַרבעט אָן אַ שליטן־שלעפּער און וועט קאָנען פאַרדינען נאָך פערציק קאָפּיקעס פאַרן שלעפּן. ער טראַכט וועגן זיין כאַלופּע, און דער קאָפּ דרייט זיך אים אַזש פון פרייד. דאָס גאַנצע לעבן זיינס האָט ניקאַנאָר גאַלאָד־ אָפּגע־לעבט אַלס באַטראַק, געשלאָפן אין די שייערן, אויף די וואָגנס. און איצט בויט ער זיין אייגענע כאַטע.

ווען דורך די שטאָלערנע געפלעכטן פון דער שאַכטע באַווייזט זיך דער ערשטער שטערן, וואַרפט די ווינדע אַרויס ניקאַנאָרן אויף דער ערד.

נישט אָפּשטעלנדיק זיך אין ערגעץ, איילט ער צו די פוילע רינשטאָקן. דאָרט ראָיעט זיך אַ גאַנצן טאָג, ווי אַ מוילוואָרף, זיין אַלטיטשקע. ער וואַשט זיך שנעל אַרום, קייט איבער אַ שטיק פּיסנע ברויט, און נעמט זיך ווידער גראָבן.

ניקאַנאָר גראָבט אויס נישט קיין גרויסן גרוב, צעדרויבלט דאָס ליים און נעמט צוויי בלעכענע עמערס און גייט צום סטאַו. ער באַגיסט דעם גרוב מיט וואַסער, און נאָכדעם, פאַרקאַשערנדיק די פּלודערן ביז איבער די קני, וואָס זענען באַוואַקסן מיט רויטע האָר, הויבט ער אָן קנעטן דאָס ליים אויף רויע ציגל. טיאָפּקענדיק אין דער בלאָטע, צעטרעטנדיק די שטיקער, רעכנט ער בשעת־מעשה אויס, וויפל ציגל ער וועט דאָס דאַרפן אויף צו באַפעסטיקן די ביישטידלעך פון דער טיר.

ביים נאַכט־עסן קוקט ער אויף די העלע, ערב קאַיאָרידיקע שטערן און טענהט צום זון:

— דו האַלט זיך וואָס־ווייטער פון די בונטאָווטשיקעס, אָסטאַפּ, צו קיין גוטס וועלן זיי דיך נישט דערפירן. ביסט אַ טאַטע פון קינ־דער, און האַרפּינאַ, זעסט, גייט שוין ווידער מיט אַ נייעם בויך!

*

אָסטאַפּ פלעגט נאָך אַסך פריער, פאַר דעם פייפן פון דער סי־רענע, קומען אין דער אייזן־הוטע; ער האָט זיך באַמיט, אַז דער אויפזעער, דער אינזשיניער זאָלן אים באַמערקן. ער פלעגט אָפּזוכן דעם אויפזעער בוטילאָטשקין, זיך באַגריסט מיט אים און, אַריינקוקנ־דיק אים אין די אויגן, געטענהט:

— איר זעט, קיין עין־הרע, זייער גוט אויס, מיקאָלאַ ניקאָלאַ־יעוויטש... זאָל אייך גאָט העלפן.

ער איז אַרומגעלאָפן איבער דעם גיס־הויף אַ פלינקער, אַ לייכטער. מען האָט אים געגעבן אַ צונעמעניש „די אָל". אָסטאַפּ האָט נישט לאַנג געאַרבעט אַלס טשוהון־גיסער. דעם מייסטער איז שטאַרק געפעלן געוואָרן, ווי אַזוי דער קנאָכיקער יונג, מיט דעם צעכראַסטעטן העמד, דרייט איינער אַליין איבער גאַנצע שטיקער טשוהון, אַרום וועלכע עס פלעגן זיך געוויינלעך וואַדזגען עטלעכע מענטשן. מען האָט אים איבערגעפירט אַלס געהילף־שמעלצער. דער אָנצייניקער שמעלצער, וועלכן אַלע האָבן גערופן „האַרבוז", האָט אַוועקגעוואָרפן דעם גראָבאייזן, אויסגעטון די הענטשקע, איז צו אים צוגעגאַנגען, אים אויסגעשטרעקט אַ וואַרעמע האַנט און מיט אַ שמייכלע זיך אָנגערופן צו אים:

— גוט־מאָרגן, יונגאַטש, גוט־מאָרגן! — ער האָט אָן צערעמאָניעס גענומען באַטאַפּן אָסטאַפּן העכער פון דעם עלנבויגן, טייטלענדיק מיטן פינגער אין דער ברוסט אַריין. — ביסט אַ שטיין, יונגאַטש, אייזערנע מוסקולן! אַ שאָד, מען וועט דיך דאָ אויפפרעסן, פון דיר אַ תל מאַכן! היט זיך. מאָרגן איז יום־טוב, קום אַריין צו מיר, וועלן מיר צוזאַמען טיי טרינקען.

און אינאָוונט, באַלד נאָך דער אַרבעט האָט בוטילאָטשקין אָפּגעוואַרט אָסטאַפּן און אים דערלאַנגט די האַנט, באַגריסנדיק אים:

— מיט גליק, טייערינקער! עס פרייט מיך זייער, וואָס עס גייט דיר, קיין עין־הרע. גייסט באַרג־אַרויף, ליבינקער, דורך מיין האַנט. גוט. אויסגעצייכנט גוט. — און האָט געוואַרט, דרייענדיק אַ קנעפּל פון אָסטאַפּס קורטקע.

אָסטאַפּ האָט געשוויגן, נישט אָנשטויסנדיק זיך, וואָס ער מיינט. דעמאָלט האָט בוטילאָטשקין קלאָר אים געגעבן צו פאַרשטיין:

— היינט, טייערינקער, קאָן איך מיט דיר אין קאָמפּאַניע פאַרברענגען...

— איך האָב קיין געלט נישט, מיקאָלאַ...

— נו, מילא, טייערינקער, מילא! אַז מען האָט נישט — איז נישט... מען וועט דיך מאָרגן מוזן צוריק אַוועקשטעלן אַלס טשוהון־גיסער.

— מיקאָלאַ ניקאָלאַיעוויטש...

...ביינאַכט זענען זיי געווען אין דעם מיט סיץ־פאַרהאַנגענעם

קאַבינעט. עס האָט געיאָמערט די „מעווע״. אויף אָסטאַפּס ברוסט האָט געווײַנט בוטילאָטשקין. הינטער די טאַפּעטן האָבן געשאָרכעט די פּרייסן, און אויפן טעלער זענען פּאַרגליווערטע, מיט געפּערלעך־אויסגעטאָלע־פּעטע ווייסע אויגן, געלעגן די קרעבסן.

אָסטאַפּ האָט געהאַלטן אין איין טרינקען. אויף זײַן באַק האָט זיך אַוועקגעזעצט אַ פליג, ער האָט זי אַראָפּגעטריבן. עס האָט זיך אים אָבער געדוכט, אַז זי האָט זיך ווידער אַוועקגעזעצט און דראַפּעט אים די הויט. ער האָט אויפגערייצט פאַרשטעלט דאָס געזיכט מיטן ברעג טישטוך, אים שטאַרק אַ שלעפּ געטון: פונם טיש האָט, קלינגענ־דיק, זיך גענומען שיטן דאָס געפעס — די אויפגעבראַכטקייט איז געוואַקסן. אָסטאַפּ קאָן נישט טרעפן מיט דעם פּילקענדיקן בראָנפן אין גלאָז אַרײַן, כאָטש ער האַלט דאָס גלאָז האַרט בײַם העלזל פון דער פלאַש. ער געפינט נישט אויפן טיש קיין אוגערקע. ער קלאַפּט מיט דער פויסט איבערן טעלער, און די טשערעפּלעך צעפליען זיך אין אַלע זײַטן. בוטילאָטשקין נעמט אַרום, אַ דערשראָקענער, אָסטאַפּן.

— טײַערינקער, שטילער, שטילער, מען הערט די מוזיק נישט.

אָסטאַפּ קוקט אויף דעם הויקערדיקן שאַרבן, און, שווײַגנדיק, צובײַסנדיק עפּעס אַ וואָרעמס, אַ ווײַכס, דערלאַנגט ער בוטילאָטשקינען איבער דער צורה.

— שלאָגן זיך? שלאָגן? דײַן אויפזעער. — האָט בוטילאָטשקין גענומען שרײַען. — שלאָג, הרגע, טרעט מיך מיט די פיס, טײַערינ־קער, דערפאַר, וואָס איך האָב דיך, דעם פאַסטוך, פאַר אַ מענטש גע־מאַכט. שלאָג, שלאָג, הונט אײנער!

אָסטאַפּ האָט זיך אַ וויג געטון. אויסניכטערנדיק זיך, האָט ער אַ קלער געטון: „וואָס האָב איך געטון?״ ׀ אָנהאַלטנדיק זיך אָן די טישן, אָן די שטולן, אָן דער טיר. איז ער אַרויס אויף דער גאַס. דער ווינט האָט אַ כאַפּ געטון זײַנע האָר, אַ פּאַטש געטון מיטן קאָלנער פונם העמד איבער דער הייסער ברוסט, אַרויסטרײַבנדיק פון אים דאָס שיכּרות.

אָסטאַפּ האָט גענומען גיין מיט שטילע טריט, שעפּטשענדיק פון פאַרצווייפלונג:

— וואָס־זשע וועט איצט זײַן? מען וועט מיך אַרויסיאָגן, זיכער, וועט מען מיך אַרויסוואַרפן!

אָט אַזוי האָט ער אַרומגעבלאָנקעט ביז גאַנץ פרי. און ווי נאָך

פון הינטערן וואַלד אפיר האָט זיך באַוויזן דאָס ערשטע העל-בלויע פּאַסיקל, האָט ער זיך געלאָזט גיין צו בוטילאָטשקינס הויז.

מיט שרעק—בלויז מיט שפּיץ-פינגער — האָט ער אָנגעקלאַפּט אין לאָדן. אַ פאַרשלאָפן קול האָט געפרעגט:

— ווער איז דאָרט?

אָסטאַפּ האָט געשוויגן, נישט וויסנדיק, וואָס צו ענטפערן.

— ווער איז דאָרט? — האָט אומרויִק איבערגעפרעגט דאָס קול.

— מיקאָלאַ ניקאָלאַיעוויטש... איך... אַנטשולדיקן זיך... אַ שיכּורער, האָב איך...

הינטערן לאָדן האָט מען אַ ווײַלע געשוויגן. נאָכדעם האָט דאָס קול מיט אומצוטרוי אַ זאָג געטון:

— אינדערפרי, אינדערפרי, טײַערינקער.

בשעת האַרבוז איז אינדערפרי פאַרבײַגעגאַנגען פאַרבײַ אָסטאַפּס נאַרע, האָט ער דערהערט טרערן און אַ יאָמערן פון פרויען. אָסטאַפּ איז געזעסן אויף די ברעטער מיט דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט צווישן די קני. האַרבוז האָט אים אָנגערירט בײַם אַקסל.

אָסטאַפּ האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. עס האָט זיך אים געוואָלט מיט עמעצן זיך טיילן וועגן זײַנע צרות. ער האָט אַלץ דערציילט האַרבוזן. יענער האָט אים רויִק אויסגעהערט, אָפּגעזיפצט און אַ זאָג געטון:

— עך, יונגאַטש, ביסטו דען איינער? יעדן „נײַען” באַאַרבעט מען אַזוי!

עס זענען פאַראיבער דרײַ טעג. אָסטאַפּן האָט מען ווידער אי-בערגעפירט אַרבעטן ווי אַ פּשוטן טשוהון-גיסער. ער איז געלאָפן צום דירעקטאָר, אָבער דאָרט האָט מען אים נישט אויפגענומען.

— וואָס-זשע איז דאָס, ברידער? — האָט זיך אָסטאַפּ געקלאָגט.

דער שמעלצער האַרבוז האָט זיך אָנגעבויגן צו אים און געזאָגט:

— אַזוי איז עס, ברודערקע, דאָס הייסט, אַז מען הויבט די'ך אָן צופרעסן.

און דער דאָזיקער מענטש האָט זיך אָנגעהויבן צו קלאַפּן אין אָסטאַפּס האַרצן, ער איז, נישט געפרעגט, אַרײַן אין זײַנע געדאַנקען, אין זײַן לעבן.

בשעת פון דעם שטרײַקנדיקן רעלסן-צעך זענען געקומען דע-לעגאַטן און געפאָדערט, אַז די הוטע-אַרבעטער זאָלן וואַרפן די אַרבעט, איז האַרבוז גלײַך צו צו אָסטאַפּן און באַפוילן:

— וואַרף די אַרבעט, נו, לעבעדיקער! — און אַליין איז ער אַוועק צו די פאָרמע-מאַכער, צו די וואַלקער, צו די גאַז-אַרבעטער.

— וואַרפן די אַרבעט? — האָט זיך אָסטאַפּ געטראַכט. — און וואָס וועט זיין קאָזמאַ, מיין האַרפינא עסן? ניין, איך וועל נישט וואַרפן.

האַרבוז איז צוריק געקומען, מיט כוח אַרויסגעריסן ביי אָסטאַפּן דעם גראָבאייזן פון דער האַנט, אים אַ כאַפּ געטון פאַרן אָרעם און אַוועקגעשלעפּט צו דעם וואַקסנדיקן געזעמל הוטע-אַרבעטער.

זיי האָבן קאָמפּאַקט געשפּאַנט איבער דעם גאַנצן זאַוואָד, אָן געזאַנג, אָן ליאַרמען. זיי זענען געקומען אין די קאַזאַרמעס. און דאָ האָט האַרבוז, פאַרזאַמלענדיק אַרום זיך אַלע איינוואוינער פון דער קאַזאַרמע, אַ געשריי געטון:

— מיר שטרייקן, הברים. מיר שטרייקן! מיר וועלן נישט גיין, ביזקל מען וועט אונז נישט מאַכן פאַר קיין מענטשן, ביזקל מען וועט אונז נישט אויפהערן צו פרעסן, ווי מען פרעסט אָסטאַפּן!

ניקאַנאָרס כאַלופּע הויבט זיך אויף אַלץ העכער און העכער. אַסך נעכט שלאָפט שוין נישט ניקאַנאָר, ער איילט זיך וואָס-גיכער צו פאַרענדיקן די כאַלופּע, און קאַיאָר שליידערט עס אים ווידער אַראָפּ אין דער שטאָק-פינסטערניש פון דער שאַכטע.

די מידקייט האָט גאָר קיין שליטה נישט איבער דעם רויטן ני-קאַנאָרס קערפּער. ער קלאָגט זיך נישט, קרעכצט נישט. ער איז שוין דערצו געוואוינט: זינט ער געדענקט זיך, האָט ער אַזוי געהאָרעוועט. ביי זיך אינדערהיים האָט ער געהאַט אַ שם פון אַ גיבור. מען האָט אים געקאָנט פונם דאָן ביזן אַזאָוו. אין דער שאַכטע פלעגט ער אויסגראָבן פיר מאָל אַזויפיל קוילן, ווי אַ געוויינלעכער קוילנגרעבער. מיט די הוילע הענט פלעגט ער אָפּרייסן שטיקער שיכטן. ניקאַנאָר האָט געפּועלט ביים אויפזעער, ער זאָל אים לאָזן אַרבעטן אין דער פּופּצנטער, ביז ער וועט זי אינגאַנצן פאַרענדיקן. קיינמאָל איז אים נאָך נישט אויסגעקומען צו אַרבעטן ביי אַזעלכע ווייכע קוילן. מען דאַרף בלויז אַ קלאַפּ טון, קרישלען זיי זיך שוין, אַזוי ווי זאַמד, די אָנטרייבערס באַווייזן נישט צוצושטעלן ליידיקע וואַגאָנעטקעס.

ניקאַנאָר אַרבעט אָנגעשטרענגט, פאַרלענגערט דעם טונעל אויף עטלעכע מעטער. פאַרפעסטיקן פאַרפעסטיקט ער אים זעלטן. עס איז

אים אַ שאָד צו פטרן צייט אויף אומזיסטער אַרבעט. און ער יאָגט ער איילט, ניקאַנאָר.

עס איז געקומען דער אויפזעער, פונדערווייטנס אַ קוק געטון אין דעם טונעל, נישט וואַגנדיק אַריינקריכן אין דער טיף. ער האָט אַ געשריי געטון צו ניקאַנאָרן:

— אַלטער, מען דאַרף אונטערשפּאַרן, פאַרפעסטיקן! — און איז אַוועק ווייטער אין דער פינסטערניש, שווינדלענדיק מיט דעם שאַכטיאָרן-לעמפּל.

אַבי פּטור צו ווערן פון אים, האָט ניקאַנאָר פון יוצא וועגן אַוועקגעשטעלט עטלעכע סלופּעס, אָבער דאָס איז געווען ווייניק. און אינאָוונט, בשעת די שיכט האָט פאַרענדיקט איר אַרבעט, איז געשען דאָס, אויף וואָס די גאַנצע שאַכטע האָט מיט אַזאַ שרעק דערוואַרט.

דער אָנטרייבער האָט צוגעפירט אַ גאַנצע פּאַרטיע וואַגאָנעטקעס און אויסגעשפּאַנט דאָס פערד, אַז ער האָט פּלוצים דערהערט אַ טראַסקען פון האָלץ — צום אָנהויב אַ שוואַכן, אָבער נאָכדעם אַ שנעלן, אַן אָן הפסקהדיקן, פּונקט אַזוי ווי אַ קוילנוואַרפער וואָלט געשאָסן. דער אָנטרייבער האָט זיך אָנגעשטויסן: דאָס ברעכן זיך די סלופּעס, וואָס שפּאַרן אונטער די געוועלבן.

דער מענטש מיטן פערד האָבן קוים באַוויזן אָפּצולויפן עטלעכע טריט, אַז דער ווינט האָט זיי אַ ריס געטון. און, פאַלנדיק, האָט דער אָנטרייבער דערהערט דעם רויטן ניקאַנאָרס געשרייען.

אין צוויי טעג אַרום האָט מען ניקאַנאָרן אָפּגעגראָבן. אין אַ פאַרוסינענעם ברעזענט האָט מען אים אַרויסגעטראָגן פון דעם קוילנגראָבן און אַוועקגעלייגט אויף די נייאינקע, פרישענקע ברעטער, וואָס האָבן געשמעקט מיט האָניק און מיט וואַלד.

ניקאַנאָר איז געלעגן, פאַררייסנדיק די באָרד צום הימל אַרויף. זי, די באָרד, אַ צונויפגעדריקטע, אַ פאַרשטויבטע האָט געשטאַרצט אַזוי ווי אַן אָפּגעדראַפּטשעטער בעזים. די הוילע ברוסט איז געוואָרן בלוי, געשוואָלן, די געדיכטע, לאַנגע האָר זענען פאַרוואַקסן געוואָרן מיט פייכטן קוילן-שטויב. מיט די פאַרשטאַרטע פינגער האָט ער אונטערגעהאַלטן די פּלודערן.

אַרום אים זענען געשטאַנען קוילנגרעבער. דער שאַכטע-פעלדשער האָט זיי געטריבן, געשריען אויף זיי:

— גייט אַוועק פון דער זון, רוקט זיך אָפּ! גייט אַוועק, לאָזט אָפּכאַפּן דעם אָטעם, צו וועמען רעד איך!

און פון דער קאַזאַרמע, צופאַלנדיק אויף איין פוס, האַלטנדיק זיך ביי די עקן פון דער פאַטשיילע, איז געלאָפן די אַלטע מאַרינא.

ניקאַנאָר האָט, קומענדיק צו זיך, אַפילו קיין זיפץ, קיין קרעכץ נישט געטון. ער האָט זיך אויפגעהויבן, מיד אַ פיר געטון מיט דער האַנט איבער די קריזשעס. ער איז געזעסן אויף די ברעטער אַ בלאַסער, אַ מאָגערער, געהאַלטן אין איין הוסטן און שפּייען. דער פעלדשער האָט געקלאַפּט אין זיינע ציין מיט דעם קענדל מילך. ניקאַנאָר האָט זשעדנע געשלונגען, אויפציטערנדיק מיטן גאַנצן קערפּער. נאָכדעם האָט ער אָפּגעשטויסן דעם פעלדשערס האַנט און זיך אויפגעהויבן. נישט וואַקלענדיק זיך, האָט ער אַ שפּאַן געטון, שטיל רופנדיק דאָס ווייב:

— קום, מאַרינא!

די קוילנגרעבער האָבן געמאַכט אַ וואַרע. שווייגנדיק, געפּלעפטע, האָבן זיי אים נאָכגעקוקט. און ערשט נאָכדעם האָט עמעצער געוואַגט אַ זאָג צו טון:

— נו, איז דאָס אַ מענטש!

אַפילו די קונדסים האָבן זיך גלייך נישט געכאַפּט, אַז זיי דאַרפן נאָכלויפן ניקאַנאָרן. און אַז ער איז שוין געווען העט-ווייט הינטערן שאַכטע-טויער, האָבן זיי זיך שוואַלאָם אַ לאָז געטון אים אָניאָגן.

אין דער קאַזאַרמע האָבן ניקאַנאָרן ארומגערינגלט די שטרייקערס. אין אַ זייט, שמאָרענדיק מיט דער נאָז און צוהאַלטנדיק דעם שווערן בויך, האָט געכליפּעט די געשוואָלענע האַרפּינא. דער קליינער קאָזמאַ האָט, האַלטנדיק זיך פאַר דעם מוטערס קליידל, דערשראָקן און ניי-געריק באַטראַכט דעם צעקנוידערטן זיידן, וועלכן עס איז שווער געווען צו דערקענען.

ניקאַנאָר איז געלעגן אויף די נאַרעס, האָט הייזעריק געהוסט, און אין זיין האַלז האָט עפּעס פייכטס זיך געבולבעט. ער האָט מיט דער דלאָניע פאַרשטעלט די ליפּן און שווער געאָטעמט.

האַרבוז איז פאָרזיכטיק צוגעגאַנגען צו ניקאַנאָרן. אַראָפּגענומען פון זיין מאַרינאַרקע אַ הובלענקע, עס אַריינגענומען אין מויל, אַ קיי געטאָן, דאָס צוריק אויסגעשפּיגן און געזאָגט:

— זעט, וואָס דער באַלעבאָס האָט דאָס געמאַכט פון אַ מענטשן!

— דאָס האָט די זשעדנעקייט געמאַכט, און נישט דער באַלע־באָס, — האָט עמעצער בייז אַ געשריי געטון.

ניקאַנאָר האָט זיך אויפגעהויבן און זיך אָנגעהויבן בעטן:

— ליבע מענטשן, מאַכט נישט קיין גוואַלדן, איך וויל זיך אויסרוען.

האַרבוז איז נישט אָפּגעטראָטן.

— עך, ניקאַנאָר, אַלטיטשקער דו, לעבסט, ווי אַ בלינדער. אָט ביסטו זיך אַ כאַלופּע. אָבער צו וועסטו וווינען אין איר?

— האַ, דו! — איז ניקאַנאָר אַ בייזער אויפגעשפּרינגען און מיט רציחה אַ פּאַך געטון מיט דער פויסט.

אָבער ער האָט נישט באַוויזן נישט אַ קלאַפּ צו טון, נישט זיך אויסצוזידלען. די טיר האָט הילכיק אַ קלאַפּ געטון, און אויף דער שוועל האָט זיך, בלאַנקענדיק מיט דעם זילבער, שפּילנדיק מיט די פּרעכטיקע וואָנסן, באַוויזן דער פּריסטאַוו און דריי פּאָליציאַנטן. מיט זיי צוזאַמען איז אויך געקומען בוטילאָטשקין.

זיי זענען פּריילעך דורכגעגאַנגען די גאַנצע קאַזאַרמע. נישט וואַרטנדיק, עמעצער זאָל זיי פּאַרבעטן, האָבן זיי זיך אַוועקגעזעצט אויף די נאַרעס, בוטילאָטשקין האָט קיין שהיות נישט געמאַכט און גלייך אָנגעהויבן:

— איר הוליעט, טייערינקע, הוליעט! רוט אייך אויס, עס קומט צו אַ סך געזונט דעם אָרגאַניזם, יאַ... און וואָס וועט זיין מיטן זאַוואָד, מיט דער אייזן־הוטע, האַ? וואָס וועט זיין, פּרעג איך? אָט וואָס, טייערינקע. עס האָבן מיך צו אייך געשיקט די געשעצטע בעל־גישע באַלעבאַטים, איך זאָל אייך פּרעגן: צי איר וועט גיין צוריק צו דער אַרבעט?

— ניין, מיר וועלן נישט גיין, — האָט האַרבוז געענטפערט.

— דו, טייערינקער, דיך בעט קיינער נישט זאָלסט זיך פּאַר אַלעמען אונטערשרייבן. אָט דו, טשוהון־גיסער, אָסטאַפּ, דו וועסט מאָרגן גאַנץ פּרי זיך שטעלן צו דער אַרבעט, מיר וועלן דיך מאַכן פּאַר אַ שמעלצער.

— איר קויפט? ניין, אָסטאַפּ וועט נישט גיין.

ניקאַנאָר האָט אַ פּאַרגאַפּטער זיך אויפגעהויבן.

— וואָס טוסטו דאָ? פּאַרוואָס ביזטו היינט נישט געגאַנגען צו

דער אַרבעט? — האָט ער שטרענג זיך געווענדט צו אָסטאַפּן. — די שטרייקסט? גייסט צוזאַמען מיט די בונטאָווטשיקעס? — ער האָט זיך אייגעבויגן, אַפּערגעשלעפּט פון אונטער די נאַרעס אָסטאַפּס אַר-בעטס-מלבושים, עס אַ שלײַדער געטון צו זײַנע פיס און באַפעלעריש אַ געשריי געטון:

— טו זיך אָן! נו! שנעלער! — און פאַרהוסטנדיק זיך, האָט ער זיך אָפּגעקערט.

האַרבוז האָט מיטן פוס צוריק אַרונטערגעשאַרט די מלבושים אונטער די נאַרעס און געזאָגט:

— ער וועט אינערגעץ נישט גיין, פעטער ניקאַנאָר!

ער האָט זיך אויסגעדרייט צו בוטילאָטשקינען:

— קיינער וועט נישט גיין!

בוטילאָטשקין האָט אַ קוק געטון אויף די פּאָליציאַנטן, וועלכע זענען רויק געזעסן אויף די נאַרעס. קוים באַמערקלעך האָט ער אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און זיך אַ לאָז געטון צו האַרבוזן.

— וואָס מיינסטו דערמיט? בונטעוועסט? רייצסט אויף די מענטשן?

— לאָז אָפּ, — האָט האַרבוז, באַפרײַענדיק דעם קאָלנער פון בוטילאָטשקינס האַנט, רויק געבעטן: — לאָז אָפּ מיט גוטן, **בעט** איך דיך.

בוטילאָטשקין האָט אים נישט אָפּגעלאָזט:

— ניין, דו וועסט פאַר אַלץ ענטפערן, טייערינקער, מיר וועלן פון דיר די הויט אַראָפּשינדן דערפאַר.

האַרבוז האָט אים פאַרזיכטיק אַ טאַרע געטון מיטן עלנבויגן. בוטילאָטשקין האָט זיך אַ וואַקל געטון. דער קוילנגרעבער קאָוואַל האָט זיך אַראָפּגעבויגן, אונטערשטעלנדיק דעם רוקן, און אַריבערגעוואָרפן דעם אויפזעער איבער זיך.

ניקאַנאָר האָט אַן אויפגעבראַכטער געליאַרעמט:

— וואָס טוט איר, טײַוואָלים?

די געסט מיט די וואָנסן האָבן זיך אויפגעהויבן פון זייערע ערטער. בוטילאָטשקין האָט זיך אויפגעשטעלט און, טייטלענדיק מיטן פינגער אויף האַרבוזן, געשריען:

— אַרעסטירט דעם בונטאָווטשיק!

דער פּריסטאַוו האָט זיך געלאָזט גיין צו האַרבוזן. דער שיכורער דובניאַק האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג.

— ציט זיך צוריק, אייער וווילגעבוירן!

דער עולם האָט זיך צעלאַכט. דעם פּריסטאַוו נאָז האָט אויפגעפלאַמט מיט בלויען צאָרן. די וואָנסן האָבן זיך אַ הויב געטון. ער האָט אַ קלאַפּ געטון מיטן אָפּצאַס און אָנגעהויבן שרייען:

— אַוועק! נעמען אים, — האָט ער באַפוילן די פּאָליציאַנטן און אַליין זיך גענומען שטופּן צו האַרבוזן. מען האָט אים דורכגעלאָזט ביז אינמיטן, אָבער, ווי נאָר ער איז געבליבן שטיין אין מיטן געזעמל, האָט דער קוילנגרעבער אַ ווונק געטון, און אים אַ שטויס געטון אין דער פעטער פּלייצע. דער נידעריטשקער, פּעטינקער פּריסטאַוו האָט אַזוי ווי אַ פּילקע זיך גענומען קאַטשען צווישן די קוילנגרעבערס.

אַ צווייטע גרופּע אַרבעטער האָט זיך שוין געוואָלט נעמען צו די פּאָליציאַנטן, נאָר פּלוצלונג האָבן זיך אַ צעעפן געטון די ברייטע טירן, און עס האָט זיך אַריינגעריסן רייטנדיק אויפן פערד דער ערשטער רייטער פון דער קאָזאַקישער סאָטניע. אין אַ וווילעריש פאַרבראָכן בלוי-רויט היטל אויף דער טשופּרינע, איז ער אַריינגעריטן גלייך אין דער קאַזאַרמע אַריין און מיטן גאַנצן כּוח אַ האַק געטון מיט דער נאַהייקע איבער דובניאַקס האַלז-און-נאַקן. דובניאַק האָט אַ געשריי געטון, זיך איינגעבויגן, פאַרשטעלנדיק די אויגן. דער קאָזאַק האָט אים אַ שמיץ געטון איבערן האַלז, איבער די פינגער, און אַז דובניאַק האָט מיט זיי אַ טרייסל געטון אין דערלופטן, האָט דער קאָזאַק אַ הוקע געטון, און אים דערלאַנגט איבער די אויגן.

מיט אונטערגעהאַקטע קני האָט זיך דובניאַק שטיל אַראָפּגעלאָזט אויף דער פּאָדלאָגע. דאָס פערד האָט אים אַ קלאַפּ געטון מיט דער פּאָדקאָווע.

נאָך דעם ערשטן קאָזאַק זענען אַריינגעריטן נאָך עטלעכע. עס האָבן אַ בלאַנק געטון די רויטע פּאַסן אויף די היטלען הינטער די פענסטער, זיך אָנגעשפּיצט די פּיקעס און זיך דערהערט דאָס הירזשען פון פערד.

ניקאַנאָר האָט דערזען דעם פערדס גרויע טלאָ האַרט נעבן האַרבוזס ליפּן. דער קאָזאַק האָט אַ גלעט געטון דאָס פערד איבערן האַלז, און דאָס פערד וואָלט זיכער געוועזן צעטרעטן האַרבוזן, ווען יענער וואָלט נישט אַרונטער אונטער די נאַרעס.

און נאָך האָט ניקאַנאָר געזען: באַהאַלטנדיק דעם קאָפּ צווישן די אַקסלען, איז זיין זון אָסטאַפּ געלאָפן, און אַ קאָזאַק אויפן פערד האָט

אים נאָכגעיאָגט און געהאַלטן אין איין שלאָגן מיט דער נאַהייקע. הארפינא האָט, וועלנדיק באַשיצן דעם מאַן, אויפגעהויבן די האַנט. דער קאָזאַק האָט אַ צי געטון דאָס פערד און אומגעוואָרפן האַרפינאַן אויף דער ערד. נאָכדעם איז זי געלעגן אויף די נאַרעס, און דאָס פייכטע קליידל האָט זיך געהויבן איבער דעם מאַגער-געוואָרענעם בויך. און נאָך האָט ער געזען: האַרט ביי זיין ברוסט אַ מיט בלוט אָנגעגאָסן, צאָרנדיק אויג מיט בלויע אָדערלעך פון אַ פערד, אַן אויפגעהויבענע נאַהייקע, ברייטע פלייצעס פון אַ קאָזאַק, זיין שווייסיקן האַלז און צעשפילעטע קורטקע. און באַלד נאָכדעם האָט זיך ניקאַנאָרן אויסגעוויזן, אַז אַ גאַנצע וואַנט איז אויף אים געפאַלן.

*

אין שאַכטע אַריין איז ניקאַנאָר געגאַנגען דעם צווייטן פרימאָרגן. די בלויע צייכנס און די וווּנדן האָבן געפייניקט די מוסקולן, ער האָט זיך אָבער נישט געקלאָגט, באַמיענדיק זיך גאָר איגגאַנצן צו פאַרגעסן אין קאָזאַקישן איבערפאַל.

ער האָט אויפגעהערט צו אַרבעטן אַרום זיין כאַלופע: דער הוסט האָט געשטערט. געבויט האָט ער אין די ימים-טובים. קיין איין זונטיק האָט ער נישט דורכגעלאָזט, ביז ער האָט נישט אויסגעלעגט דאָס לעצטע פיצעלע אויפן דאַך פון דער כאַלופע, ביז ער האָט נישט אויסגעגלייכט און איינגעטרעטמבעוועט דעם ברעג פון דעם ראָוו.

מיט ברייטע טריט איז ניקאַנאָר לאַנגזאַם אַרומגעגאַנגען אַרום זיין כאַלופע, שפיגלענדיק זיך אין זיין אייגנטום.

אַריינגעגאַנגען אין דער כאַלופע איז מען שטיל און שווייגנדיק. זי איז, אַ פייכטע, מיט נאָך פאַרקלאַפּטע פענסטער, געווען פינסטער און קאַלט.

קאָזמאַ האָט זיך פונאַנדערגעוויינט:

— מאַמע, ס'איז קאַלט!

דער זיידע האָט קרום אַ קוק געטון אויפן אייניקל און זיך געטראַכט:

„אַ זויערער, נישט פון אונזער שניט".

אָט אַזוי האָט זיך איז די פוילע רינשטאָקן באַזעצט דער ערשטער איינוווינער.

*

בשעת ניקאַנאָר האָט זיך גענומען גראָבן זיין כאַלופּע, איז זיך די גאַנצע פאָרשטאָט צונויפגעלאָפן און אים אָנדערציילט שרעקלעכע זאַכן.

יעדן אָוונט פלעגן זיך מענטשן צונויפקומען און באַטראַכטן דעם מענטשן, וואָס האָט גאָר קיין מורא נישט דאָ זיך צו באַזעצן. ער האָט געגראָבן פאַרעקשנט, שווייגנדיק, נישט אויפהויבנדיק דעם קאָפּ. און ווען ער האָט זיך, ענדלעך, באַזעצט אין זיין כאַלופּע און עס איז מיט אים גאָרנישט נישט געשען, זענען אויפן ברעג פון די פוילע רינשטאָקן געקומען מענטשן, שוין נישט צו באַקוקן דעם בייז-ווונדער, נאָר דאָרט צו באַזעצן זיך.

איינגיכן האָט מען שוין דאָרט נישט געקאָנט געפונען קיין פריי פּיצל אָרט. עס האָבן זיך דאָרט באַזעצט קוילנגרעבער פון די קאַזאַרמעס, די מעטאַליסטן פון דער בעלגישער קאָמפּאַניע, שלעפּערס און גנבים, פּראָסטיטוטקעס, און די אַלע, פאַר וועמען עס איז קיין אָרט נישט געווען אין שטאָט.

אין דער ציגל-בודקע האָט זיך איינגעאָרדנט אַ פּאָליציי-וואַך. הינטער די רינשטאָקן זענען אויסגעוואַקסן קאָזאַקישע קאַזאַרמעס. און אַגאַנעסאָוו האָט זיך איבערגעצויגן מיט זיין שענק „די טרייסט" אויף די פוילע רינשטאָקן.

צוליב דעם, וואָס דאָ האָט זיך באַזעצט דער ערב-רב פון דער אָרעמקייט, צוליב דעם, וואָס די כאַלופּעס האָבן אויסגעזען אַזוי, ווי הינטישע קאָנורעס, האָט מען דעם נייעם ישוב אַ נאָמען געגעבן סאָבאַטשייעווקע.

קאַפּיטל דריי

דייס אָטעמען די שטויביקע ווינטן פון די דאָנעצער סטעפּעס. זיי הויבן אָן בלאָזן יגאַנץ פרי, בשעת אויף די שאַכטעס און אין די זאַוואָדן צעוואָיען זיך די סירענעס.

דער שטויב אויף דער הוילער, איינגעדאָבטשעטער ערד, הויבט זיך לכתחילה קוים אָן צו רירן פונם ווינט, פליט איבער פון איין אָרט

אויפן צווייטן, און נאָכדעם, אָננעמענדיק זיך מיט דרייסטקייט, גיט ער זיך מיט אַ געוואַלד אַ לאָז גלייך אין שטאָט אַריין. דער אוראַגאַן כאַפּט אויפן וועג אויף דעם קוילן-שטויב, דאָס מיסט פון די מיסט-הויפנס. ער איז אַ שוואַרצער און אַ גרויזאַמער, ער פליט אָן אויף סאָבאַטשייעווקע, קלאַפּט מיט די לאָדנס אין די פענסטער, קלינגט מיט די שויבן, דונערט מיט די בלעכן פון די דעכער, פּלאָנטערט די ווייבערישע פּיס אין די ברייטע קליידער, ווי ער וואָלט זיך פאַרמאָסטן אומצעוואַרפן די ווייבער אויף דער ערד.

און ווינטער קאָן דער ווינט אין איין מעת-לעת פאַרשיטן, פאַר-טראָגן מיט בערג-שניי גאַנץ סאָבאַטשייעווקע און, אַ רוגזהדיקער, וואַ-יעט ער און זיפצט איבער די ווייסע בערג.

טרוקן און הייס זענען די טרוקענע ווינטן פון די דאָנעצער סטעפּעס, אָבער זיי זענען נישט געפערלעך פאַר סאָבאַטשייעווקע. די צלמים, די קברים-בערגלעך, די דעמבעס, באַרנביימער און ווערבעס דערלאָזן נישט דעם ווינט צו קלאַפּן אין די שויבן, פאַרשיטן מיט-שטויב, מיט בערג שניי.

דער אַלטער ניקאַנאָר אַרבעט נאָך אַלץ אין דער שאַכטע, גראָבט אויס קוילן פאַר דריי קוילנגרעבער, און דאָס, וועגן וואָס ער האָט געטרוימט, בויענדיק די כאַלופּע, גיט זיך אים אַלץ נישט איין.

ניקאַנאָר וואַרט. און ווען די פאַרצווייפלונג הויבט אים שטאַרק אָן צו נאָגן, גייט ער צו צו זיין פריינט דעם דעמב, באַהאַלט זיך אין זיין שאָטן און, איבערשיטנדיק אין דער האַנט די טרוקענע ערד, ליגט ער אַ פינסטערער, נישט פאַרמאַכנדיק זיינע גרויסע, טרויע-ריקע אויגן.

ער באַקומט אַ רובל מיט זיבעציק פאַר זיין אַרבעט. אַביסל איז ער געקומען צו זיך. ער שלאָפט אויף אַ הילצערן בעט, און נישט אויף די נאַרעס. ער האָט אויפגעהערט צו פרעסן דאָס זויערע קרויט. מען עסט שוין קאַרטאָפל, אַ הערינג.

די משפחה האָט זיך ביי אים אויך פאַרגרעסערט. דער סאַמע עלטסטער — פון אונז קינדער — איז קאָזמאַ. ער איז אַלט צוואַנציק יאָר. איך בין — דער קלענסטער. איך פאַרשטיי נאָך נישט, אַז סאָ-באַטשייעווקע איז אַ זידל-וואָרט.

מיר דוכט זיך, אַז מיר לעבן בעסער פון אַלע סאָבאַטשייעווקער איינוווינער. דער זיידע איז אַ קוילנגרעבער, דער פאָטער איז אַ,

שמעלצער אין דער אייזן-הוטע, דער עלטערער ברודער, קאָזמאַ, איז אַ שמירער ביי די מאַשינען פון דעם רעלסן-צעך, די שוועסטער וואַריאַ איז אַ פאָרם-מאַכערין אין דער טשוהון-גיסעריי. איך, מיטקע און ניורקע קלויבן אויף דעם זאַוואָד-באַרג אייזן-ברוכוואַרג, און דער פאָטער פאַרקויפט דאָס. ביי אונז פעלט כמעט קיינמאָל נישט אויס קיין ברויט.

איך לויף אָפּט אַראָפּ אויפן סאַמע דעק פון טיפן ראָוו מיט אַ שטיק ברויט, און זע די קנאָהדיקע בליקן פון די חברים. זיי הערן אויף צו שפּילן און זעצן זיך אַרום, קוקנדיק מיר מיט זשעדנעקייט גלייך אין די אויגן אַריין. איך גיב זיי אַלע צו קליינע שטיקלעך. דערפאַר שלאָגן זיי מיך קיינמאָל נישט.

זיי טשעפּען מיך נישט אויך צוליבן זיידן. גאַנץ סאָבאַטשייעווקע האָט אים געקענט. סאָבאַטשייעווקע האָט נאָך אַלץ מקנא געווען דעם אַלטן פאַר זיין גבורה, דרך-ארץ געהאַט פאַר זיין זאַט-לעבן.

דער זיידע פלעגט אַרומגיין אין סאָבאַטשייעווקע אַ גלייכער, אַ שטאָלצער, און אַלע סאָבאַטשייעווקער כאַלופּעס האָבן אים געגרייכט ביז צו די קני. ער האָט זיך קיינמאָל נישט געקאָנט אויסגלייכן אין זיין גאַנצער וווקס אונטער די נידעריקע באַלקנס פון די כאַלופּעס.

ביי אַלע פאַרלעגנהייטן פלעגט זיך סאָבאַטשייעווקע ווענדן צום זיידן נאָך הילף. עס פלעגט קומען צו לויפן אָקסאַנאַ, אַן אַכטאונדרייסיק-יאָריקע פרוי מיט גרייז-גרויע האָר, ווען איר מאַן דער פאַרפעסטיקער דרוזשקאָ האָט זיך אָנגעשיכורט און אָנגעהויבן ברעכן דאָס געפעס, מיט דער קאָטשערע איר שלאָגן איבערן קאָפּ, שרייענדיק, געוואַלדעוועדיק בשעת-מעשה:

— גיט מיר די פריי... בינדט מיר אויף די הענט...

דער זיידע פלעגט נעמען דעם שיכורן סקאַנדאַליסט, ווי אַ קינד, אויף די הענט, אים עטלעכע מאָל גוט מכבד געווען מיט דער האַרטער האַנט און אים צוגעבונדן צום בעט. ניקאַנאָר האָט אויך געהאָלפן אָקסאַנאַן צעהאַקן דאָס האָלץ, איינהייצן דעם אויוון.

עס פלעגן קומען צו לויפן די שכנים פון דעם קוילנגרעבער קאָוואַל, ווען יענער האָט זיך געשלאָגן מיטן ווייב. זיי פלעגן זיך ביידע אָנשיכורן און שלאָגן איינעם דעם אַנדערן מכות-רצח. זיי פלעגן זיך וואַלגערן אויף דער ערד און מיט רציחה, מיט אויסגערעכנטקייט, מיט אימפּעט זיך זעצן אין די ציין, אין די אויגן.

דער זיידע ניקאַנאָר איז אַריינגעקומען. זיי זענען אויפגע-

שפּרונגען און זיך אַ וואָרף געטון אויף אים. זיי האָבן אים נישט ליב געהאַט. דער זיידע האָט געפּאַכט מיט דער פויסט און פאַרזיכטיק, גלייך ווי ער וואָלט וועלן דערהרגענען אַ פליג אויף אַ שטיין, מורא האָבנדיק צו צעקלאַפּן די פינגער, אַראָפּגעלאָזט די האַנט אויף מיטראָפּאַן קאַוואַלס קאָפּ.

איך האָב זיך געפּלאָנטערט דעם זיידן ביי די פיס, געוויינט און געבעטן, ער זאָל גיין אַהיים.

בשעת איך האָב אין די העל־בלויע קוואַרטאַלן געזען די ריינע מענטשן, וועלכע זענען געגאַנגען געאָרעמט, בין איך זיי לאַנג נאָכגע־גאַנגען, דערוואַרטנדיק, אַז אָט־אָט וועלן זיי זיך אויך אָנהויבן קיילן, אָבער דאָס איז קיינמאָל נישט געשען.

אין אונזער כאַלופּע פלעגט אַריינקומען כמעט גאַנץ סאָבאַטשייעוו־קע. מען איז געקומען אין ליידן און אין פריידן. פלעגט זיך מאַכן אַ שמחה אָדער גאָר אַ לוויה, האָט מען דעם ערשטן איינגעלאַדן ניקאַ־נאָרן. אין ביידע פאַלן האָבן זיך מענטשן אַלצייִנס אָנגעשיכורט, אַלצייִנס געפרייט זיך און געוויינט. און דער זיידע האָט געוווּסט, ווי אַזוי מען דאַרף צוגיין צו איטלעכן באַזונדער.

דערהויפּט איז געווען אומרויִק אין די טעג, ווען די אַרבעטער פלעגן באַקומען אויסגעצאָלט די לוינען. סאָבאַטשייעווקע האָט געהו־ליעט. אויף אַ שעה־צוויי האָט מען פאַרגעסן אַלע צוולות. געלעכטער און פרייד האָט געפּלאָסן העכער הייזער. אַפילו די געשלעגן, וואָס האָבן אויסגעבראָכן אין אייניקע ערטער, האָבן אויסגעזען נאַריש, נישט נאַטירלעך. קאַיאָר האָט זיך דער ישוב איינגעשטילט, בלויז אין ראָוו האָבן געוואָיעט די הינט, וועלכע האָבן זיך גענישטערט אין די אינגע־ווײדן פון די נבלות.

בלויז איין שמאַלצער הארבוז פלעגט צו אונז אַריינקומען און קיינמאָל גאָרנישט פאַרלאַנגט און קיינמאָל זיך אויף גאָרנישט באַקלאָגט. ער האָט זיך געזעצט ביים לאָמפּ, און די שיין האָט אים אַריינגעקוקט אין זיין אָנצייגיק שוואַרץ מויל: די ציין האָט אים אויסגעהאַקט אַ העקל, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיינע הענט אויף דער הוטע. הארבוז האָט געלייענט אַ צייטונג, וועלכע האָט דערציילט וועגן קעגנ־זייטיקע הילף־קאַסעס, וועגן פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. ביים סוף פון געשפּרעך פלעגט ער דערלאַנגען דעם זיידן און דעם טאַטן גלייך אויסגעליניִרטע בויגנס און עפּעס פּאָדערן.

דער זיידע פּלעגט זיך צעלאַכן און טענהען:

— צו-וואָס דאַרף איך דעם פּאַריין? אָט לעב איך דאָך, גאָט צו דאַנקען. איך פאַרדין, האָב וואָס צו קייען, און מירן נאָך זען!

האַרבוז איז אויפגעקאָכט געוואָרן און האָט כמעט געשריגן:

— און וואָס וועסטו טון, אַז דו וועסט שוין נישט קאָנען אַזויפיל קוילן אויסגראָבן? לעבסט צו דער זעט? זאָגסט ליגנט! נעם דיין האַרפינאַן — זי קאָכט בלויז קאַרטאָפל-שאָלן. זע, פעטער ניקאַנאָר, וועסט זיך נאָך אַרומקוקן, אָבער עס וועט שוין זיין צו שפּעט!

דער זיידע פּלעגט זיך נישט איבערנעמען און קיין תרעומות נישט האָבן. ער האָט געלעבט ווי אַזוי ער האָט געוואָלט און איז געווען צופרידן. פּונקט אַזוי ווי פריער האָט ער מיט אַלעמען געלעבט בשלום, און אַפילו אַגאַנעסאָוו דער סאָבאָטשייעווקער שענקער און מלינה-אייגנטימער פּלעגט אויך אָנקומען צום זיידן. כמעט אַלע טאָג, ווען ביי אים אין שענק אָדער מלינה פּלעגט אויסברעכן אַ געשלעג, איז ער גלייך געקומען צו לויפן צום זיידן. אין אַזעלכע פאַלן האָט ניקאַנאָר גענומען דעם שטעקן, אָנגעטון די האַנטשן און זיך אַוועקגעלאָזט צו אַגאַנעסאָוון. דאָרט האָט ער געשלאָגן שיכּורים, שלעפּערס, גנבים און פּראָסטיטוטקעס.

געטון האָט ער דאָס זאָרגפעליק און אָן כּעס, אַפילו מיט אַ געלעכטערל און אָן זידלעריי. אַזעלכער איז ער אויך געווען אינדערהיים. ער האָט זיך אַפילו נישט שטאַרק געבייזערט, ווען קאָזמאַ האָט געזאָגט, אַז אַ טייל פון זיין לוין האָט ער אָפּגעגעבן אין דער זעלבסט-הילף-קאַסע און אויפן פּראָפעסיאָנעלן פאַריין און אַז אַזוי וועט ער זיך נוהג-זיין יעדן חודש. ניקאַנאָר האָט דאָס אויסגעהערט און אַפילו קיין וואָרט נישט געזאָגט. ערשט שפּעטער אַביסל האָט ער זיך אויפגעשטעלט, אַ הויכער און אַ שטעכעדיקער, געכאַפּט פון טיש אַ שטיק ברויט, עס צוגעטראָגן צו קאָזמאַס אויגן און געזאָגט:

— זע, יונגאַטש איינער, וועמענס ברויט וועסטו עסן...

דער זיידע האָט קיינמאָל נישט געשריען אויפן פאָטער. אַלע אייניקלעך האָט ער געצערטלט, געזוכט אין די האָר, געקיצלט מיט דעם שטעכעדיקן גאָלד פון דער באָרד. ניקאַנאָר האָט געקוקט אויף זיין נאָכוווּקס און זיך געפרייט. ער האָט מיך גענומען אויף די הענט, באַטאַפּט די ברוסט און געטענהט:

— וואַקסט מיאוס, סאַן. וואַקס שנעלער, וועסט דאַרפֿן שפּייזן דעם זיידן!

מער פֿון אַלע האָט ער ליב געהאַט וואַריאַן. ווען מען האָט אויסגעצאָלט די שכירות, פֿלעגט ער איר שטענדיק ברענגען אַ מתּנה, איינמאָל האָט ער איר געקויפֿט אַ קעמעלע. די שוועסטער פֿלעגט מיט דעם צעקעמען אירע שיינע בלאָנדע האָר, און זיך שפּיגלען אין דער מתּנה.

שטיל איז געווען אין דער כאַלופּע, רויִק.

...אַ גאַנצן טאָג האָב איך באַמערקט, אַז מיטן זיידן איז עפּעס נישט אין אָרדענונג. איך האָב אים געבראַכט אין שאַכטע אַריין מיטאָג. דערזעענדיק מיך, האָט זיך דער זיידע דערפֿרייט. געגעסן האָט ער אָן חשק, כּמעט אינגאַנצן מיר אַוועקגעגעבן. ער האָט אַ סך און זשעדנע געטרונקען. געאָטעמט האָט ער שווער, פֿונם שטערן האָבן זיך געקייקלט שווערע טראָפּנס שווייס. איך האָב פֿאַרבונדן דאָס געשיר אין דער פֿאַטשיילע און זיך געקליבן אַוועקצוגיין. דער זיידע האָט מיך אַרומגענומען אַרום האַלדז און מיך געבעטן:

— וואַרט צו, סאַן, גיי נישט אַוועק. זעץ זיך צו!

ער האָט לאַנג געשוויגן, אייַנהערנדיק זיך אין דעם שטילן טראַסקען פֿון די אונטערשפּאַרונגען און דעם שאָרכן פֿון די קוילן, וואָס האָבן זיך אָפּגעשיט.

נאָכדעם האָט ער שטיל זיך אָנגערופֿן:

— שרעקלעך, סאַן, עס נודעט מיך. עס ברענט מיר אונטערן האַרצן... דער קאָפּ דרייט זיך... דער רוקן ברעכט...

דער זיידע האָט מיך נישט אָפּגעלאָזט, ביז די שיכט האָט זיך געביטן. ער איז געקומען אַהיים, זיך אַרומגעוואַשן און איז שנעל ערגעץ אַוועק. איך בין גלייך נאָך אים אַרויסגעלאָפֿן און געזען, ווי ער איז פֿאַרשוווּנדן הינטער דעם צוים פֿונם צמענטער.

דער זיידע איז צוריקגעקומען זייער שפּעט, אַ גוטער, אַ צוגעלאָזענער. ער האָט דער מוטער געהאָלפֿן אונדז אַרומוואַשן, אָנהאַקן האָלץ און אייַנהייצן דעם אויוון.

און אין אַ פֿייַכטער נאָוועמבער-נאַכט האָט דער געלער ניקאַנאָר געשטערט דעם מידן שלאָף פֿון דעם גאַנצן אַרבעטער-ישוב.

פֿאַרנאַכט זענען די שכנים געגאַנגען פֿון דער אַרבעט און האָבן דורכן פֿענסטער געזען ניקאַנאָרן. ער איז געזעסן בײַם לאָמפּ און האָט געלייענט. אין דער כאַלופּע איז ליכטיק, זויבער, רויִק.

דער שמעלצער האַרבוז, וועמענס כאַלופּע נעמט זיך ברידערלעך אַרום מיט די וואַנט פון ניקאַנאָרס כאַלופּע, איז אַפילו צוגעגאַנגען צום סאַמע פענסטער. עס האָט זיך אים, וואָס איז געוויינט צו פייער פון די אייזן-הויטעס, אויסגעוויזן, אַז דעם זיידנס רויטע באָרד פלאַקערט ווי אַ פלאַם. האַרבוז האָט לאַנג געקוקט אויף ניקאַנאָרן און אָנשפּאַרנדיק זיך אין דער פייכטער וואַנט פון דער כאַלופּע, האָט ער מיט קנאה אַ זאָג געטון:

— וויפיל וואַרעמקייט ווערט אין אַט דעם מענטשן און אומזיסט און אומנישט פאַרפאַלן...

און איז שטיל אַוועק צו זיך אַהיים. ער האָט באַוויזן זיך אַרום-צוואַשן, אָפּעסן אָוונט-ברויט און זיך לעגן שלאָפן. מיטאַמאָל האָט ער דערהערט אַ ווילד, אוממענטשלעך געשריי.

דער הימל איז אַ שוואַרצער, אַ צעפּאַטלטער, ער הענגט איבער די נידעריקע קוימענס פון דעם ישוב. אַלכסונדיק און געדיכט כליאַפּעט דער רעגן. די גרויסע און שווערע טראָפּנס קלאַפּן, ווי שטיינדלעך, אין די שויבן. ניקאַנאָרס הונט פאַלקאַן האָט אָנגעהויבן צו הוילן, דער-שפּירנדיק עפּעס פאַרדעכטיקס.

פון דעם פינסטערן פענסטער פון ניקאַנאָרס כאַלופּע הערט זיך איבער אַלע עקן פון סאָבאַטשייעווקע די באַקאַנטע באַס-שטימע פון דעם גאַלן גיבור. די שטימע האַלט זיך לאַנג אויף די הויכע טענער, ווי דאָס פייפן פון דער סירענע, און נאָכדעם רייסט זי זיך איבער מיט אַ כריפּען און ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ וואָיען. פאַלקאַן כאַפּט זיך אויף. ער קריכט אַרויס פון דער וואַרעמער קאַנורע, הויבט אויף צום שוואַרצן הימל די נאַסע, בלויע מאָרדע, און נישט אויפמאַכנדיק דאָס מויל, הויבט ער אָן שטיל און אויסגעצויגן צו וואָיען. און מיטאַמאָל האָבן פון אַלע עקן ישוב אַלע הינט אונטערגעכאַפּט פאַלקאַנס וואָיען, ווי זיי וואָלטן זיך באַמיט צו פאַרהילכן ניקאַנאָרס איינזאַמע שטימע. די הינט קאָנען זי אָבער נישט איבערשרייען, זי וואַקסט מיט יעדער רגע און וועקט סאָבאַטשייעווקע, זי זיפצט און קלאָגט...

עס דוכט זיך, אַז עס וויינט די גאַנצע ערד, עס קלאָגן די זטעפּעס, עס כליפּען די שטיינער, פאַרטויבנדיק דעם נאָוועמבער-ווינט און דעם גאָס-רעגן...

האַרבוז האָט אין איין אונטערוועש זיך געלאָזט לויפן צו ניקאַ-נאָרס כאַלופּע.

די מענטשן, וואָס זענען זיך צונויפגעלאָפן, שטופן זיך ביי דער פעסט־פאַרמאַכטער טיר.

דער קוילנגרעבער קאָוואַל שאַרט אַראָפּ פון די שיטערע וואָנסן די טראָפּנס וואַסער און שאָקלט בייז מיטן קאָפּ:

— אוי, נישט צום גוטן האָט דער זיידע זיך צעוואָיעט...

די גרויע אָקסאַנא האָט געכליפּעטביים פענסטער פון ניקאַנאָרס כאַלופּע.

דער שטענדיק שכורער פאַרפעסטיקטער דרוזשקאָ האָט אויף אַ קול געזאָגט:

— אפשר האָט ער זיך אָנגעשיכורט... ווער ווייס אים? ער האָט געוויס אַריבערגעכאַפּט די מאָס...

— אפשר איז מיט אים עפּעס געשען אין דער שאַכטע? — האָט דער קוילנגרעבער קאָוואַל געפרעגט.

— ניקאַנאָר האָט געאַרבעט בייטאָג, — האָט זיך עמעצער אָנגערופן.

מענטשן האָבן זיך געשטופּט ביים פענסטער און ביי דער פאַר־מאַכטער טיר. זיי האָבן זיך איינגעהערט, זיך געשטופּט אויף איין אָרט און זיך נישט געוואָלט פונאַנדערגיין.

עס איז צוגעקומען די מאַרקזיצערין באַנדורא. זי איז שמיידיק געלאָפן איבער דער בלאָטע, זיך געהיימניספול צוגעשאַרט צום געזעמל, פאַרשטעלט מיט דער דלאָניע דעם קאָפּ און צוזאַמען מיט דער סלונע האָט זי אַרויסגעשפּריצט:

— קרוינעלעך מיינע! טפו, טפו, קיין בייז־אויג זאָל נישט שאַטן! זאָל מיר אַ דונער טרעפן! איך ווייס, איך ווייס... פון וואָס ער וואָיעט. — באַנדורא האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם. — אַ נישטגוטער האָט זיך אין אים אַריינגעכאַפּט, אויף מיין וואָרט. איך קען שווערן! אַז איך בין געווען אַ קליין קינד, האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַ נישטגו־טער, ער איז משוגע געוואָרן און האָט אויך אַזוי געוואָיעט.

אין דער כאַלופּע האָט אַ קלאַפּ געטון די טיר. עס האָט זיך אין איר באַוויזן הארבוז אינם אונטערוועש.

ער איז געשטאַנען מיט די באָרוועסע פיס אין דער בלאָטע, נישט באַשיצנדיק זיך פונם רעגן.

גלייך נאָך אים איז, אַזוי ווי אַ דולע, אַרויסגעלאָפן אַ פרוי,

זי האָט געפירט אַ גאַנץ געזינדל קינדער און געבעטן, מען זאָל ראַטעווען דעם זיידן, וואָס איז פאַרבליבן אין דער כאַלופע.

דער המון האָט אַוועקגעשטופּט הארבוזן און האָט זיך אַ לאָז געטון אין דער שמאָלער טיר.

און געשען איז אָט וואָס:

ס׳איז געווען שבת. קאָזמאַ און וואַריאַ זענען אַוועק צו דער אַרבעט. דער זיידע האָט אויסגעצוואָגן דעם קאָפּ, זיך געזעצט ביים טיש און אָנגעהויבן לייענען דער באָבעשי מאַרינאַן די פּסאַלמען.

די באָבעשי שטריקט וואַרעמע הענטשקעס און קוקט גלייך אויף דעם זיידנס באָרד, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ צום טאַקט פון די ווערטער פון דער הייליקער שריפט. איר געזיכט שמעלצט זיך פון נחת און גוטסקייט. עס דוכט זיך, אַז אין יעדן קנייטשל ליגט באַהאַלטן אַ ליבע-צערטלעכקייט.

טייערע באָבעשי! ווען איך פלעג ווינטער-צייט צוריקקומען פון דעם זאַוואָד-באַרג מיט דעם ברוך-אייזן, האָט זי פון מיר אויסגעטון דעם טאַטנס מאַרינאַרקע, אָפּגעוויקלט די שמאַטעס פון די פיס, און מיר איינגעריבן די אָנגעפרוירענע גלידער. איך בין אונטערגעשפּרונגען פון ווייטאָג, און זי האָט געהאַלטן אין איין באַדויערן און צערטלען מיך, מיט דעם ברעג פאַטשיילע האָט זי געזוכט טרערן אין אירע לאַנג-אויסגעטרוקנטע אויגן, איינשטילנדיק מיך מיט אַ שטיקל ברויט, האָט זי מיך גענומען צו זיך אין בעט אַריין, איינגעהילט מיך אין אַ גראָבער רעדנע און געשעפּטשעט עפּעס, וואָס איז געווען ענלעך אי אויף אַ תפילה, אי אויף אַ ליד.

די באָבעשי זיצט נעבן זיידן, און מיר ווילט זיך אויך זיין נעבן זיי, די גוטינקע, די וואַרעמע. איך קאָן אָבער נישט. די מאַמע האָט אונז אַלע אָפּגעוואַשן מיט הייס וואַסער, איינגעריבן מיט אַ שטינקענדיק שמירעכץ און איינגעהילט אין אַ וואַרעמער קאָלדרע. מיר זיצן נאַקעטע, די מאַמע לאַטעט אונזערע מלבושים, און אונז איז אומעטיק אין אונזער געפענגעניש.

דער טאַטע זיצט פאַרטון ביי אַ הילצערן ברעטל און שניצט פאַר זיך אַ הילצערנע זויל צו דער אַרבעט אין דער אייזן-הוטע.

אין דער כאַלופע איז וואַרעם. עס שמעקט מיט קאַרבאָל-זייף, מיט שמירעכץ און שוויס.

דער לאָמפּ האָט אויסגעשניטן אויפן שוואַרצן באַלקן פון דער

כאַלופּע אַ קליינינטשקע זון. אויף דער פּאָדלאָגע, אויף די ווענט הענ-גען, הוידען זיך לאַנגע שאָטנס.

אַלץ איז אַזוי רויק און פאַרשלאָפן. עס קלעפּן זיך די אויגן. נעבן מיר אָטעמט שוין שווער מיטקא, איך פיל, אַז איך וועל אויך באַלד זיך צונויפדרייען און איינשלאָפן. אויף די אויגן האָט זיך אָנ-גערוקט אַ פאָרהאַנג, און דורך די שמאָלע שפּעלטלעך פון די וויעס זע איך דאָס לעצטע מאָל דעם זיידן, וואָס לייענט די פסאַלמען.

ניין, ער לייענט שוין נישט. וואָס איז דאָס מיט אים? ער האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ און מיט די ברייטע דלאָניעס רייבט ער דעם הויכן שטערן. ער הויבט זיך ראָש אויף פונם אָרט, די כאַלופּע איז צו נידעריק פאַר זיין הויכן גוף, ער קלאַפּט מיטן קאָפּ אַראָפּ דאָס ליים פונם באַלקן. דער זיידע דרייט מיט די הענט אַרום זיין געזיכט, ער וויל עפּעס אָפּטרייבן, אָדער כאַפּן.

די באָבעשי האָט אויפגעהערט צו שטריקן און מיט אומרויִקייט קוקט זי נאָך די מאָדנע באַוועגונגען, וואָס דער זיידע מאַכט. דער טאַטע מיט דער מאַמען, וואָס זענען פאַרטון אין זייער אַרבעט, באַ-מערקן נאָך גאָרנישט.

דער זיידע האָט זיך שווער אַראָפּגעלאָזט אויף דער באַנק, אויסגעדרייט דעם קאָפּ און פאַררייסנדיק די שפּיציקע באָרד, האָט ער שטיל אַ זיפץ געטון.

איך האָב אויפגעמאַכט די אויגן. איצט האָבן שוין אויך דער טאַטע מיט דער מאַמען אַוועקגעוואָרפן די אַרבעט, און די באָבעשי, פאַרבאָרגנדיק די שרעק, האָט געמוסרט דעם זיידן:

— וואָס איז דאָס? ביסט פון זינען אַראָפּ? וואַיעסט, ווי אַ חסר-דעה...

דער זיידע האָט אָנגעהויבן צו כריפּען און אויסשטרעקנדיק די פינגער האָט ער זיך גענומען דרייען איבער דער כאַלופּע. ער האָט אומגעוואָרפן דעם טאַטן, אַריבערגעשפּאַנט איבער דער באָבעשי, ווי ער וואָלט זיך געראַטעוועט פון עפּעס. פאַרטשעפּנדיק זיך אינם בייִשטידל פון דער טיר, האָט ער גענומען קלאַפּן קאָפּ אין וואַנט און געוואַל-דעווען.

די באָבעשי האָט זיך צעיאָמערט:

— גאָט מיינער! וואָס איז דאָס מיט אים?

גיורקע און מיטיא האָבן זיך אויפגעכאַפּט. זיי האָבן זיך צע-

כליפּעט, אונטערגעהאַלטן דער באַבעשיס געיאָמער, און די כאַלופּע האָט געקלאָגט, ווי מען באַוויינט אַ טויטן.

דער זיידע האָט גאָרנישט געהערט. ער האָט זיך שטילענקערהייט צוגעשאַרט צום טיש, אויסגעשטרעקט די לאַנגע הענט און פאַרזיכטיק זיך געגנבעט צו דעם אָראַנזשענעם פלאַטערל פונם פייער.

איך האָב באַוויזן אויפצוכאַפּן דעם אויסדרוק פון זיין געזיכט: די אויגן איינגעפאַלענע, זיי האָבן פאַרלוירן די נעסט פון די אויגנלעכער, מוטנע, ווי ביי אַ געזאָלצענעם הערינג; די קינבאַקן האָבן זיך אַרויסגעשטאַרצט; די גראָבע ליפּן האָבן זיך צעעפנט, און איבער דער באָרד האָט גענומען רינען אַ דין קייטעלע סלינע. עס האָבן זיך געטונקלט די געלע ציין.

דער זיידע האָט צונויפגעדריקט די הענט אַרום לאָמפּ און צעקוועטשט דאָס גלעזל. עס האָט אַ כרושטשע געטון, ווי אַ שאָלעכץ פון אַן איי און מיט אַ קלינגעריי זיך צעשיט אויפן טיש. דאָס אָראַנזשענע פלאַטערל האָט אַ פּאָך געטון מיט די פליגל און איז אוועקגעפלויגן.

אַ רגע איז געווען שטיל אין ניקאַנאָר דעם קוילנגרעבערס ענגער און פינסטערער כאַלופּע, אָבער באַלד האָט זיך דורך דער אויסגעזעצטער שויב, דורך די שפּאַרונעס, דורך וועלכע עס האָט אַריינגעפייפט דער ווינט און דער רעגן, דורך די ווענט פון דער כאַלופּע, איבער גאַנץ סאָבאַטשייעווקע דורכגעטראָגן אַ זיפץ, אַ וואָיען פון אַ גסיסהדיק איינזאַם קול.

האַרבוז איז געקומען צולויפן. מיר זענען אַרויס אויף דער גאַס, און איבער גאַנץ סאָבאַטשייעווקע האָט זיך געהערט דער מאַמעס געיאָמער.

טירן האָבן אָנגעהויבן קלאַפּן, אין די פענסטער האָבן זיך באַוויזן פייערלעך, ווי גליווערעמלעך. די פוילע רינשטאָקן האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, מענטשן זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן, זיך געשטופּט ביי דער כאַלופּע.

סאָבאַטשייעווקע האָט שוין אַלץ געוווסט. מענטשן זענען געשטאָרבן אי אונטערן מעסער, אי פון אַ קלאַפּ פון אַ פלאַש איבערן קאָפּ.

מענטשן זענען געשטאַנען און געוואַרט. ענדלעך האָט זיך דעם זיידנס קול מיד איינגעבראָכן, און עס איז שטיל געוואָרן.

מען האָט אונז צוריק אַריינגעפירט אין שטוב, אַריינגעוואָרפן אין

בעט און אונז איינגעדעקט מיט עפּעס וואַרעמס. די מאַמע האָט זיך געלאָזט לויפן צווישן עולם אָפּזוכן די באַבעשי. דער טאַטע האָט אָנגעצונדן אַ שוועבעלע און, אַ מאַך טוענדיק מיט די הענט, האָט ער ווידער אָנגעהויבן צו שרייען.

עמעצער האָט אויפגעהויבן דאָס פּודעלע שוועבעלעך און אָנגעצונדן אין דער פינסטערניש אַ קליין פלעמל.

איך האָב דערזען די באַבעשי, וועלכע איז זיך באַקוועם געלעגן ביי דער וואַנט. אַ רויט סטענגעלע איז געלאָפן פון דעם שלייף און פונם ברעג פון די ליפּן. נישט ווייט פון איר האָט דער זיידע געהאַלטן אַרומגענומען די דעמבענע פיס פונם טיש. אויפן שטערן האָט אַרומגעטאַנצט אַ בלויער אָדער. פון דעם אָפענעם מויל איז גערונען די סלינע.

די כאַלופּע האָט געשוויגן. דער קוילנגרעבער קאָוואַל האָט דער ערשטער אַ שעפּטשע געטון:

— פון וואָס האָט זיך דאָס גענומען, האַ?

די טרעפּערקע באַנדורא האָט אַ געשריי געטון:

— קרוינעלעך, דער נישטגוטער שפּאַצירט אַרום אין ניקאַנאָרן, ס'איז אים ענג, דערפאַר דריקט ער אַזוי...

דער שענקער און מלינהניק אַגאַנעסאָוו האָט געהאַלטן אין איין טענהן:

— ס'אַראַ גאָלדענע נשמה דאָס איז געווען!

מיין פאָטערס פריינט, דער שמעלצער האַרבוז, האָט טרויעריק, צו קיינעם נישט ווענדנדיק זיך, געזאָגט:

— זיך אַרויפגעאַרבעט, ניקאַנאָר. לעבסט צו דער זעט, האַ?

איך האָב אַ פריטשמעלעטער געקוקט אויף דער באַבעשין. אַרום איר איז אַרומגעשפּרונגען אַ קעצל. דאָס קעצל האָט אַריינגעשפּיזט די שאַרפע נעגל אין דעם קניילעכל וואָל און זיך אַוודאַי געחידושט, וואָס די באַבעשי טרייבט דאָס נישט אַוועק, וואָס זי האַלט אַראָפּגעהאַנגען די האַנט און ווישט נישט אויס די טרער, וואָס האָט זיך אַראָפּגעקייקלט פון אירע אויסגעטרוקנטע אויגן, און איז ווי אַ שטיקל אייז פאַרגליווערט געוואָרן איז די קנייטשלעך פון דעם גוטינקען, ליבענקן געזיכט.

קאַפּיטל פיר

דעם זיידן האָט מען אוועקגעפירט אין דער קרייזשטאָט, אים אריינגעזעצט אין משוגעים-הויז. ער איז דאָרט אָפּגעווען עטלעכע חדשים. אינגיכן האָט סאָבאַטשייעווקע אָן אים איינגאַנצן פאַרגעסן. אָבער איין-מאָל האָט ער זיך באַוויזן אין די פּוילע רינשטאָקן מיט אַ גרוי-געוואָרענער באָרד און מיט גרויסע, טרויעריקע אויגן. מיט אַ קראַנק געגנגל איז ער צוגעקומען צו זיין כאַלופּע, נישט אומקוקנדיק זיך אויף קיינעם, נישט ענטפערנדיק די שכנים אויף זייערע באַגריסונגען.

אין שטוב האָט ער לאַנג באַטראַכט מיך, ניורקען, אַרומגעלאָפן מיט די אויגן, געזוכט נאָך עמעצן, און נישט געפונענדיק אים, האָט ער זיך אַ וואָרף געטון אויפן ברייטן בעט.

אין כאַלופּע איז שטילינקערהייט אַריינגעקומען דער אָנצייניקער שמעלצער. ער האָט זיך געזעצט ביים צוקאָפּנס, לאַנג געקוקט אויפן זיידן, אָפּגעזיפצט, און אָן שנאה אַ זאָג געטון:

— אָט האָסטו דיר, דיין זאַט לעבן, ניקאָנאַר!

דער זיידע האָט גאָרנישט געענטפערט, ער האָט אַפילו מיטן אויג נישט אַ פּינטל געטון און ווי פריער געהאַלטן אין איין קוקן אַרויף.

אָט אַזוי האָט דער זיידע אָנגעהויבן זיין ניי לעבן. ער האָט נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט. ביינאַכט נישט געשלאָפן, געהאַלטן אין איין קוקן אויפן באַלקן.

נודנע איז געוואָרן אין דער כאַלופּע. איך האָב מורא געהאַט פאַרן זיידן. לייגנדיק זיך שלאָפן, האָב איך זיך איינגעהילט איבערן קאָפּ, כדי נישט צו זען זיינע אימהדיקע, שטענדיק אָפענע אויגן. די מאַמע האָט שטילערהייט בייטאָג און ביינאַכט געוויינט. אין גאַס האָט מען מיך גערופן, „סאַשקע ניקאָנאָר דעם משוגענעמס", קיינער האָט מיט מיר זיך נישט געוואָלט שפּילן.

איצט האָבן די קוילנגרעבער שוין נישט מקנא געווען דעם זיידן, ער האָט שוין נישט געאַרבעט, ווי פריער, ער פלעגט קומען אַהיים, קוים-פלאָנטערנדיק מיט די פיס, אַ באַדעקטער מיט קוילן-שטויב, זיך נישט אַרומוואַשן און זיך גלייך לייגן אין בעט.

אינגיכן האָט ער באַקומען דעם זעלבן אַטאַק, וואָס אין האַרבסט.

דער טאַטע האָט אים אַרײַנגעלעגט אין בעט אַרײַן, אויף יעדן פֿאַל אים געבונדן מיט אַ שטריק, און אַ גאַנצע נאַכט געוואַכט איבער דעם אומבאַוועגלעכן קערפּער.

אין דערפֿרי איז דער זיידע נישט געגאַנגען צו דער אַרבעט. דאָס איז געווען זײַן ערשטער דורכגעלאָזטער אַרבעטס־טאָג פֿאַר פֿינף און דרײַסיק יאָר. דער זיידע האָט מיט די אויגן צוגערופֿן דעם טאַטן און אַ שעפּטשע געטון, באַוועגנדיק שווער מיט דער צוביסענער צונג:

— זונעלע, זײַ אַזוי גוט, בינד אויף...

ער האָט לאַנג אויסגעגלײַכט די הענט, זיך געדרייט אין אַלע זײַטן, און אַז דער טאַטע איז אַוועק צו דער אַרבעט, האָט ער הכנעה־דיק אָנגעהויבן צו בעטלען בײַ דער מאַמען:

— טאָכטערקע, גיב אַ רובל!

ער האָט באַקומען דעם רובל און איז ביז בײַנאַכט אַוועק אין שענק אַרײַן. בשעת איך האָב זיך אָוונט־צײַט צוריקגעקערט פֿון דעם זאַוואָד־באַרג, האָב איך דערהערט דעם זיידנס קול. ער איז געגאַנגען פֿונם צמענטער.

דער זיידע האָט געזונגען:

„סע ברומט און קרעכצט דער דניעפּר דער ברייטער...
און סע וואָיעט אַ ווינט אַ בייזער...“

די אײַנוווינער פֿון די פֿוילע רינשטאָקן זענען אַרויסגעקראָכן פֿון זייערע כאַלופּעס, זיך אָפּגעשטעלט, אַרײַנגעקוקט דעם זיידן אין די אויגן — ווער מיט באַדויער און ווער מיט נקמה.

אַ פֿאַרחושכטער, נישט אָפּווישנדיק די נאַס־געוואָרענע באָרד, פֿלעגט דער זיידע אַרײַנגיין אין שטוב.

אָנשפּאַרנדיק זיך מיט דער פּלייצע אין דער טיר, האָט ער מיט צאָרן אַ געשריי געטון:

— אָסטאַפּ, אָסטאַפּ, דו צויגן־זון, זאָג, איך האָב דיר שוין דער־רעסן, איך לאָז דיך נישט לעבן?

דער טאַטע האָט אַוועקגעלייגט דעם לעפֿל, זאָרגעוודיק אַרומ־גענומען דעם זיידן, און אים געוואָלט לייגן אין בעט. דער זיידע האָט זיך נישט געלאָזט, געוואָלט אים אָנכאַפּן פֿאַרן האַלז.

— דו פּאַסקודניאַק! דו קוקסט דיר שוין די אויגן אויס, בעטסט גאָט, איך זאָל שוין וואָס־גיכער פּגרן... דערשטיק מיך בעסער, וואַרט נישט, זונדעלע, דער־וואַרג מיך...

מיט די אייזערנע הענט האָט דער זיידע געדריקט דעם טאַטנס האַלדז, געשפּריצט מיט סלינע און איז בלויז געוואָרן פונם הויכן שטערן ביז די גראָבע ליפּן.

די מאַמע האָט געכאַפּט אַ שטיק האָלץ און זיך אַ וואָרף געטון אויפן זיידן, זי האָט אים מיט דעם וואַלגערהאָלץ געקלאַפּט איבער די פינגער, ער זאָל אָפּלאָזן דעם טאַטנס האַלדז.

דער זיידע האָט אָפּגעלאָזט דעם טאַטן, אַ צעמישטער אַ קוק געטון אויף דער מאַמען און אָנגעהויבן שרייען:

— און דו אויך? — ער האָט אַ ריס געטון דאָס העמד, אונ-טערשטעלנדיק די האָריקע ברוסט: — נאַט! שניידט מיין האַרץ, טרינקט מיין בלוט! — ער איז אַנידערגעפאַלן אויף די קני, זיך גע-וואָרפן ווי אַ חולה-נופל. און באַלד האָט ער זיך איינגעשטילט.

אין דער פינסטערער קוילן-שאַכטע איז ניקאַנאָר וואָס-אַמאָל געוואָרן אַלץ פאַוואָליעדיקער און נעבעכדיקער. ער האָט זיך באַמיט צו באַקומען די סאַמע ווייטסטע ווינקלען, כּדי די חברים זאָלן נישט זען, ווי ער ליגט אָפּ גאַנצע שעהן אויף די קאַלטע קופּעס קוילן, פּייפנדיק שווער און אָפּט מיט די פאַרלייגטע לונגען.

עס זענען געקומען טעג, ווען ניקאַנאָר האָט נישט געקאָנט אויס-גראָבן קיין שטיק הרודע. דער גראָבאייזן איז אים אַרויסגעפאַלן פון די הענט, די האָר זענען נאַס געוואָרן, די פינגער האָבן געציטערט. אין אַזעלכע טעג פלעג איך צוריקברענגען אַהיים דעם נישט-אָנגע-רירטן אָנבייסן.

די אָפּגעשוואַכטקייט זיינע פלעגט שטענדיק קומען ערב אַן אַטאַק, און נאָך דעם אַטאַק פלעגט ער זיך אָנשיכּורן, נישט גיין צו דער אַרבעט און צו אַלעמען אויסלאָזן זיין ביטער האַרץ. דער מאַמען פלעגט ער אַפילו אַ קאָפּעקע נישט געבן פון זיין פאַרדינסט. און פאַרדינען פלעגט ער אויך כּמעט גאָרנישט. דער זיידע האָט געגראָבן קוילן בלויז עטלעכע טעג אין חודש, די איבעריקע צייט איז אָדער ער האָט געהוליעט, אָדער גאָר זיך געוואַלגערט אין בעט, געכאַפּט זיך פאַרן קאָפּ און מיט טרערן זיך געקלאָגט:

— אוי, דער קאָפּ ווערט מיר צענומען!

ווי נאָר דער זיידע איז געקומען צו זיך, פלעגט ער באַלד פאַר-פאַלן ווערן. גאַנצע טעג האָט ער פאַרבראַכט אויפן מאַרק. פאַר אַ האַלב פלעשל בראָנפן האָט ער אויסגעלאָדן אַ גאַנצע פור מעל, פאַר

אַ טעלער באָרשטש האָט ער אָנגעהאַקט האַלץ פאַר דער פּרעסאַרניע אויפן מאַרק, פאַר אַ שטיק וואורשט — אַרויסגעטראָגן דאָס פליישׂ פון די קעלטערס פאַר די קצבים.

דער גאַנצער מאַרק האָט געקענט דעם זיידן. אַרומגעגאַנגען איז ער אין אַ לאַנג העמד ביז איבער די קני. די פלודערן האָבן נישט צוגעדעקט די הוילע פיס. די קאַלאָשן, וואָס זענען געווען צוגעבונדן מיט אַ שטיקל דראָט, האָבן געטיאָפּקעט אין דער בלאָטע, מיט דער אָפּגעריסענער זויל. אויף דער נישט־געצוואָגענער, נישט־פאַרקעמטער קוטשמע ווייסע האָר האָט זיך קוים געהאַלטן דאָס היטל. די באָרד איז פאַרקראָכן אונטער דעם קאַלנער פונם העמד. אין האַנט אַ שטיק לעבער־וואורשט, אַ בולקע אָדער אַ פאַרפוילטער עפּל.

ער שפּאַצירט אַרום איבערן מאַרק און קוקט זשעדנע און בייז אויס וואָס אויסצושנאָרען. אָט איז אים געפעלן געוואָרן דאָס בייכיקע פעסל מיט פּאָווידלע ביים דאַרן גריך: ניקאַנאָר שטרעקט פאָדערנדיק אויס די האַנט, ווי עס וואָלט אים געקומען אַ חוב. דער גריך דער־לאַנגט אים אויפן הילצערנעם לאָפּעטקעלע אַ ביסל פּאָווידלע. דער זיידע שלינגט דאָס גלייכגילטיק אַראָפּ און שלאַנדרעוועט ווייטער אַוועק.

ניקאַנאָרס אויגן הויבן אָן צו צערטלען די געלע ציטרינען. ער שטרעקט אויס די האַנט. די פאַרקויפערין דרייט אַוועק דעם קאָפּ, זי זעט נישט. דער זיידע שטרעקט אויס די געפּלאַצטע וואָרצלען פון זיינע פינגער. די פאַרקויפערין באַמערקט אַלץ נישט, דעמאָלט קלייבט ער אויס אַ ריין שטיקל אָרט און הויבט זיך אָן וואַרפן.

דער קערפּער וואַרפט זיך, די קאַלאָשן פליען אַראָפּ פון די פיס, קערן איבער די קוישן. די ציטרינען צעפליען זיך אין אַלע זייטן.

דער זיידע קוויטשעט, וואַיעט, ריטשעט. און אַז די ציטרינען ווערן צעטרעטן דורך דעם עולם, וואָס איז זיך צוזאַמענגעלאָפן, הויבט זיך דער זיידע רויק אויף. נישט אָפּטרייסלענדיק זיך, נישט צענע־מענדיק זיינע מיט שנאה־צוגויפגעפרעסטע בלוטלאָזע ליפּן, גייט ער ווייטער און שנאָרעט ווידער.

די אַלע גאָבן, שנאָררייען און דער בראָנפן אין די פּרעסאַר־ניעס זענען געוואָרן דער גאַנצער זין פונם זיידנס לעבן. אַלע זיינע טעג זענען דערמיט אויסגעפולט.

עס האָבן אָבער געטראָפן טעג, ווען דער זיידע איז געווען ניכטער, דעמאָלט פלעגט אים האָרבוז זאָגן מוסר. דער זיידע האָט

דערפאַר פיינט באַקומען דעם אָנצייניקן שמעלצער און איינמאָל האָט ער אים גוט אָנגעבראָכן די ביינער. דער זיידע האָט פיינט געהאַט די גאַנצע וועלט. ער האָט פיינט געהאַט די בעטלערס אין מאַרק, וועלכע פלעגן זיך יעדן אָוונט צונויפקומען אין פּרעסאַרניע, קלימפּערנדיק מיט די קופּערנע מטבעות. ער פלעגט זיי פאַרטרייבן אין אַ ווינקל, אַרויסשלעפּן פון זייערע זעק די אויסגעבעטלטע שטיקלעך ברויט און פלייש, און שרייען:

— אָט דאָס איז אייער פּרנסה? איר בויגט די רוקנס? עך, איר נבלות!

גאַנצע שעהן האָט ער געקאָנט אָפּשטיין פאַר די מעל-מאַגאַזינען, ביי די פיש-קראָמען, סקלאַדעס, זיך צוגעקוקט, ווי די פּורמאַנעס האָבן זיך געבויגן אונטער די זעק, פעסער און קאַסטנס. נאָך דעם איז ער צוגעגאַנגען און געפרעגט:

— מען האָרעוועט, ברידער?

רויבעריש האָט ער אַרויסגעכאַפּט דאָס געלט פון די טרעגערס הענט און אָפּגעשפּאָט:

— און מיר וועלן אויסטרינקען פאַר אייער געזונט!

די פורמאַנעס האָבן זיך געפּרוּווט אָפּוועדן, אָבער נישט איינער האָט געקראָגן אָנגעבראָכן די ביינער.

פיינט באַקומען האָט ניקאַנאָר אויך די קוילנגרעבער. ער פלעגט אַריינפאַלן אין דעם ענגן קאַנטאָרל, אַרויסגעשלעפּט אַ פלאַש בראָנפן, אוגערקעס, אַ שטיק וווּרשט, אַ בולקע, זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערד און זיך געריי͏צט מיט די אַרבעטער.

אין די זעלטענע טעג, ווען ער איז געווען ניכטער, האָט ער אָנגעהויבן צו בענקען נאָך דער שאַכטע. ער האָט דאָס נישט געקענט אַריבערטראָגן, אָנגעטון די קורטקע און זיך אַראָפּגעלאָזט אין קוילנגראָבן. אַ פאָר טעג האָט ער געאַרבעט מיט גרויס חשק. נישט זייענדיק צופרידן מיט דער אָרדענונג, האָט ער זיך געזוכט אַ צוטשעפּעניש ווי אַרום זיך איינגרייסן מיט דעם אויפזעער, מיטן אינזשינער און איז ווידער אַוועק אויפן מאַרק.

זיין שנאה האָט ער אויך אויסגעלאָזט צו די אייגענע.

אומגעריכט האָט ער זיך באַוויזן אין דער כאַלופּע, מיט קיינעם זיך נישט באַגריסט, און אָן צערעמאָניעס זיך געלעגט מיט די פאַר-

זייזיקטע לאָכעס אין בעט. געלעגן איז ער שווייגנדיק, געריווכערט און געקרעכצט.

— טאַטע, איר וואָלט זיך כאָטש פאַר די קינדער געשעמט, — האָט די מאַמע מיט טרערן אין די אויגן געטענהט.

ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, באַטראַכט די אָרעמע כאַלופּע און מיט אַ ציטערדיק קול געפרעגט:

— און איר שעמט זיך אַמאָל?

איינמאָל האָט דער טאַטע מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן. ער איז אויפגעשפּרונגען פונם טאַבורעט און זיך געכאַפּט ביים קאָפּ:

— גאָט מיינער, ביזקל וואַנען וועט איר אונז מוטשען?

ער האָט פון זיך אַראָפּגעכאַפּט די מאַרינאַרקע, די שטיוול, זיי שליידער געטון אין מיטן שטוב און זיך געבעטן ביי אים:

— נאַט, פאַרקויפט דאָס אַלץ, פאָטער, פאַרשיכורט דאָס, אָבער עפנט קיינמאָל מער נישט אָט די טיר!

דער זיידע האָט זיך איזדעקעוועט:

— דאַרפסט מיך מער נישט בעטן, זונעלע, דו נעם בעסער די לאָפּאַטע און פּלעט מיר דעם מוח און וואַרף מיך אַריין גלייך אין ראָוו אַריין.

ניקאַנאָר האָט פיינט געהאַט דעם זון, מסתמא, פאַר זיין הילפ-לאָזיקייט, דערפאַר וואָס ער האָט אים הכנעהדיק געלאָזט באַגנבענען זיין הונגעריקע כאַלופּע. קאָזמאַן האָט ער פיינט געהאַט דערפאַר, וואָס ער טרינקט קיינמאָל נישט קיין בראָנפן, גייט אין אַ ריין העמד, טראָגט לאַנגע האָר, איז תמיד אַן ערנסטער, לייענט ביכער, קומט אָפּט צו הארבוזן, ביי וועמען עס קומען פאַר פאַרזאַמלונגען. אז קאָזמאַ פלעגט זיך עפּעס אָנרופן, איז דער זיידע געוואָרן מלא-חימה, אים געוואָלט שלאָגן, אַרויסגעטריבן דאָס אייניקל אויף דער גאַס. קאָזמאַ האָט זיך באַזעצט אין דער קאַזאַרמע און איז אָפּט געקומען צו אונז צו גאַסט. ער איז געווען אַ שטרענגער, קיינמאָל נישט געלאַכט און האָט זיך שטענדיק געאַמפּערט מיטן זיידן. ער פלעגט זאָגן:

— זיידע, מיר ביידע פאַרמאָגן איין בלוט, אָבער דו ביסט פאַרט אַ פרעמדער, דו פירסט דעם אַרבעטער אויף אַ פאַלשן וועג.

ניקאַנאָר האָט דאָס נישט פאַרשטאַנען און נישט געוואָלט פאַרשטיין.

ער האָט פיינט געהאַט די דורך אים אַליין געשאַפענע סאָבאַ-טשייעווקע מיט אירע כאַלופּעס.

אַז דעם זיידן איז דערעסן געוואָרן דאָס ליידיקגיין, איז ער אַוועק אין די פּרעסאַרניעס צו די בעטלערס, גנבים און פּראָסטיטוט־קעס. איינמאָל איז ער אַרויס פון אַגאַנעסאָווס שענק, פּלאָנטערנדיק מיט די פיס, איז ער אַרויפגעקראָכן אויף דעם שמעלצער האַרבוזס כאַ־לופּע און אָנגעהויבן צו צענעמען דעם דאַך. האַרבוזס ווייב, די גרויע יעוודאָכאַ, איז אַרויסגעלאָפן מיט אַ ליאַרם.

— פאַרוואָס ווינט דיין מאַן נישט אין אַ מויער? פאַרוואָס כאַפּט ער נישט אָן פאַרן גאָרגל דעם פראַנצויז? ער קען נאָר טאַ־לאַבענדען מיט דער צונג, — האָט דער זיידע געשריען.

האַרבוז האָט קאַלטבלוטיק און רויִק זיך צוגעקוקט צו ניקאַנאָרס אַרבעט און געזאָגט:

— האַק, ברעך, פעטערל ניקאַנאָר! ביי ווּעמען צעברעכסטו, זאָג! פאַרוואָס גייסטו נישט בעסער צום באַלעבאָס? פאַרוואָס נעמסטו אים נישט פאַרן גאָרגל?

ניקאַנאָר האָט זיך אָפּגעשטעלט און אַ שעפּטשע געטון:

— דעם דייטש... קאַרל פראַנצאָוויטשן?

און, וואַקלענדיק זיך, איז ער אַראָפּגעקראָכן פון דאַך.

איינמאָל האָט ער אויפן מאַרק דערזען אַ פּאָר ווייסע פערד, געשפּאַנט אין אַ לאַקירט פאַיעטאָנדל. די ווייספּיסיקע שיינהייטן האָבן הילכיק געקנאַקט איבער די שטיינער פונם מאַרק, און דער עולם האָט זיי אָפּגעטראָטן דעם וועג. דאָס פאַיעטאָנדל האָט געסקריפּעט מיט די גומענע רעדער און געבלענדט אַלעמענס אויגן מיטן גלאַנץ פונם לאַ־קיר און מיט די בליאַסקענדיקע שייבלעך. אין פאַיעטאָן איז געזעסן דער גלייכער און הויכער באַלעבאָס.

ניקאַנאָר האָט זיך דורכגעשטופּט דורך דער הכנעהדיקער וואַנט גלאָצערס, אַ שפּרונג געטון אַנטקעגן די זשרעבאַקעס, זיי אָנגעכאַפּט פאַרן ציימל און, נאָכשלעפּנדיק זיך אַזוי עטלעכע מעטער, האָט ער אָפּגעשטעלט דעם פאַיעטאָן. ער האָט אַראָפּגעשלעפּט דעם קוטשער פונם געזעס, אַריינגעכאַפּט די לייצעס אין זיינע הענט און פאַרפירט מיטן באַלעבאָס אַ געשפּרעך.

— איך האָב אין אייער שאַכטע אָפּגעאַרבעט פינף און דרייסיק יאָר. איך האָב אייך אָנגעגראָבן טויזנטער וואַגאָנעס קוילן. איך האָב זיך ביי אייך אָנגעגעסן מיט גאַנצע בערג שטויב. און אַז איך גיי נאָך איצט אַריין אין אָפּטריט, זע איך אונטער זיך שטויב. איך וועל נאָך

לעבן הונדערט יאָר, און די קוילן וועלן פון מיר נישט אַרויס. און די שאַכטעס זענען געבליבן מיינע שוואַרצע לאָקן, צוליב די קוילן האָב אין אומגעבראַכט מיין אייגן ווייב.

דער מאַרק-עולם האָט נאָך ענגער און פעסטער אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן דעם פּאַיעטאָן און הייס געאָטעמט גלייך אויף ניקאַנאָרן.

— די קוילן האָבן זיך איינגעזאַפּט אין מיין בלוט, מיט די קוילן האָט מיין ווייב געבוירן אַ זון. מיינע אור-אייניקלעך וועלן נאָך האָבן צו געדענקען די קוילן. צי הערט איר מיך, קאַרל פראַנצאָוויטש?

יאָ, דער דייטש האָט געהערט. ער האָט נישט אַ ריר געטון מיט אַ פינגער, ער האָט פאַרגעסן איינצואָטעמען די לופט. ער האָט געהערט דאָס אומזיניקע בעבטשען פון דעם בעטלער און נישט פאַרשטאַנען זיינע ווערטער. ער האָט בלויז געזען די אויגן זיינע.

און ניקאַנאָר איז געשטאַנען אַ שטאָלצער, ווי אַ שופט, וואָס איז גערופן געוואָרן צוריקצושטעלן דעם פאַרשוועכטן אמת. ער האָט אויסגעפאָרשט דעם דייטש מיט צערטלעכקייט.

— און וואָס וועט איר אונז געבן? מיט וואָס וועט איר אונז באַגליקן?

דער מאַרק האָט אויפגעהערט צו האַנדלען. ער האָט זיך צונויפגעפּרעסט אַרום פּאַיעטאָן, ווי אַ נישט צוטריטלעכער רינג. די פּאָליציאַנטן זענען זיך פאַרגאַנגען מיט זייער פייפעריי, געפּאַכט מיט די נאַהייקעס, דער רינג האָט זיך נישט נאָכגעגעבן.

דער דייטש איז געבליבן אָן לשון.

עס זענען אָנגעלאָפן רייטער-פּאָליציאַנטן. מיט די טלאָען פון די פערד האָבן זיי צעריסן דעם מענטשן-רינג, צוגעדריקט ניקאַנאָרן מיט די שוימיקע זייטן פון די פערד און אים אַוועקגעפירט אין פּאָליציי-צירקל אַריין.

אויף אַסך, אַסך טעג איז ניקאַנאָר פאַרפאַלן געוואָרן פונם מאַרק. גאַנץ סאָבאָטשייעווקע האָט גערעדט, אַז מען וועט אים פאַרשיקן קיין סיביר. די מאַמע איז געוואָרן צוגעלאָזענער און צערטלעכער צו אונז.

דער זיידע האָט זיך אָבער אומגעקערט צוריק, אַ טויבער, אַ קרומער. ער האָט דערציילט, אַז מען האָט אים אין צירקל געשלאָגן, געממיתט און אַרויסגעלאָזן האָט מען אים צוליב זיין עלטער.

איינמאָל האָב איך פון דעם זאַוואָד-באַרג געטראָגן טשוהון-אָפּפאַל און זיך באַגעגנט מיטן זיידן אויפן מאַרק. דער זיידע האָט זיך

אַ קראַץ געטון, פֿאַרזשמורעט די אויגן און איבערן גאַנצן מאַרק אַ געשריי געטון:

— האַ, אַרבעטנדיקער יונגאַטש, וואָס מאַכסטו?

ער איז צוגעגאַנגען, צוגענומען ביי מיר דעם זאַק אייזן, דאָס אויסגעשיט, מיך אָנגעכאַפּט פֿאַר דער האַנט און אַריינגעשלעפּט אין פּרעסאַרניע אַריין. ער האָט אָנגעשטעלט אַ פֿולן טיש מיט אוגערקעס, מיט בראָנפֿן.

— רייב, יונגאַטש, מיט דריי לעפֿל שטופּ אַן דאָס בייכל!

נאָך דעם האָט ער מיך אַרומגעפֿירט איבערן גאַנצן מאַרק און זיך באַרימט:

— איך האָב מיר אַ פּירער געפֿונען!

אינאָוונט האָט ער מיך אַוועקגעפֿירט אין אַן אַכסניה. מיך איינגעדעקט מיט שמאַטעס און אָנגעהויבן לערנען:

— ס'איז דען אַ טאַטע? אַ הונט איז דאָס. צווינגט אַ פּיצל קינד קלייבן געזשאַווערט אייזן. פֿאָלג מיך, דו גיי מאָרגן, און שפּיי אים אָן אַ פֿול פּנים און קום בעסער אַהער צו מיר. וועסט זיך שוין מער נישט דאַרפֿן אַרומשלעפּן מיט די זעק אייזן!

פֿון דעם זיידן האָט זיך געפֿילט מיט מייקעכץ. פֿון דעם זויערן אָויר האָט זיך געלאָשן דער קאַהאַנעק.

איך האָב זיך צעוויינט. די גאַנצע אַכסניה האָט דראָענד אָנגעשטעלט אויף מיר די פֿויסטן. דער זיידע האָט מיר פֿאַרשטופּט דאָס מויל און געשיפּעט צו מיר. איך האָב געהאַלטן אין איין קלאָגן:

— איך וויל אַהיים! מ-אַ-מ-ע!

דער זיידע האָט זיך אויפֿגעהויבן. זיצנדיק אויף דער נאָרע מיט די באָרוועסע פֿיס, וואָס זענען אַראָפּגעהאָנגען, האָט ער אַראָפּגעטון עפּעס הינטערן קאָלנער, אַפֿילו נישט אַ קוק געטון, און דאָס צעקוועטשט. נאָך דעם האָט ער מיך אָנגעכאַפּט פֿאַרן אויער, מיך אַראָפּגעשלעפּט פֿון די נאַרעס און בייז אַ געשריי געטון:

— לויף, דו הינטיש בלוט!

הינטער מיר האָט זיך פֿאַרקלאַפּט די טיר. פֿאַר מיר — פֿינס-טערניש, פֿאַרקאַנעס, הינט. מיט ציטערניש, אָפּט אומקוקנדיק זיך האָב איך זיך דורך די שמאָלע געסלעך געלאָזט לויפֿן צו מיינע פֿוילע רינשטאָקן.

פֿון דעמאָלט אָן האָט זיך פֿאַר מיר אָנגעהויבן אַן אמתער גהינום.

דער זיידע האָט זיך אָנגעהויבן איזדעקעווען איבער מיר. ער פלעגט מיר פאַרברעכן די הענט אויף אַרונטער און גענומען יאָדען:

— נו, וואָס הערט זיך, ממזרוק, קלויבסט נאָך אַלץ זשאַ־ווער? — בשעת מעשה האָט ער מיר שרעקלעך געקנייפּט מיט די צעראַצטע פינגער, געקוועטשט די נאָז, און נביאות געזאָגט: — וועסט אַזוי פאַרפוילט ווערן שטייענדיקערהייט, דו פאַסקודנער יונגאַטש, דו אומגליקלעך פאַרזעעניש!

איך האָב געוויינט, זיך געשליידערט, און נאָך דעם האָב איך מיך אָנגעהויבן אויסצובאַהאַלטן אין ווינקל, אונטערן בעט. ווי נאָר עס האָט זיך אין דער טיר פון אונזער כאַלופּע באַוויזן די געשטאַלט פונם זיידן, בין איך גלייך אַרונטער אונטערן בעט.

איינמאָל איז ער געקומען טויט־שיכור און אַרונטערגעקראָכן נאָך מיר אונטערן בעט. ער האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער פּאָדלאָ־גע, אַריינגעשטעקט די האַנט אונטערן בעט, מיך אָנגעכאַפּט פאַרן פוס און מיך אָנגעהויבן שלעפּן איבער דער שטוב, נישט קוקנדיק אויף מיינע געשרייען.

דער טאַטע האָט זיך אויפגעהערט צו וואַשן, שטייענדיק מיט דעם זייפן־שוים, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַ האַלזבאַנד אויפן האַלז, האָט ער אַ געשריי געטון:

— טשעפּעט אים נישט, פאָטער!

דער זיידע האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, גוט אַ קוק געטון דעם טאַטן אין די אויגן, זיך פאַמעלעכן אויפגעהויבן און, אָנכאַפּנדיק מיך פאַרן אויער, האָט ער מיך אָנגעהויבן קנייפּן, זאָגנדיק בשעת־מעשה:

— דו — הינטל, פאַרוואָס אַנטלויפסטו פון מיר? בסך־הכל איז דיר געבליבן צו לעבן בלויז צוויי שעה, און איך וויל זיך זאַט אָנ־קוקן אין דיר.

דער זיידע האָט מיך געמאַטערט, געפּייניקט, צוהערנדיק זיך זשעדנע צו מיין געוויין.

דער טאַטע האָט אַ כאַפּ געטון דעם זיידן פאַר די אַקסל, אים אָפּגעשטופּט און מיך אָנגעהויבן גלעטן איבערן קאָפּ.

דער זיידע האָט איבערראַשט און שוויגנדיק זיך אויפגעהויבן פון בעט און, נישט געאיילט, זיך אַ לאָז געטון צום טאַטן. יענער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן שטוב און געוואַרט. ניקאַנאָר האָט אַ פאַך געטון מיט דער רעכטער האַנט און זי פאַרהאַלטן אַ האַלבן

מעטער ווייט פונם טאַטנס קאָפּ און פּלוצים האָט ער מיט דער לינ־
קער פויסט אַ זעץ געטון דעם טאַטן אין דער נישט־באַשיצטער באַק.
דער טאַטע איז אַנידערגעפאַלן שטיל, אָן אַ געשריי.

פון דעמאָלט אָן האָט זיך דער זיידע מיטן טאַטן קיינמאָל פריד־
לעך נישט באַגעגנט. זיי האָבן איינער דעם אַנדערן צעבלוטיקט אויפן
דעק פונם ראָוו, ביי די קאָנטראָל־טויערן פון זאַוואָד, ווו דער זיידע
פלעגט ספּעציעל אָפּוואַרטן דעם טאַטן, באַהאַלטנדיק זיך הינטער די
יאַטקעס אויפן מאַרק.

אַרום זיי פלעגט זיך צונויפזאַמלען אַן עולם, און אַז עס האָט
זיך געטראָפן אין האַרבווס אַנוועזנקייט, פלעגט ער שרייען:

— אָט, חברים, צו וואָס די באַלעבאַטים דערפירן דעם אַרבע־
טער! זיי האָבן פאַרזייט אין זייערע הערצער שנאה און האַס, כדי
עס זאָל, הייסט עס, צווישן זיי קיין איינקייט נישט קענען זיין!

מיר האָבן אָנגעהויבן צו פאַרשפּאַרן די טיר. דער זיידע האָט
אָבער מיט די אַקסל אויסגעזעצט די טיר און זיך גלייך גענומען שלאָגן
מיטן טאַטן. איינמאָל האָט זיך די מאַמע אַוועקגעשטעלט ביי דער טיר
מיט אַ קאָטשערע און אַ האַק געטון דעם זיידן איבערן קאָפּ. פון דע־
מאָלט אָן האָט ער אויפגעהערט אַריינצוקומען צו אונז. די כאַלופּע
איז שוין אָבער געווען פאַרסמט מיט האַס.

דער זיידע פלעגט אומברחמנותדיק שלאָגן די פּורמאַנעס, זיי
באַרויבן, און זיי האָבן אים איינמאָל, אַ גאַנצע קאָמפּאַניע, פאַרנאַרט
אין אַ קעלער אַריין, אַרויפגעוואָרפן אויף אים אַ זאַק, און צענטליקער
הענט און פיס האָבן גענומען שלאָגן און טרעטן דעם פאַרהאַסטן
קערפּער. ביינאַכט האָבן זיי אים שטילענקערהייט געבראַכט צופירן
אויף די רינשטאָקן, אים אַראָפּגעוואָרפן נעבן אונזער כאַלופּע און
אומבאַמערקט זיך אָפּגעטראָגן.

•

אין דערפרי האָט מען ניקאַנאָרן געפונען נעבן דעם פאַרויכערטן
פענסטערל פון אונזער כאַלופּע. מיט די אויסגעלענקטע פינגער האָט ער
זיך געגראַבלט אין דער שויב, וועלנדיק זי צעברעכן, און גיבן צווויסן
די מענטשן, אַז ער לעבט נאָך פאָרט. עס האָבן אים אָבער אויסגע־
פעלט כוחות. די פינגער זענען ווייס געוואָרן, אונטער די נעגל איז

פאַרלאָפן דאָס בלוט. דער גרויסער קערפּער איז געוואָרן צעקראָכן און שטיל.

אַ גאַנצע וואָך איז דער זיידע צו זיך נישט געקומען. אין היץ האָט ער צעבראָכן די הילצערנע ווענטעלעך פונם בעט. ער האָט גע־האָט אונטערגעשלאָגענע לונגען, און אונטערגעשלאָגענע לעבער, צע־בראָכענע ריפּן און אַ צעקלאַפּטן פוס.

און דאָך איז ער געבליבן לעבן דער משוגענער ניקאַנאָר. ער האָט אויפגעמאַכט דאָס אויג, אָנגעהויבן באַוועגן מיט דער לינקער האַנט און אַרויסגערעדט אַ פּאָר ווערטער. דאָס ערשטע וואָרט זיינס איז געווען: וואַסער! די מאַמע האָט מיר תּיכּף געגעבן די גרויסע בלעכענע קוואָרט מיט וואַסער. איך האָב דאָס צוגעטראָגן דעם זיידן. ער האָט לאַנג געקוקט, נישט דערקענענדיק מיך. נאָכדעם האָט ער זיך פאַרקרומט, אויפגעהויבן די שווערע פאַרשטאַרטע האַנט, און אַרויס־געקלאַפּט די קוואָרט פון מיין האַנט.

— דו איינקוואַרעניש, אומגליקלעכער, — האָט ער אַ געשריי געטון, מיד אַראָפּגעלאָזט די ווימפּערן און אויסגעדרייט צו דער וואַנט דעם ווייסן קאָפּ.

פאַרוואָס האָט מיך דער זיידע אַזוי פיינט? פאַר מיין דאַרקייט? בין איך דען אַזאַ פגירה? אמת, די מוסקולן אויפן האַלז זענען ביי מיר אָנגעצויגן, ווי אַ שטריק, אמת, מיינע פיס זענען אויך אַזוי ווי צונויפגעדרייטע גאַטקעס. אויף מיינע אַרויסגעשטאַרצטע ביינער איז אָנגעצויגן אַ בלויע הויט, אויף איר זיצן, אַזוי ווי געלע קנעפּ, פּרי־שטשעס, קרעץ, מיינע אויגן ווייגען מיט וואַקסענע טראָפּנס פון מאַ־טעריע, איך בין דאָך פאָרט נישט קיין צעקראָכענער. איך פלעג דריי קילאָמעטער שלעפּן אויף מיינע פּלייצעס צו צוויי פוד אייזן־אָפּפאַל, און די מאַמע, בשעת זי פלעגט מיך באָדן, האָט שטענדיק געטענהט:

— גיב נאָר אַ קוק, אָסטאַפּ, סאַנקע איז געראָטן אין זיידן, ער וועט אויסוואַקסן פונקט אַזאַ בופלאַקס, ווי ער.

גאַנץ סאָבאַטשייעווקע האָט מיך נישט ליב געהאַט. ווען איך פלעג צוגיין צו חברה־יינגלעך, האָבן זיי אָנגעהויבן שפּייען און שרייען:

— די נבילה איז געקומען! פוי, פו, גיי אוועק! — און פאַר־שטעלט די נעזער.

די רינשטאָק ווייבער האָבן פאַרשנורעוועט די ליפּעלעך, גע־שאָקלט מיט די קעפּ און באַוויינט, ווי מען באַוויינט אַ טויטן:

— אוי, גאָטעניו, ער פוילט דאָך לעבעדיקערהייט!

איך האָב זיי נישט געקאָנט אָנקוקן. איך פלעג אַנטלויפן און זיי באַוואַרפן מיט שטיינער.

די יונגאַטשעס פלעג איך איינציקווייז כאַפּן און מיט די פּיס, מיט די ציין זיי באַצאָלט פאַר אַלע באַליידיקונגען.

דער זיידע האָט בלויז ליב געהאַט וואַרקען, זי פלעגט אים פלעגן, טוישן די נאַסע קאָמפּרעסן אויף זיין קאָפּ, דערלאַנגט אַ טרונק און אים צערטלעך פרעגן:

— וואָס ווילט איר, זיידעשי?

דער זיידע האָט געקוקט אויף איר און שטיל געשעפּטשעט:

— אַ ציטרין וויל איך, וואַרקאַ, אַ ציטרין.

הארבוז איז אַריינגעקומען און האָפענונגסלאָז אַ זאָג געטון:

— אָט, ווען מ׳וואָלט צו ניקאַנאָרן געבראַכט אַ דאָקטאָר, אָדער אים באַשטאַט אין אַ גוטן שפּיטאָל, וואָלט ער אפשר געזונט געוואָרן!

אַזוי איז ניקאַנאָר געלעגן, ער האָט נישט געקרעכצט, זיינע אויגן זענען נישט געוואָרן ווייכער. געזילבערט האָט זיך בלויז די באָרד, עס האָט אָפּגעבליאַקעוועט און זיך געשיילט די איבערגעטרוקנטע הויט.

ניקאַנאָר האָט נישט געקאָנט לעבן בלויז מיט זכרונות. ער האָט געוואָלט צוריק אומקערן זיין קערפּער די אַמאָליקע גבורה. ער האָט געוואָלט די לעצטע טעג זיינע לעבן פונקט אַזוי שיכור, ווי פריער — ביים טיש פון דער פּרעסאַרניע, צווישן די קראָמען, סקלאַדעס, שטעלן פון מאַרק.

איינמאָל, ווען דער טאַטע איז אַוועק צו דער אַרבעט, האָט דער זיידע אויפגעהויבן דעם קאָפּ און שטיל אַ שעפּטשע געטון:

— האַרפּינאַ, טאָכטערשי...

די מאַמע האָט זיך אָנגעשפּיצט, אַ קוק געטון אויפן זיידן און זיך איילִיק איבערגעצלמט. זי האָט געמיינט, אַז עס איז געקומען דאָס, אויף וואָס זי האָט אַזוי פיינלעך געוואַרט.

אויף איר האָבן געקוקט הונגעריקע אויגן, זיי האָבן געגלאַנצט, געמאַכט יינגער דעם זיידן. עס האָט זיך געדוכט, אַז ער גרייט זיך צו עפּעס פייערלעכס.

דער זיידע האָט אויסגעשטרעקט די לאַנגע האַנט, אַ ריר געטו

מיט די פינגער, און בלעזלנדיק די סלינע אין די וואָנסן, האָט ער געבעטן:

— האַרפינא, טאָכטערקע מיינע, פאַרן שטאַרבן ברענגט מיר אונ-טערן האַרץ, שענק מיר אויף אַ האַלב פלעשעלע, אין קבר וועל איך דיר דאָס נישט פאַרגעסן!

אין די אויגן פינקלען אמתע טרערן, אָפטע און גרויסע. די האַנט איז אַזאַ נעבעכדיקע און נישטיקע, און אין די ווערטער—גלויבן אין דער לעצטער ערדישער פרייד.

די מאַמע האָט זיך אַפילו אַ רגע נישט געקווענקלט. זי האָט אַ קלימפער געטון מיטן געלד, אַרויסגעלאָפן אין שענק און זיך אומגע-קערט מיט אַ האַלב פלעשעלע בראָנפן.

אין אָוונט איז דער טאַטע צוריקגעקומען פון דער אַרבעט. ווי נאָר דער זיידע האָט אים דערזען, האָט ער זיך צעשריען אויף אַלע קולות, אַ שפרונג געטון און איז אומגעפאַלן. דער טאַטע האָט זיך אָנגעבויגן, אים געוואַלט אויפהייבן און דערפילט דעם ריח פון בראָנפן. מיט פאַרוווּנדערונג האָט ער געפרעגט ביי דער מאַמען:

— שיכּור?

זי האָט מיט די הענט געקנייטשט דאָס פאַרטוך, מיט דעם אויס-געווישט די טרוקענע אויגן, געציטערט מיט די ליפּן.

— ער האָט אַזוי געבעטן, איך זאָל צוליב טאָן פאַרן טויט...

דער טאַטע האָט פּאַמעלעך אויפגעהויבן די פויסט און נישט גע-איילט, מיט אַן אָנגעכמורעטער אויסגערעכנטקייט, פאַרפאָרן דער מאַמען אין באַק. זי איז אַנידערגעפאַלן אָן אַ קרעכץ. און ער איז געשטאַנען איבער איר מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און אויף עפּעס געוואַרט. די מאַמע האָט שטיל אַ קרעכץ געטון. דעמאָלט האָט דער טאַטע אויפ-געהויבן די שווערע לאַפּטשע, וואָס איז געווען באַדעקט מיט רויט-בראָנזענעם פּולווער פונם אַרץ און גענומען טרעטן און שלאָגן די מאַמע, וואָס האָט שרעקלעך געשריען.

ער האָט אויפגעהערט צו שלאָגן. אָפּגעווישט דעם שווייס. באַטראַכט מיט פרעמדע אויגן זיין אייגענע כאַלופּע און, אַזוי ווי ער וואָלט זיך געחידושט, ווי ער קומט אַהער, איז ער אַרויסגעלאָפן, איבערלאָזנדיק אויף דער גאַל-געוואָרענער פּאָדלאָגע, רויטע שפּורן.

געלאָפן איז ער אין אַגאַנעסאַווס שענק אַריין. אַ טייער אָרט! וואָס וואָלט סאַבאַטשייעווקע געטון אָן דעם שענק? ווו וואָלט זיך

אָסטאַפּ גאָלאָד אַהינגעטון, פאַר ווען וואָלט ער זיך געקלאָגט אויף זיין ביטערן גורל? ווו וואָלט ער אויסגעגאָסן זיין ביטער האַרץ? פאַר וועמען וואָלט ער צעריסן דעם קאָלנער פונם לעצטן העמד, זיך גע־שלאָגן אין דער האָריקער ברוסט און, כריפנדיק, געשריען:

— צי האָב איך דען נישט די זעלבע הענט, דעם זעלבן קאָפּ און פּיס, ווי די איבעריקע מענטשן? פאַרוואָס־זשע בין איך אומגליק־לעכער פון אַלעמען? אָ, גאָט מיינער!

אָסטאַפּ גאָלאָד האָט נישט געוווּסט, אַז דאָס זעלביקע האָט גע־טענהט כמעט גאַנץ סאָבאַטשייעווקע, אַלע איינוווינער פון די פּוילע רינשטאָקן.

דער שענק האָט גערופן, מען זאָל אין אַלצדינג פאַרגעסן, גיבן אַ שפּיי אויף די צרות, אויף דער כאַלופּע, אויף דעם געשלאָ־גענעם ווייב.

...פונם שענק זענען אַלעמאָל צו אונז געקומען אַלע צרות. אויך איצט זענען קאָזמאַס חברים, וואָס אַרבעטן אין דער נאַכט־שיכט, בלאַסע, מיט אַ גרינעם אָפּשיין אויף די קינבאַקן געשטאַנען און זשעדנע געשלונגען דאָס ביר, זיי האָבן געשוויגן און מורא געהאַט צו קוקן איינער אויפן אַנדערן. זיי האָבן זיך געשפּאַרט, ווער עס זאָל גיין צו אונז אין כאַלופּע אַריין, דערציילן וועגן דעם, וואָס עס איז היינט ביינאַכט געשען אין דעם וואַלץ־צעך. קיינער האָט נישט געוואַגט איי־נער אַליין צו גיין.

זיי זענען אַריין אין אונזער כאַלופּע אַ גאַנצע קאָמפּאַניע, אַרומ־גענומען. נישט באַגריסנדיק זיך, האָבן זיי אַ געשריי געטון צו דער מאַמען:

— מומעשי, גיי אין שפּיטאָל אַריין, נאָך קאָזמאַס זאַכן!

און זענען אַנטלאָפן, אַ קלאַפּ־טוענדיק מיט דער טיר. זיי האָבן מורא געהאַט, מען זאָל זיי נישט אָנהויבן אויספרעגן און נישט גע־וואָלט הערן די געוויינען.

קאַפּיטל פינף

קאָזמאַ איז אַריינגעקומען אין דער כאַלופּע אַריין אַן אויסגעדאַרטער, אַ בלאַסער, ווי מען וואָלט אים אויסגעקאָכט אין געדיכטער וואַפּנע. ער האָט געשפּאַנט איבער סאָבאַטשייעווקע אין דעם איינעם שפּיטאָל-אונטערוועש. דער ליידיקער אַרבל פון דעם לאַנגן העמד האָט זיך חוצפּהדיק געבאָמבלט, געשפּילט אויפן לייכטן ווינט. דער ברודער איז שטיל אַריינגעקומען אין דער כאַלופּע, אַ שפּאַן געטון ביזן מיטן שטוב און זיך אַנידערגעזעצט.

ער האָט געאָטעמט אַזוי, אַז איך האָב געזען זיין צונג, אַ רויטע, אַ געשוואָלענע.

ער האָט אַראָפּגעלאָזט זיין פאַריתומטע האַנט איבער דער לענג פונם קערפּער: זי איז געווען אויסטערליש לאַנג און געדראַפּעט מיט די נעגל דאָס געלע ליים פון דער פריש-אויסגעשמירטער פּאָדלאָגע.

אַרום איז שטיל. דער זיידע ניקאַנאָר האָט נישט באַוויזן צוצו-טראָגן די בלעכענע קוואָרט צו זיינע זשעדנע ליפּן. ביי דער מאַמען איז די נאָדל געבליבן שטעקן אין מיטן אַ לאַטע.

ניורקא, מיטקאַ און איך האָבן אָנגעהויבן סמאָרען מיט די נעז.

קאָזמאַ האָט זיך אויסגעצויגן, אַ שלוקערץ געטון, אַזוי ווי נאָך אַ שטאַרק געשריי, און געבעטן:

— אַ טרונק!

מיט אַ שטילן זיפץ האָט אַ קלונג געטון די קוואָרט אינם זיידנס הענט. די מאַמע האָט זיך ראַשיק גענומען איילן.

די דרייסטע ניורקא איז צוגעגאַנגען צום ברודער, גענומען דעם פוסטן אַרבל, אַ נישטער געטון אין אים, און מיט הילכיק קולעכל גע-פרעגט:

— טוזטאָ, ווו האָסטו אַהינדעטון די האַנט?

דער ברודער האָט זיך אַ כאַפּ געטון. ס'האָט זיך געדוכט, אַז ער וויל שלאָגן דאָס מיידעלע, ער האָט זי אָבער בלויז אויפגעהויבן און באַהאַלטן די פייכטע אויגן אין אירע האָר.

דער זיידע האָט זיך אויפגעזעצט אויפן בעט. מיט די אויסגע-קרומטע ליפּן האָט ער זיך באַמיט עפּעס צו זאָגן. ער האָט געציטערט, געגלעט די באָרד און קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסרעדן.

איך האָב נישט געקאָנט זען דעם ברודערס טרערן. זיינע אויגן זענען אַזוי ווי פאַרשטיינערט געוואָרן. אין זיי זעט זיך די טרוקנ־קייט, די האַרטקייט, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין פאַרלויף פון לאַנגע יאָרן.

איך בין מזלדיקער פון קאָזמאַן, אַז איך בין שוין געווען אַ גרויסער בחור, אַלט געווען זיבן יאָר, בין איך דאָס ערשטע מאָל גע־גאַנגען אויפן זאַוואָד־באַרג קלויבן טשוהון־אָפּפאַל. און קאָזמאַ איז אַ פּינפיעריק יינגעלע שוין געגאַנגען גנבענען מיטן טאַטן שטרוי פון די סטערטעס הינטער דעם שעכטהויז פאַר די שטרוי־זעק, אויפגעקליבן קאָקס־קוילן. אַז ער איז אַלט געווען צוועלף יאָר, האָט אים דער טאַטע אָוועקגעפירט צום מייסטער אַהיים, געשטעלט מאַהאַריטש, געקנאַקט מיט די שמעקעדיקע פּוזיטן, און אויף צומאָרגנס איז שוין דאָס יינגל געגאַנגען אַרבעטן אין וואַלץ־צעך.

דער מייסטער האָט אים באַשטימט אַלס שמירער פון דער ווערק־שטעל נומער 250, וועלכער פלעגט אַרויסשנירלען לאַנגע אייזערנע פּאַסן, דיקן דראָט א. ד. גל.

פינף יאָר דורכאַנאַנד האָט ער געאַרבעט אַלס שמירער, אָן דער מינדסטער הוספה, ער איז שטענדיק געווען אַ פאַרפעצטער און אַ גליטשיקער. נישט קיין וואַרעם וואַסער, נישט קיין האַרט בערשטל האָבן נישט געקענט אַראָפּנעמען דעם בוימל און מאַזוט, וואָס האָבן זיך איינגעזאַפּט אין דער הויט. אויף זייף האָט נישט געקלעקט קיין געלט.

פונקט אַזוי ווי גאַנץ סאָבאַטשייעווקע איז ער געוואַקסן אַן אַל־פאַבעט. ער וואָלט אַזאַ אויף זיכער געבליבן, ווען דער שמעלצער האַרבוז וואָלט אים נישט אַריינגעפּאַקט אין אַ קרייזל פון אַנאַלפאַבעטן, מיט וועלכע עס האָט געלערנט אַ סטודענט.

מען האָט געשמועסט, אַז דער שטרייק, וואָס איז אויסגעבראָכן אין האַרבסט, איז צוגעגרייט געוואָרן אין דער שולע.

...די סירענע אין וואַלץ־צעך האָט אויפגעהערט צו וואָיען. עס האָט אַ קלונג געטון דער גאָנג. די נאַכט־שיכט האָט געוואַשן די הענט, די נייע וואַלצירער, שמעלצער, געזעלן, שוואַרצאַרבעטער האָבן מיט די האַנטשן געגומען די צוואַנגען, פאַרשטעלנדיק דאָס פּנים פונם פייער.

אין אַ זייט פונם געררויש און געפּילדער, הינטער די קליידער־שאַפעס, זענען אויף אַן אָפּגעקילט שטיק אייזן געזעסן די שמירער.

זיי זענען געווען אומרויִק און באַטראַכט דעם צעך. קאָזמאַ האָט זיך אָנגעבויגן צו די חברהלייט און אַ זאָג געטון:

— זעט-זשע, יאַטן, האַלט זיך פעסט. דער מייסטער גייט!

אַ פאַרשוויצטער, אָפּווישנדיק מיט דער געקעסטלטער פאַטשיילע דעם שטערן, איז צוגעלאָפן דער מייסטער: אַ נידעריטשקער, מיט אַ קאָפּ, וואָס איז טיף געווען אַריינגעשטעקט צווישן די אַקסלען, ווי אַ קאָרק אין העלדזל פון אַ פלאַש. ער האָט אַ מאַך געטון מיט די הענט.

— איז וואָס-זשע, אין דער מאַמען אייערער, זיצט איר? די ווערקשטעלן גרילצן שוין אָן שמירעכץ. מאַרש אויף די ערטער!

קיינער האָט זיך פון אָרט נישט גערירט. קאָזמאַ האָט פאַרלייגט איין פוס אויפן אַנדערן. עמעצער האָט אויסגעשפּיגן און הילכיק אַ רייב געטון מיט דער הילצערנער זויל איבער די אייזערנע פליטעס.

— שמי—ר—ער! — האָט דער מייסטער געגוואַלדעוועט, באַטראַכטנדיק די אומבאַקאַנטע פנימער פון די יינגלעך. ער איז צוגעשפּרונגען צו קאָזמאַן, וואָס איז געזעסן אין די ערשטע רייען.

— מאַרש, דו צויגן-זון, מאַרש! אויף די ערטער, מנוולים, מאָרגן וועל איך אייך אַלע אַרויסטרייבן!

די שמירער זענען אויפגעשפּרונגען, אָבער צו די ווערקשטעלן זענען זיי נישט צוגעגאַנגען.

זיי האָבן זיך פאַרקליבן הינטער די שאַפעס און נישט געוווּסט, וואָס צו טון. קאָזמאַ האָט אַ קאָמאַנדעווע געטון:

— צום דירעקטאָר!

— צום דירעקטאָר!

זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט און אַוועק, קלאַפּנדיק מיט די הילצערנע זוילן איבער די אייזערנע פליטעס.

די וואַלצירער האָבן פון אונטער די צוואַנגען אַרויסגעלאָזט אויף דער פאַדלאָגע פייערדיקע פאַסן. די סטענגעס זענען אָפּגעקילט און געוואָרן בלוי. די קאָכער האָבן פאַרמאַכט די טירלעך פון די אויוונס. דאָס אייזן איז געוואָרן ווייס.

די שמירער זענען פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי זייערע פאַטערס און ברידער. מען האָט זיי געמאַכט אַ וואַרע, מען האָט זיי נאָכגעשריען:

— האַלט זיך פעסט, יונגאַטשעס!

— ווישט אָפּ די נאָז!

— לאָזט גאָרנישט נאָך פון אייערע פאָדערונגען!

— שרייט נאָר נישט „מאַמע"!

די ווערקשטעלן זענען געגאַנגען אין שטילן גאַנג און אָנגעהויבן שטאַרק צו סקריפען. די אינזשינערן און מייסטערס זענען אַרומגעלאָפן איבערן צעך און געשריען צו די וואַלצירער.

— העי, שמירעכץ, ברענגט אייל! — האָבן אין איין קול גע־שריען דער אינזשינער און דער מייסטער.

די וואַלצירער האָבן זיך פאַרקרומט און זיך אָפּגעקערט.

די קאָכער האָבן געקלאַפּט מיט די טירלעך פון די אויוונס עס געוואַרעמט און נישט געהערט. זיי האָבן אָנגעטון די בלויע ברילן, און נישט געזען.

די געזעלן האָבן געשעפּט וואַסער, און פאַרוואַרפנדיק דעם קאָפּ, געשלונגען דאָס וואַסער און זיך באַלעקט. זיי האָבן אויך נישט געהערט.

דער אינזשינער און דער מייסטער האָבן זיך אַליין גענומען שמירן די מאַשינען.

און די אמתע שמירער זענען געגאַנגען דורך דעם זאַוואָד, נישט אָפּטרעטנדיק דעם וועג די לאָקאָמאָטיוון. זיי גייען, נישט אָפּווישנדיק דעם שווייס פון די היציקע שטערנס.

זיי שפּאַנען איבער דער ברייטער אַלייע, וואָס פירט אין דער הויפּט־קאָנטאָר אַריין.

אין דעם דירעקטאָרס קאַבינעט זענען ... אַריינגעגאַנגען נישט דרייסט. צוקומענדיק צו דעם רייך־באַפּוצטן טיש מיט אָנגעשטעלטן מירמלשטיין, ניקל, מעש און ציגאַרן, זענען זיי געבליבן שטיין און זיך אַפילו אָנגעהויבן צוריקציען צו דער טיר. קאָזמאַ איז אַרויס־געטרעטן פאָרויס, און אָנגעהויבן:

— מיר אַרבעטן שוין לאַנג...

די הינטערשטע זענען געקומען צו זיך און אַרומגערינגלט קאָזמאַן.

— איך אַרבעט שוין אין צעך דריי יאָר אַלס שמירער און אָן אַ הוספה...

— און איך.

— איך אויך.

— און איך שוין פיר יאָר.

דער דירעקטאָר, אַ שוואַרצער, מיט גרויסע וואָנסן, מיט גאָל־דענע ציין אין מויל, אין אַ האַרטן ווייסן, גלאַנציקן, ווי בלעך, קאָל־נער, האָט פאַרשטעקט די אויערן און זיך פאַרקרומט:

— איך בעט, רויִקייט, מען דאַרף נישט שרייען.
— לאָזט אונז אַוואַנסירן!
— מיר ווילן זיין געזעלן!
— איך וויל זיין אַ קאָכער!
— און איך אַ וואַלצירער!
— מיר פאַרדינען ווייניק, אַן הוספה...
— גוט, קינדער, איך נעם אויף זיך רעגולירן די פראַגע, דעם קאָנפליקט.

...דער שטרייק האָט געדויערט עטלעכע טעג. קיינער האָט זיך נישט געוואָלט שטעלן אויפן אָרט פון די שמירער. און אַזוי ווי די פאָדערונגען פון די שטרייקערס זענען געווען באַשיידענע, האָט מען זיי נאָכגעגעבן. אָבער אויפן צווייטן טאָג איז דער סטודענט שפורלאָז פאַרשווונדן געוואָרן.

דער זיבעצעניעריקער קאָזמאַ האָט זיך מיט דער צוואַנג גע־שטעלט ביי די ראָלגאַנגען. זעקס יאָר דורכאַנאַנד האָט ער אַלס געזעל געכאָפּט און געקערעוועט די פייערדיקע סטענגעס. ער האָט אויסגע־צייכנט גוט געקאָנט זיין פאַך, נישט געאַרבעט ערגער פון די עלטערע אַרבעטער און באַקומען דריי מאָל ווייניקער פון זיי.

און קאָזמאַ דאַרף דאָך האָבן אַזויפיל געלט. ער וווינט באַזונ־דער, אָבער ביי זיינע עלטערן אין כאַלופּע האָט זיך באַזעצט די נויט און דער הונגער. מען דאַרף כאָטש העלפן די קליינע קינדער. קאָזמאַ לערנט זיך, דאַרף ער האָבן געלט אויף ביכער, מען דאַרף האָבן געלט אויף עסן, אויף קליידונג, אויף וואַשן דאָס וועש. אויף דירה־געלט פאַרן ווינקל אין דער קאַזאַרמע, ער דאַרף נאָך האָבן געלט אויף טאַבאַק, אין פאַריין, אין דער זעלבסטהילף־קאַסע, אויף פאַרטיי־אָפּצאָל.

אין דעם צעך איז געווען אַ ווערקשטעל „בושער", אויף וועלכן מען פלעגט באַאַרבעטן דאָס רוי־אייזן. די אַרבעט אויף אים איז נישט געווען קיין קאָמפּליצירטע, אָבער זי איז געווען שווער און מען האָט געמוזט האָרעווען מיטן בלוטיקן שווייס. די מייסטערס פלעגן ביי דעם ווערקשטעל אַוועקשטעלן די פרישינקע אַרבעטער — ברייט־ברוסטיקע, ברייט־פּלייציקע יונגען. די אַרבעט אויפן „בושער" האָט זיך בעסער באַצאָלט, אָבער קיין סך בעלנים דערויף זענען נישט געווען.

דער שמעלצער הארבוז האָט זיך אויך שטאַרק גענויטיקט. זיין פאַמיליע לעבט כמעט פון נדבות. ביידע, האַרבוז און קאָזמאַ,

האָבן באַשלאָסן פון צייט צו צייט צו צו-פאַרדינען אויף דעם „בושער".

נאָך דעם שמעלצן זיך אַ גאַנצן טאָג ביי דעם שמעלץ-אויוון, גייט ער ביינאַכט אַרבעטן צוזאַמען מיט קאָזמאַן, וואָס האָט נאָך נישט באַוויזן אָפּצוּוואַשן די הענט נאָך דעם טאָג אַרבעט אין וואַלץ-צעך.

זיי שטעלן זיך צו דער אַרבעט. מען גיט זיי לאַנגע צוואַנגען מיט גלייכע מיילער. אונטערן ברעזענט פון זייערע פלודערן ציטערן ביי זיי די מידע קני.

זיי שטייען. ביזן קלינג דאַרף מען נאָך וואַרטן עטלעכע מינוט. זיי רוען אָפּ שטייענדיקערהייט, אָנגעשפּאַרט מיט די גאָמבעס אין די הויכע צוואַנגען.

זיי זעען אויס, ווי די ווייבער, וואָס נעמען אויפן צמענטער אַרום די הויכע צלמים. זיי זענען פאַרגליווערט, גיבן אַפילו נישט קיין פינטל מיט די אויגן. דעם יינגערנס ליפּן זענען עטוואָס אָפן. עס זעט זיך אַ שמאָל פּאַסיקל ציין, וואָס זענען ענלעך צום ווייסן פייער.

עס האָט אַ קלונג געטון דאָס גלעקל. ווי עס וואָלט צעשאָטן דריבנעם שרויט איבער אַ מעשענער בלעך. האַרבוז האָט אַ קוק געטון אויף קאָזמאַן.

— הייבן מיר אָן!

— אָנגעהויבן, — ענטפערט אָפּ דער יינגערער, באַוועגנדיק פאַרזיכטיק מיט דער צוואַנג, באַטראַכט אַוועקשטעלנדיק די פיס: קאָזמאַ געדענקט גאַנץ גוט, וויפל מענטשן עס האָט שוין צעמזיקט דער ווערקשטעל.

אונטער די וואָלקנס פון די שטאָלערנע געפלעכטן אינם צעך האָבן אַ פּאַטש געטון מיט די פליגלען די איבערגעשראָקענע טויבן. אַ בלוי-פליגלדיקער פויגל, וואָס איז פלוצים אַראָפּגעשלאָגן געוואָרן פון אַן אייזערנעם בעלעק, איז אַראָפּגעפאַלן אויף די קאַלטע אייזערנע פליטעס. ער האָט צענומען די פליגל האַרט ביי דער ערד. דערשראָקן האָט ער אַ פלי געטון און זיך אַוועקגעזעצט אויפן ווערקשטעל, באַטראַכטנדיק קאָזמאַן מיט אַ וואַרעמען בליק.

קאָזמאַ האָט אויסגעשטרעקט די פינגער און אַ גלעט געטון דעם רויך-קאָלירנדיקן פויגל. די טויב האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ, אַ פלאַטער געטון מיט די פליגל, אָבער זי איז נישט אַוועקגעפלויגן. אויבן האָט פאַרבענקט געוואָרקעט דער „ער", רופנדיק זיין פריינדין.

די קאָכערס האָבן פון די אויוונס אַרויסגענומען דאָס ערשטע

רוי-אייזן, וואָס איז געווען ווייס ווי מילך, און עס פלאחר-ידיק אַ וואָרף געטון אויף די האָקנס פון די וואַלצירער, וועלכע האָבן דאָס אָפּגעוואַרט. זיי ווידער האָבן אומברחמנותדיק געקערעוועט אין דעם שמאָלן גאָרגל פון די ראָלגאַנגן דאָס צערטלעך-ווייסע שטיקל מעטאַל און פלוצים פאַרגעסנדיק אין דעם, האָבן זיי פון די קאָכערס צוגענומען אַ פרישע פּאָרציע. די ערשטע האָט זיך געטוקט אין די קאָליברען פון די ראָלגאַנגען. געקערעוועט מיט איר האָבן די צוואַנגען, וואָס ווערן געהאַלטן אין האַרטע, פאַגרעבט-געוואָרענע הענט.

— מיר הייבן אָן! — זאָגט דער יונגער.

— איז אָנגעהויבן! — שעפּטשעט דער אָנצייניקער.

זיי זענען ביידע ענלעך צו פאַנגערס פון פייערדיקע שלאַנגען. זיי האָבן זיך איינגעבויגן איבער דעם שוואַרצן תהום פון דער נאָרמע, אויסגעצויגן די אויסגעשצירעטע פּיסקעס פון די צוואַנגען אַנטקעגן דער עפענונג פונם קאָליבר, און זייערע הענט וואַרפן זיך, אונטערוואַרטנדיק אַ האַסטיקע שלאַנג.

טרוקן און הילכיק האָבן אַ קלאַפּ געטון די ראָלגאַנגן: פון דעם אייזערנעם רינג האָט נישט אַנטשלאָסן אַרויסגעקוקט אַ צונג, און טאַקע באַלד, ווערנדיק דרייסטער, האָט זיך די ווייסקעפּיקע שלאַנג אַ בויג געטון, ווי אַ בליץ, שנעל, דראָענד. קאָזמאַ האָט באַוויזן צו פאַרמאַכן דעם געפּערלעכן גאָרגל. ער האָט אַ טאַנץ געטון מיט איר, געשיקטער אַ נעם געטון די צוואַנג און, פלוצים, אַ בלאַנק-טוענדיק מיט די ציין, אַ צעוויג טוענדיק זיך, האָט ער אַריינגעשטופּט דעם קאָפּ פון דער שלאַנג, וועלכע איז בלוט-רויט געוואָרן פון צאָרן, אין אַן אַנדער נאָרמע פון די ראָלגאַנגן.

קאָזמאַ האָט אויפגעהויבן די הענטשקע צום שטערן, פון דער זייט אַ קוק געטון אויף דער טויב. פון דער היץ האָט זי זיך איינגעגאַנצן פאַרשיט מיט די ווייסע שנייעלעך-פּוך, וואָס זי האָט מיט דעם פּיסקל אויסגעפּליקט אויף איר הערצל.

פון דער נאָרמע איז ווידער אַרויסגעשפּרונגען אַ שלאַנג, נאָך אַ דינערע נאָך אַ לענגערע און שנעלערע. נאָך איר האָבן גענומען לויפן נאָך און נאָך. האַרבוז איילט זיך משוגענערווייז, ער דרייט זיך, וואַרפט זיך פון איין אָרט אויפן צווייטן, באַווייזנדיק קוים אַרויסצוכאַפּן דעם אייזערנעם פּאַס פון איין קאָליבר-נאָרמע און אים באַהאַלטן אין דער צווייטער.

און די קאָבער ווייסן נישט פון קיין אָפּהאַלט, זיי שפּאַנען בּרייט און פירן-צו אַלץ נייע און נייע פּאַרציעס. די וואָלצירער כאַפּן אויף די מילך-ווייסע נאָך דרעמלענדיקע שלאַנגען אויף די האָקנס און שיקן זיי אָפּ אין ראָלגאַנג, דאָרטן כאַפּט זיך די שלאַנג אויף אין דעם בּליץ-שנעלן געלויף.

קאָזמאַ הויבּט בּיסלעכווייז אָן צו פאַרלירן דעם געדאַנק. ער האָט גאָר פאַרגעסן, אַז ערשט נישט לאַנג, בּשעת ער האָט געענדיקט די טאָג-אַרבּעט, האָט אים געחלשט דאָס האַרץ פון הונגער.

איצט חלשט ער אַ טרונק וואַסער, אָט אַזוי, ווי נאָך אַ זאַט עסן. קאָזמאַ הויבּט אָן אונטערצוגענעצן און טראַכטן בּלויז וועגן אַ טרונק וואַסער, פאַרגעסנדיק אי די כאַלופּע, אי זיין גאַנצע נויט.

עס האָט זיך אים געוואָלט אַ שמייך טון די פאַרזשאַווערטע מאָרדע פון דער צוואַנג, צולויפן צום וואַסער-קראַן, זיך אַ וואָרף טון אויפן רוקן: זאָל דער וואַסער-שטראָם קלאַפּן און פּאַטשן אין סאַמע האַלז אַריין, זיך קאַלט דורכטראָגן אין דעם פינסטערן אינגעווייד.

מען טאָר נישט, דאָס גלעקל האָט נאָך נישט געקלונגען. קאָזמאַ וואַרפט זיך ווילד אויף די שלאַנגען. קלאַפּט זיי איבּער די קעפּ, טאַנצט מיט זיי, דרייט זיך, ער כאַפּט זשעדנע די ווייסע פּאַסן, איין פּאַס נאָכן אַנדערן. ער פּרוּווט זיי ציילן. די ציפערן לויפן צענטליקערווייז, פליען, און מען זעט נישט קיין סוף צו זיי.

קאָזמאַן דוכט זיך, אַז דאָרט הינטער זיין פּלייצע, ווו עס שטייען די קאָבער אין די בּלויע בּרילן בּיי די קאָך-אויוונס, וואַקסט אַן אָראַנזשן-וואַלד, וועלכער וואַרפט אַרויס שלאַנגען אין די מענגעס, זיי מאַכן אַן אָנגריף, וועלכער וועט דויערן, בּיז ער וועט נישט אַנידערפאַלן אָן כוחות, און דעמאָלט וועלן די שלאַנגען אַרומנעמען זיין קערפּער, ווי מיט רייפן, און דער פּיסק, אָנגעזעטיקט זיך, ווערנדיק אָפּגעקילט, וועט פרידלעך שיפּען אויף דער פאַרקוילטער בּריסט.

און קאָזמאַ דרייט זיך שוין מער נישט, טאַנצט נישט אַרום, ער וואַרפט בּלויז אַרויס די שווער-געוואָרענע הענט, ווערט זיך קעגן דער אייזערנער אַטאַקע, פאַרטיידיקט זיך אַלץ שטילער און הכנעה-דיקער.

...דאָס רויך-קאָלירנדיקע טייבּעלע האָט זיך אויסגעפליקט, אויסגערייניקט דאָס גלאַנציקע שנעבּעלע און אַ שפּרונג געטון, אַ פאָך געטון מיט די פליגל און פאַרלאָזט די שוואַרצע אומהיימלעכע ריפּן

פון ראַלגאַנג. דאָס טייבעלע איז אַוועקגעפלויגן אין דער הייך צו דער טשאַטע, וואָס דרימלט אויבן, אַהין, ווי דורך די שויבן האָט פּוכיק אַריינגעקוקט דער צאַרטער קאַיאַר.

קאָזמאַ האָט נישט געזען די געבורט פונם טאָג. ער האָט אויס־געשטרעקט די צוואַנג צו דער באַרמע; איצט וויגן זיי זיך שוין מער נישט, נאָר זיי ציטערן און הענגען. ער וואַרט, ס'זאָל זיך באַווייזן די פייערדיקע שלאַנג.

ער וואַרט אַ שעה — זי איז נישטאָ. אַ גאַנצע נאַכט, אַ גאַנצע אייביקייט, וואָס איז צונויפגעוועבט פון שטאָק־פינסטערניש — פון זומ־פּיקער און קלעפּיקער פינסטערניש.

זיינע הענט טרייסלען זיך, ווי דרעליעס. די צוואַנג בויגט זיך צו די אייזערנע פליטעס.

דער שוואַרצער קאַליבר פונם ווערקשטעל איז פּוסט און קאַלט. עס דוכט זיך אים, קאָזמאַן, אַז דער איבערפאַל פון די שלאַנגען האָט זיך שוין געענדיקט. ער באַוועגט מיט די ליפּן, אויף וועלכע עס איז פאַרזאָטן אַ טרוקן, שניידיק גלעזערן הייטל.

ער האָט אויפגעהערט צו וואַרטן און אַרויסגעלאָזט פון איין האַנט די צוואַנג. די צוואַנג איז שווער אַראָפּגעפאַלן און אַ קלאַפּ געטון אין דיל.

ער וויל אָפּווישן דעם פייכטן שטערן, אויסגלייכן דעם קאָפּ, וואָס איז צוגעדעקט מיט אַ טיכל, אָבער אַ שאַלקהאַפטיק פּיסקל, אַ שאַרפס און אַ גיפטיקס, איז פּלוצים אַרויסגעפלויגן אָן אַ וואָרענונג. דער אייזערנער פאַס, אַן אויפגעקאָכטער, פאַרוואָס מען איז צו אים נישט אויפמערקזאַם, האָט אַרויסגעשלאָגן די צוואַנג און ווי מיט אַ מעסער אים אַראָפּגעשניטן די האַנט העכער פונם עלנבויגן. קאָזמאַס הויכער געשריי האָט איבערגעשראָקן די טויבן אין דערהייך, עס האָבן אַ ציטער געטון די פלאַמען אין די קאָך־אויוונס. דער פאַס איז אַדורך צווישן קאָזמאַס פיס. זיך פאַרפלאָנטערט, אָנגעהויבן צו רויכערן די ברעזענטענע מלבושים. קאָזמאַ איז אַן אונטערגעהאַקטער גע־פאַלן אויף די קני, ער האָט געיאָמערט און זיך אַלץ געצויגן צום ווערקשטעל, אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט אַרויסרייסן פון זיין האַלז זיין פאַרלוירענע האַנט.

דער אָנצייניקער האָט אַ געשריי געטון פון שרעק, ער האָט אויס־

געהויבן די צוואַנג און מיט איר אַ קלאַפּ געטון איבער דער גאַנץ-גע-בליבענער האַנט, וועלכע האָט זיך אַליין געריסן צום אומקום.

צום „בושער" זענען זיך צונויפגעלאָפן מענטשן. די ווערקשטעלן האָבן זיך אָפּגעשטעלט, די קאָכערס האָבן אויסגעטון די ברילן, די וואַלצירער האָבן אַוועקגעוואָרפן די האַקנס. דער מייסטער איז אַרומ-געלאָפן צווישן עולם, מען האָט אים אָפּגעשטויסן.

דאָס גלעקל האָט געוועוועט. עמעצער האָט געדונערט מיט אַ שטיק אייזן.

קאָזמא איז געלעגן, אַן איינגעהאָרבטער אין אַ פייכטער באַ-דעקט מיט זשאַווער. האַרבוז האָט זיך מיט שרעק אָנגעבויגן:

— לעבסט ! — האָט דער אָנצייניקער געפרעגט.

דער פאַרזשאַווערטער קערפּער, וואָס האָט זיך שוין פאַרגלאָזט מיט וואַרעמע שיפן, האָט זיך קוים אַ ריר געטון.

— ער לעבט ! — האָט מען דערנעבן אַ שעפּטשע געטון.

דער שמעלצער האַרבוז האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אַ כאַפּ געטון די צוואַנג, זיך אָנגעשפּאַרט אויף איר, נישט ווי אויף אַ צלם, נאָר ווי אויף אַ שפּיז, באַגנעט אָדער ביקס, און געזאָגט:

— ניין, ער איז שוין נישט קיין לעבעדיקער !

אַלע האָבן זיך אויסגעדרייט צו אים.

— ער איז אַ קאַליקע !

די קאָכערס, די וואַלצירער, די געזעלן, די שמירער, די שוואַרץ-אַרבעטער האָבן געשוויגן און מיט די אויגן געבעטן, ער זאָל רעדן נאָך און נאָך. דער אָנצייניקער האָט אַ פּאַך געטון מיט דער לאַנ-גער צוואַנג און אָנגעהויבן:

— ער האָט געאַרבעט צוואַנציק שעה. ער האָט געוואָלט עסן. און אַז אַן אַרבעטער וויל עסן, וואַרפט מען אים אויף די קני און מען שטיקט אים. גיט אַ קוק...

די מייסטערס האָבן זיך אַריינגעריסן צווישן עולם, זיי האָבן געשטופּט די אַרבעטער, זיך געריסן צו האַרבוזן, די אַרבעטער האָבן זיך אָבער אַ וואָרף געטון אויף זיי, אַ שליידער געטון זיי אונטער די לאַפּטשעס, אונטער די הילצערנע זוילן און זיי געטרעטן.

— שלאָג ! — האָט דער אָנצייניקער אַ געשריי געטון, אויפ-הויבנדיק די צוואַנג.

—ביזן בלוט !

— ביזן בלוט!

— מיטן פלייש צוזאַמען!

...קאָזאַקישע טלאָען האָבן געקלאַפּט איבערן אייזן, איבער די שטיינער, איבער די שוועלן פון סאָבאַטשייעווקע.

אָבער אין צעך האָט נישט געפלאַקערט דער פלאַם-פייער.

אין פּאָליציי-צירקל האָט מען געשלאָגן הארבוזן, געפּייניקט די קאָכער, געשלאָגן און טעראָריזירט די וואָלצירער, געפּייניקט זייערע געזעלן.

דער צעך האָט אָבער ווייטער געפּוסטעוועט.

מען האָט געפּרוּווט אונטערקויפן דעם אָנצייניקן: מען האָט אים באַפרייט פון דער טורמע, ער זאָל ווירקן אויף די שטרייקערס.

דער צעך האָט אָבער נישט אויפגעלעבט, די טויבן האָבן זיך געזעצט אויף די קאַרניזן און אויף די ט״רלעך פון די קאָך-אויוונס.

דער שטרייק האָט זיך געענדיקט, ווען מען האָט ביי דעם „בושער” אַוועקגעשטעלט אַ פאַרזיכערונגס-נעץ, ווען מען האָט געהעכערט די לוינען און אָנגעהויבן אַרויסגעבן דער נאַכט-שיכט מילך...

— דעם געזונט-געוואָרענעם, איינהאַנטיקן קאָזמאַן האָט מען באַשטימט אַלס פאַרקערער אין דעם וואַלצן-צעך.

אַ פאַרעלטערטער, איז ער נאָך טיפער אַריין אין די ברעזענטענע פלודערן, דאָס היטל האָט זיך אים אַראָפּגערוקט ביז איבער די קינבאַקן. זיינע ליפּן האָבן זיך קיינמאָל נישט געעפנט. מיט דער איינער, פאַריתומטער האַנט, דריקט ער דעם בעזים און קערט.

די שטעכיקע דראָטענע ריטער קראַצן איבער די אייזערנע פּליטעס. דער קאַליקע וויל מיט אַט דעם שווערן אייזערנעם בעזים פלעטן דעם קאָפּ דעם דירעקטאָר, אויסשטעכן די אויגן ביי די מייסטערס, עס ווילט זיך אים אונטערצינדן די ווערקשטעלן, חרוב-מאַכן די אויוונס, צעטרעטן דעם פאַרהאַסטן זאַוואָד. קאָזמאַ צעטרענצלט אָבער נישט אומזיסט זיין האַס.

...צו אונז אין כאַלופּע אַריין האָט ער אויפגעהערט אַריינצוקומען. הארבוז האָט אים איינגאַנצן צוגענומען, און ביי קאָזמאַן האָט זיך שוין קיינמאָל נישט געוועקט קיין רחמנות צום זיידן. ער פלעגט זאָגן:

— דו ביסט, זיידע, ווילגאָטש, שימל...

קאָזמאַ איז אַוועקגעגאַנגען, לאָזנדיק פאַר זיך דעם פּוסטן אַרבל, ער איז אַוועק אויף לאַנג, אויף אַ סך, אַ סך יאָרן.

קאפּיטל וועקס

אין אַ יום-טובדיקן אינדערפרי קריכט וואַרקא אַרויף צו מיר אויפן אויוון, דריקט זיך צו מיט די שמעקעדיקע האָר צו מײַנע באַקן, און שעפּטשעט:

— סאַנקע! שטיי אויף, נו, לעבעדיקער! די זון וועט באַלד אויפגיין, מירן פאַרשפּעטיקן...

נישט געוואַשן, בעטל איך אויס בײַ דער מאַמען אַ שטיקל ברויט. פאַרלאָז גיך די כאַלופּע און אײַל נאָך מײַן שוועסטער.

מיר גייען דורך פאַרשלאָפענע גאַסן. אַרויסרײַסנדיק זיך הינטער דער לעצטער כאַלופּע פונם ישוב, אָטעמט וואַרקא טיף אָפּ און זעצט זיך אויף דער ערד. זי טוט אויס די לײַוונטענע לאַטשן, רײַסט אַראָפּ דאָס טיכל פון די האָר, און א באָרוועסע, פאַררײַסנדיק דעם קאָפּ, הויבט זי אָן לויפן איבער דעם קילן סטעפּ. זי שרײַט הויך און הילכיק צו מיר, איך זאָל זי אָניאָגן.

אין גאַנץ סאָבאַטשייעווקע איז נישטאָ נאָך איינער, וואָס זאָל אַזוי שנעל לויפן ווי איך. פאַרקאַשערנדיק די הויזן, לויף איך גלײַך נאָך וואַרקאן.

זי ווערט אָבער אַלץ קלענער און קלענער.

שוין גאָר ווײַט — נישט צו טרעפן איר מיט אַ שטיין — לייגט זי זיך אַנידער הינטער אַ בערגל פון אַ פעפערס נאָרע און שרײַט, צולעגנדיק די דלאָניעס צו די ליפּן.

— סאַ—אַן, סאַ—אַ—נ—יושקאַ. שנעלער, שנעלער...

איך קום צולויפן. זי כאַפּט מײַן האַנט, און מיר לויפן צוזאַמען, אויפהויבנדיק נאָך זיך אַ שטויב. דאָס גראָז רוישט אונטער אונזערע פיס, עס קנאַקן די פאַראַיאָריקע בודיקעס, עס וויגן זיך דיווילדע סטעפּ-בלומען. פון אונטער די פיס איז אַרויסגעפלויגן מיט אַ פײַפע-ריי אַ פאַרפּערל. וואַרקא האָט זיך פון דער דאָזיקער אומדערוואַרט-קייט אָפּגעשטעלט. זי האָט צוגעלעגט אַ פינגער צו די צעהיצטע ליפּן און אַ דרַאָ געטון. אויף די שפּיץ פינגער גנבעט זי זיך שטיל צו צו יענעם אָרט, פון וואַנען דאָס פאַרפּערל איז אַרויסגעפלויגן, לאָזט זיך אַראָפּ אויף די קני, צענעמט פאָרזיכטיק דאָס גראָז און זוכט די נעסט.

— אוי! — האָט זי אויסגעשריען, אָפּטרעטנדיק. — זיי זענען נאָך הוילעקע, פּישטשען!

אין אַ גריבל, וואָס איז פון אַלע זייטן געווען אַרומגעלייגט מיט ווייכע שטענגעלעך, באַוועגט זיך דאָס פּיצינקע געזינדל פונם פּאַרפערל, זיי הויבן די נאַקעטע הייטלעך פון די צוקונפטיקע פליגל און טוליען זיך איינס צום אַנדערן.

איך האָב אויסגעשטרעקט די האַנט און געוואָלט נעמען איינס פון זיי. ווארקא האָט זיך דערשראָקן און אַ טופּע געטון מיטן פוס.

— טשעפּע נישט!

און האָט תיכף צוגעדעקט די נעסט, איבערגעבויגן איבער איר דאָס גראָז און, אַ באַרויִקטע, האָט זי צוגעגעבן:

— סאַנקא, זאָלסט קיינמאָל נישט אָנרירן קיין פייגעלעך מיט די הענט, ווייל די מוטער וועט זיך פון זיי אָפּזאָגן.

און מיר לויפן שוין ווידער איבערן סטעפּ, צעטרעטן דאָס הויכע גראָז, און דער טוי נעצט אונזערע פיס. עס שמייסן די שטעכעלקעס, עס בריט די קראָפּעווע — אָבער מיר באַמערקן דאָס נישט.

— או—או—ך! סאַנקא, סאַנקא!

ווייטער גייען מיר שוין טריט ביי טריט, אַ ביסעלע איינגעהאַל- טענער מחמת מידקייט. מיר גייען צום טייכל סעווערי־אַנקע, וואָס פליסט ביים סאַמע ברעג וואַלד.

מיר טוען זיך אויס אונטער אַ ביימל. ווארקא צעהענגט זייער זאָרגעוודיק איר גרין סיצן קליידל אויף די צווייגן, גלעט אויס די פעלדעלעך.

נאָך דעם גיט זי זיך אַ צעיאָג אַ וואָרף הויך מיט די פּיאַטעס און לויפט צום טייך.

פאָרסקענדיק, אַזוי ווי אַ ציג, שפּרינגנדיק, פאַלט זי אויף די דריבנע פעליעס פון דער סעווערי־אַנקע און פאַרוואַרפט ווייט פאַר זיך די הענט, מאַכנדיק מיט זיי, ווי מיט רודערס.

איך זיץ אויפן ברעג און וואַרט אויף ווארקאן. איך האָב זיך מורא צו באָדן. פון מיט טייך שרייט זי צו מיר, איך פאַרשטיי אָבער נישט וואָס זי שרייט. איר קול טראָגט זיך איבערן וואַלד, שלאָגט זיך אָן אין וואַסער, עס קלינגט.

זי שווימט־צו צו מיר אויפן רוקן. גייט אַרויס אויפן זאַמד. זי גייט צו צו מיר און גלאַנצט אינגאַנצן מיט די וואַסער־טראָפּנס. זי כאַפּט

מיך אָן ביי דער האַנט, און פאַרגייענדיק זיך פון געלעכטער, שלעפּט זי מיך, וואָס וואַרפט זיך מיט הענט און פיס, אין טייך אַריין. איך וויין, לאָז מיך נישט, און זי בעט מיך:

— האָב נישט מורא, סאַנקא, משוגענער.

איך האָב אַרומגעכאַפּט די שוועסטער ביים האַלז, זיך געלעגט אויף איר רוקן און שווים אין מיטן טייך, איך שפּיר שוין נישט קיין שרעק.

מיר באַשפּריצן זיך, לויפן אַרום, קאַלערן זיך אין זאַמד. און אַז די זון הויבט זיך אויף, אַ הייסע, אַ גרויסע פונם וואַלד, לעגן מיר זיך אויפן גראָז און וואַרעמען זיך. וואַרקא צעלאָזט די האָר. זיי זענען נאַס און גליטשיק, ווי אַ וואַסער-שלאַנג. זיי לאָזן זיך אַראָפּ צו די פיס, קיצלען די קני. די שוועסטער קוועטשט אַרויס דאָס וואַסער און שטעלט אונטער דעם קאָפּ קעגן דער זון.

ווען מען זאָל נעמען דאָס גאַנצע ווייכסטע גראָז, וואָס וואַקסט ביים ברעג פון בעלגישן וואַלד, אָפּקלייבן פון דעם די זיידנסטע שטענגעלעך און זיי יאָרן-לאַנג האַלטן אין ליבשאַפט און צערטלעכקייט, וואָלט מען דעמאָלט אויך פון זיי נישט געקענט פלעכטן אַזעלכע צעפּ, זיי נישט געקענט אויפפוצן אין אַזאַ וואָלקנדל.

נאָך דעם ווי מיר האָבן זיך אָנגעוואַרעמט, גייען מיר אין וואַלד אַריין. וואַרקא ווערט פאַרשווונדן אין אַ ראָוו און לויפט פון דאָרטן אַרויס מיט אַ בינט בלומען.

איך בין מיד, הונגעריק, איך בעט זיך ביי דער שוועסטער:

— וואַריאַ, קום אַהיים.

זי דרייט זיך אויס צו מיר, לאָזט אַראָפּ די בלומען אויף דער ערד און פליסטערט מיט די ליפּן:

— מען דאַרף נישט, סאַנקא... דאָרט איז קאַלט.

ביים זון-פאַרגאַנג קערן מיר זיך אום אַהיים. וואַרקא גייט, אַן אָפּגעברענטע, אַ מידע. אין די האָר האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אַ דאַר שטענגעלע און אַן אוירינגל פון אַ בערעזע-צווייגל.

אין דער כאַלופּע גייען מיר אַריין פאַרנאַכט. וואַריאַ האָט אָנגעגאָסן אַ פּענדל וואַסער, אַהין אַריינגעשטעלט די בלומען און זיי צוגעטראָגן דער מאַמען.

— נאַ, מאַמע, גיב אַ שמעק!

אין דער כאַלופּע איז ליכטיקער געוואָרן. עס האָט אַ שמעק

געטון מיט וואַלי, מיט טייך און מיט זון. דער זיידע ליגט אַ שטילער, אַ שמייכלדיקער, און דרייט פאַרזיכטיק מיטן האַלז. דאָס פּנים זיינס שיינט. מיטקא און ניורקא שרייען אויף אַ קול:

— וואַריאַ, דיב אונז אַ רויטינטס, אַ רויטינטס.

וואַריאַ שטייט אויף צוזאַמען מיטן טאַטן. אינדרויסן איז נאָך פינסטער. די שויבן וויינען מיט טרערן־רעגן־טראָפּנס. עס קלאַפּן די שרעקעוודיקע טראָפּנס. עס סקריפּצט אויף די פאַרזשאַווערטע האַקנס דער לאָדן.

די שוועסטער וואַשט זיך אין אַ שיסל. זי באַשפּריצט זיך רוישיק מיט קאַלט וואַסער, ווישט אויס די הויט, ביז זי ווערט רויט און לאַנג־לאַנג, ביז דער טאַטע טוט זיך אָן, קעמט זי אירע האָר, קוקט אין שפּיגל.

די גאַסע שויב הויבט אָן ליכטיקער צו ווערן, דער לאָדן האָט זיך באַרויקט. דרייסטער און שטאַרקער קלאַפּן די רעגן־טראָפּנס. וואַריאַ גייט צו צום פענסטער און רופט זיך אָן:

— אַ רעגן... — זי קוקט אויפן אויוון, ווי עס טרוקענען זיך אירע לאַפּטשעס. — נו, ווי אַזוי וועל איך גיין?...

זי זעצט זיך אויפן טאַבורעט און שטעקט אַריין דעם פוס אין דער מיט רויך און שווייס שמעקנדיקער, האַרט־געפּלאָכטענער לאַפּטשע. די פאַרשלאָפענע מאַמע בינדט איין אין צוויי רויטע פאַטשיילעכלעך צו שטיקלעך ברויט, אַ פּאָר קאַרטאָפל און אַ פענעצל חזיר־פעטס. זי הויבט מיך אָן צו וועקן.

איך דאַרף גיין צום זאַוואָד־באַרג קלייבן אייזן־אָפּפאַל.

דער זיידע האָט זיך אויפגעכאַפּט און דרייט זיך אויפן געלע־גער. וואַריאַ בויגט זיך אָן צו מיר — אַ שמעקעדיקע, אַ וויסצייביקע. זי גיט מיר אַ קוש אין באַק.

— צום ווידערזען, סאַנקא, איך וועל דיר ברענגען דאָס רעפּטעלע...

זי גייט צו דער טיר אַרויפוואַרפנדיק אויף די אַקסל אַ זאַק, וואָס זאָל איר פאַרדעקן פונם רעגן, אויפהויבנדיק דאָס לייוונטנע אַרבעטס־קליידל. דער זיידע רופט זי צו מיט אַ פינגער — ער שעפּטשעט:

— וואַריושקא, זאָלסט ניט פאַרגעסן, וואָס דו האָסט צוגע־

זאָגט... אַ ציטרינדל... עס ברענט מיר, איך קען דעם אָטעם נישט כאַפּן, ס'ווילט זיך אַ זויערס... טו אַ טובה...

שפּאַנענדיק מיטן פאָטער צום זאַוואָד, טאָפּקענדיק אין דער בלאָטע, פילט זי, ווי עס ווערן פייכט די פּיאַטעס און טראַכט:

„אַ ציטרין... געלט... אפשר וועט מיר נאַסטיענקע לייען, זי האָט שטענדיק געלט."

נאַסטיא גייט צו דער אַרבעט אין זאַוואָד אַריין, ווי אין אַ יום-טוב. זי טראָגט שוואַרצע, ווייכע שטיוועלעך. אַ וואָלן בלוי אויס-געהעפט שאַלעכל אויף דער פּלייצע. און אין דעם טיכעלע, וואָס ליגט האַרט ביי דער ברוסט, שאָרכען נייענקע רובלען. וואַרקא וווּנ-דערט זיך פון וואַנען די חברטע איז אַזוי רייך, פון וואַנען נעמט זי דאָס? צי דען פאַרדינט זי נישט די זעלבע פופציק קאָפּיקעס אַ טאָג, ווי זי?

אַריינקומענדיק אין גיסעריי, באַהאַלט די שוועסטער דאָס פּאַ-טשיילעכל מיטן עסן, טוט דורכן קאָפּ אָן דאָס פאַרטוך, און גיט אַ געשריי איבער דער גאַנצער האַליע צו די חברטאָרינס, וואָס האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אין אַ רעדל.

— יאָטעכעס, מיידעלעך, אַ גוט מאָרגן!

מען ענטפערט איר אַלע מיטאַמאָל, לעבעדיק, פריילעך.

— אַ גוט מאָרגן, וואַריושאַ! היידאַ, קום אַהער!

מיט אַ שמייכל, וויגנדיק מיט די היפטן, גייט זי צו זיי.

מען לאָזט זי אַריין אין מיטן רעדל, מען נעמט זי אַרום די אַקסלען.

ביזן פייף איז נאָך געבליבן עטלעכע מינוט.

די חברטעס שטופּן וואַרקאַן און בעטן זיך ביי איר.

— אַנו, וואַריושאַ, הייב אָן...

זי פאַריכט די האָר אונטערן טיכל, צעעפנט די ליפּן, שמייכלט, לאָזט אַראָפּ די אויגן, און אָפּאָטעמענדיק טיף, הויבט זי אָן הויך קלינגענדיק:

אוי, אויף יענער זייט וואַלד,
אויף יענער זייט גריניקן וואַלד"...

און ווי מיט איין קול כאַפּן די מיידלעך פריילעך אונטער דאָס שקאָצישע ליד.

מיט געלעכטער, מיט פרייד שפּילן די אויגן. עס הויבן זיך די

בדוסטן פון די היציקע קעפּ, גליטשן זיך אַראָפּ די טיכלעך. די באַקן פלאַמען.

פאַרביי די זינגענדיקע גייען דורך גרויע טשוהון-גיסער. איינער, מיט אַן אָפּגעסמאַלעט געזיכט, מיט אַ שפּיציק בערדל, מיט ברילן, שטעלט זיך אָפּ. מיט ליבשאַפט און וואַרעמקייט קוקט ער אויף די מיידלעך און מיט דער אָפּגעסאַרפּעטער האַנט גלעט ער די וואָנסן. עס ציטערן ביי אים אויף די העלע, אָפּגעבליאַקעוועטע ברעמען. פון אַלע עקן צעך איילן, לויפן, פאַרטשעפּענדיק זיך, יונגע יאַטן. זיי רינגלען אַרום אין אַן ענגן קרייז דעם מיידל-כאָר. און אָפּוואַרטנדיק דעם מאָ-מענט, ווען די מיידלעך הויבן אָן העכער צו זינגען, דעם אָנהויב פונם רעפריין, פאַרייניקן זיי זיך מיט זייערע שטימעס.

דאָס געזאַנג טראָגט זיך אונטער די פאַרקאָפּטשעטע הויכע, ווי רעגן-וואָלקנס, געוועלבן פונם צעך. עס קלינגט אָפּ אין דעם דינעם אייזן, צעשיט זיך און פליט אַרויף אין דער הייך, אַ שטאַרקס, אַ פרישס, אַ רופנדיקס.

אַלע האָבן פאַרגעסן, אַז צוועלף שעה וועט מען זיך דאַרפן דרייען לעבן פייער פון די וואַגאָנעטקעס, לעבן די פאָרמען, לעבן דער ערדמישעלקע, פירן האַנט-וועגלעך, הויבן גאַנצע בערג ליים, זאַמד און ערד.

שטיל, אונטערוואָיענדיק, האָט אַ גרילץ געטון די סירענע. די שטימעס האָבן אַ ציטער געטון. דער כאָר האָט אַ צאַפּל געטון. דאָס רעווען און פייפן פונם דאַמף האָט דערשטיקט, צעקוועטשט, צעזייט דאָס ליד. איבערן צעך האָט פאַרדומפּן און קלאָגעוודיק אַ דונער געטון דער טשוהונענער גאַנג. דער מייסטער איז אָנגעלאָפן. טרוקן האָבן אָנגעהויבן צו שאָרכען די רימענס פון דער טראַנסמיסיע איבער דער ערדמישעלקע. די סאָבאָטשייעוקער זינגער זענען זיך פונאַנדער-געגאַנגען אויף זייערע ערטער.

וואַרקאַ האָט זיך געשטעלט מיט דער לאָפּעטע ביי אַ קופּע פייכטן זאַמד מיט ליים. איר חברטע נאַסטיא, מיט די רויטע באַקן, אין אַ רויט טיכל אויפן קאָפּ, האָט אַ נעם געטון די הענטלעך פון דעם האַנט-וועגעלע, אַ הויכברוסטיקע אַרבעטאָרין האָט אַ כאַפּ געטון אַ טראָג-קאַסטן און אים אַוועקגעטראָגן אין אַנדערן עק פון דער גיסעריי. נאָך איר האָט גענומען לויפן, אונטערשפּרינגענדיק, אַ מיידל, קלאַפּנ-

דיק זיך אין דער פּלייצע מיט די שטייף־פאַרפלאָכטענע צעפּ, וואָס זענען איבערגעבונדן מיט אַ העל־רויטער סטענגע.

דער אַרבעט־טאָג האָט זיך אָנגעהויבן.

אין ווינקל פון צעך שטייט אַן אייזערנער טיש, וועלכער קלינגט ווען די לאָפּאַטע רירט זיך נאָר אָן אין אים. ער איז ענלעך אויף אַ קליינעם צירק־מאַנעזש. ער איז אויך אַזוי ציכטיק אויסגערייניקט. דער טיש איז אַרומגערינגלט מיט הויכע זייטן־ברעטלעך. אין צענטר פונם טיש געפינט זיך אַן אַקס. אויף דער דיקער, פעסטער אַקס זענען צו־געפעסטיקט צוויי אָפּגעפּאָלירטע וואַלצן. געטריבענע דורך דער טראַנס־מיסיע, שפּרינגען זיי פונקט אַזוי, ווי אויסגעדרעסירטע פערד איבערן מאַנעזש. ווארקא וואַרפט אונטער זייערע פיס זאַמד, ערד, ליים. די צוויי אייזערנע וואַלצן, אָניאָגנדיק איינער דעם אַנדערן, קלאַפּן מיט די טלאָען איבערן מאַנעזש, פאַרמישן אין אַ רויט־ברוינלעכער מאַסע דאָס זאַמד מיט דער ערד. דאָס איז די ערדמישעלקע.

דאָ איז פינסטער און נאַס פון דעם פייכטן זאַמד. נישט אָפּ־טרעטנדיק אויף אַ מינוט, מיט דער לולקע אין די געלע ציין, זיצט דער אויפזעער, און האַלט אין איין איבערחזרן איין און די זעלבי־קע ווערטער:

— העי, נו, שיינהייטן, לעבעדיקער! העי, נו, מיידעלעך, שנע־לער אַ ביסל!

נישט אויסגלייכנדיק די פּלייצע, נישט אויפהויבנדיק דעם קאָפּ, דרייט ווארקא אויס די הענט און וואַרפט אַריבער דעם אַקסל זאַמד אין ערדמישעלקע. דאָס זאַמד איז פייכט און שווער, בויגט צו דער ערד. עס בלייכן זיך איבער די אַקסל, ביי דער ברוסט, ביי דער ערד, לעבן דער מישעלקע ווארקאס געזונטע הענט.

זיי זענען שוין אָנגעשוואָלן מיט שטייף אָנגעצויגענע אָדערן. און מען האָט דאָך ערשט קוים אָפּגעגעסן פרישטיק. די זון האָט דאָך זיך ערשט באַוויזן אין פענסטער.

און דאָ דערנעבן דאָס איינגעחזרטע כריפּנדיקע קול:

— העי, נו, שיינהייטן, לעבעדיקער! העי, נו, מיידעלעך, שנעלער אַ ביסל!

נאַסטיא פירט דאָס האַנט־וועגעלע. דער הילצערנער ראָד קלאַפּט איבער די רעלסן, קאָלערט זיך, לויפט. דאָס וועגעלע איז ביז איבער די ברעגעס פול מיט זאַמד. ער איז שווער און טונקל. נאַסטיא לויפט

נאָך נאָך דעם ראָד, ברייט צעשטעלנדיק די פיס. עס פּאַטשט אין זיי דאָס קליידל, וואָס שפּילט מיט די געלע בלומען. נאַסטיא לויפט צו צו דער ערד-קופּע, גיט אַ הויב אויף די הענטעלעך, דאָס וועגעלע קערט זיך איבער און שיט אויס דאָס זאַמד. נאַסטיא גיט אַ כאַפּ דאָס ליידיקע וועגעלע און לויפט צוריק.

אַ וועגעלע נאָך אַ וועגעלע. לויפט נאַסטיא האַסטיק נאָך דעם גוט-געשמירטן ראָד. אירע רויטע באַקן זענען שוין געוואָרן בלאַסער. דאָס טיכל האָט זיך אַראָפּגעגליטשט, די זוים פון קליידל איז באַשפּריצט מיט ליים, דער שפּיץ פון דעם צאַרטן שטיוועלע איז צעדראַפּעט, די פּאַצעטקע באַמערקט אָבער גאָרנישט.

איבערן סאַמע אויער—הייזעריק, באַקאַנט שניידיק:

— העי, נו, שיינהייטן, לעבעדיקער! העי, נו, מיידעלעך, שנעלער!

די הויכברוסטיקע אַרבעטאָרין מיט דער חברטע טראָגן צו אויף דעם טראָג-קאַסטן פוכקע ערד, וואָס שמעקט מיט שוואָמען. זיי הויבן אויף דעם קאַסטן, ווי אַ בריק. אויפגעהויבן, דריקן זיי צו די הענטלעך פון דעם קאַסטן צו די היפטן און כאַפּן אָפּ דעם אָטעם, זיי לאָזן זיך גיין לאַנגזאַם, וואַקלענדיק זיך, נישט אויפהויבנדיק די לאָפּטשעס. צוקומענדיק צו דער קופּע, לאָזן זיי שנעל אַראָפּ דעם טראָג-קאַסטן. זיי שטייען און וואַרטן, ווער עס וועט זיך די ערשטע אָנהויבן נעמען דעם קאַסטן.

דער אויפזעער ווערט אין כעס.

בשעת דעם איבעררייס אויף מיטאָג ווערן די סאָבאַטשייעווקער מיידלעך אויפגעלעבט. איבעריאָגנדיק איינע די אַנדערע, האָבן זיי זיך געלאָזט לויפן אין דער האַלע, וווּ מען טריקנט זאַמד, צו פּאַרכאַפּן אַן אָרט, ווו אָפּצובראָטן די קאַרטאָפל. געגעסן האָט מען די קאַרטאָפל, די ווייסע, די קרוכלע, באַזאַלצנדיק זיי און באַלעקנדיק זיך. מען האָט געשלונגען דאָס געלביקע שמעקעדיקע ברויט, פּאַרזופּנדיק מיט מאַלינע-טיי.

נאָכן מיטאָג זענען קיין כוחות נישט צוגעקומען, אַלץ אָפטער און אָפטער איז די לאָפּאַטע געבליבן שטיין אין וואַרקאַס הענט. אַלץ מער און מער האָט זיך געגלוסט אויסצוגלייכן דעם רוקן.

אַז די סירענע האָט אַ גרילץ געטון, אָנזאָגנדיק, אַז דער אַרבעטס-טאָג האָט זיך געענדיקט, איז וואַרקאַ שיער נישט אומגעפאַלן אויף דער קופּע זאַמד. עטלעכע מינוט איז זי געזעסן, קיין ריר זיך נישט געטון און פון גאָרנישט נישט געטראַכט.

זי האָט זיך אומגעקוקט און דערזען, אַז אויך נאַסטיא און די איבעריקע חברטעס שטייען פונקט אַזוי פאַרגליווערט ווי זי...

אָפּגערוט זיך, זענען די חברטעס צוגעגאַנגען צו איר.

— נו, קום, וואַריאַ.

וואַרקאַ האָט זיך אויפגעהויבן און איז צוזאַמען מיט די חברטעס אַרויס אויפן גאַס.

פינסטער. עס רינט פונם הימל, עס טיאַפּקעט אונטער די פיס די צעווייקטע ערד. די טיכלעך ווערן אויסגעווייקט און שווער. גיין דאַרף מען ווייט: איבער דער גאַנצער שטאָט. און קאַיאָר — ווידער צו דער אַרבעט. נאַסטיא בויגט זיך אָן צו דער חברטע:

— וואַרקאַ, לאָמיר בלייבן נעכטיקן אין דער האַליע.

זיי קערן זיך אום צוריק אין צעך אַריין. זיי גראָבן אויס אין הייסן זאַמד אַ נאָרע, קוועטשן אַרונטער די פיס. נישט ווייט ברומט די טראַנסמיסיע. עס שאָרכען די רימענס: די נאַכט-שיכט. נאַסטיא באַהאַלט דעם קאָפּ אין וואַרקאַס קני און טרוימט, דרעמלענדיק:

— אַ, ווי גוט וואָלט געווען צו זיצן איצט ביים לאָמפּ, אַ האַרמאָשקע זאָל שפּילן... טאַנצן... צוקערלעך...

זי האָט זיך צוגערוקט נעענטער צו וואַריעס ברוסט, און הייס אָנגעהויבן שעפּטשען:

— וואַריאַ, איך ווייס פון אַזאַ אָרט. קום, לאָמיר גיין, האַ? דאָרט שפּילט אַ האַרמאָשקע, מען זינגט, מען בייסט צו פון דעם בעסטן און קיין געלט דערויף דאַרף מען אויך נישט. מען וועט דיר נאָך צוצאָלן. קום, וואַריושע!

— צוצאָלן? פאַרוואָס?

— אָט אַזוי-אָ, פאַרשטייסטו מיך, — האָט נאַסטיא זיך פאַרלוירן.

— פאַר די טענץ.

— אַ-אַ... — האָט וואַרקאַ איינשלאָפנדיק אויסגעצויגן.

— קום, וואַריושא! איינער אַליין איז מיר אומעטיק. קום. סיי-ווי-סיי שטאַרבט מען, לאָמיר כאָטש אַ הוליע טון.

נישט פרעגנדיק וווהין, האָט זי זיך געלאָזט גיין נאָך דער איילנדיקער, שמיידיקער נאַסטיאַן. און ערשט ווען זי איז צוגעקומען צום הויכן, באַקאַנטן פאַרקאַן פון אַגאַנעסאָוס שענק, האָט וואַרקא דערקאָנט איר סאָבאַטשייצווקער געגנט. זי האָט נישט באַוויזן זיך צו באַדענקן. נאַסטיא איז זיכער אַרויפגעלאָפן אויף די שטיינערנע טרעפּ,

אויפגעמאַכט די טיר און אַריינגעשלעפּט וואַרקאַן אין דעם פינסטערן קאָרידאָר.

די פענסטער זענען צוגעמאַכט מיט די לאָדן. דער נאַפט-לאָמפּ באַלויכט דעם טיש. מיט די איבערגעקערטע פלעשער, אַ ראָזער פלעק אויף ווייסן טישטוך.

אין ווינקל אויפן בעט, אויף דער צעקנייטשטער קאָלדרע, זיצט וואַרקאַ. דאָס קליידל אירס האָט זיך אויסגעקרומט, זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן רעכטן אַקסל, אַנטבלויזט די ברוסט. פונם האַלז ביז צו די ברוסטן ציט זיך אַ שמאָלער און טיפער ראַנץ. וואַרקאַס פנים, איר שטערן, די אויגן, די ליפּן האָבן באַדעקט די פוכיקע האָר.

אויפן דיל ביי וואַרקאַס פיס, קריכט עמעצער, קושט אירע קאַל-טע קני. זי קוקט אויף זיינע פּרעכטיקע וואָנסן און זי קאָן זיך בשום אופן נישט דערמאָנען, ווו זי האָט אים געזען.

דער, מיט די פּרעכטיקע וואָנסן, זוכט וואַרקאַס האַנט. פּרוווט זיך אָנצוטון אַ רינגל אויף איר פינגער מיט דער געפלאַצטער הויט. דער פינגער—אַ געשוואָלענער, אַ קנאָכיקער — לאָזט זיך נישט. דער מענטש מיט די וואָנסן פאַרקלעמט אים צווישן די קני, און פּראַכנ-דיק, טוט ער אויף אים אָן דעם רינג, דער פינגער איז פאַרעקשנט. דער מאַנספּערשוין ציט זיך צום טיש, נעמט אַ גלאָז, ווייקט איין וואַרקעס האַנט אין בראָנפן. דער רינג האָט זיך אַ גליטש געטון אי-בערןביינדל פונם פינגער און איז געבליבן זיצן.

דער פאַרשוין מיט די פּרעכטיקע וואָנסן איז צופרידן. ער שלעפּט אַרויס פון קעשענע אַ פּאַטשיילע, וואָס ברענט מיט אַלע קאָלירן פון רעגנבויגן, און נעמט מיט איר פאָכן פאַר וואַר-קאַס אויגן.

די פּאַטשיילע שמעקט, קנאַקט, ווי דאָס פּאַפּירל, וואָס דער מאַנספּערשוין האָט צונויפגעדריקט אין דער צווייטער האַנט.

וואַרקא שטרעקט אויס אירע הענט צו די קנאַקענדיקע פּאַפּיר-לעך, מאַכט מיט די פינגער.

זי האָט נישט דערלאַנגט, זייענדיק אָפּגעשוואַכט, בויגט זי זיך אָן צום בעט, פאַלט אום, כריפּעט, וועלנדיק זיך אויסהוסטן.

וואַרקאַס שטערן איז הייס, מיט פאַרטרוקנטע ליפּן, בעט זי זיך:

— אַ ציטרין... אַ ציטרין... אומבאַדינגט אַ ציטרין...

דער פאַרשוין מיט די וואָנסן האָט אַ זעץ געטון מיטן פוס אין

דער טיר און אַ געשריי געטון אין דעם פינסטערן און שמאָלן קאָרידאָר אַריין:

— אַ ציטרין !...

— אַ צי—ט—רין! — האָט דאָס שטיינערנע ווידערקול אָפּגעענטפערט,

— אַ צ—י—י—י טרי—י—ן! — האָט זיך דורכגעטראָגן איבער די טרעפּ, איבער די זאַלן, איבער דער קיך, שפּיזאַרניע ביז צו דער טובאַנג פון דעם בופעטשיק.

— פאַר דעם באַלעבאָס אַ ציטרין. זייער גאַסט איז נישט גוט געוואָרן, — האָט דער קעלנער אַ וווּנק געטון, בשעת ער האָט באַקומען אַ גאָלדיק, צאַרטהויטיק קיילעכל. ער איז מיט דעם גלייך צוריקגעלאָפן.

*

איינמאָל אין דערפרי זענען מיר אויפגעשטאַנען און נישט דערקענט אונזער כאַלופּע. די ווענט זענען געווען פאַרשמירט מיט סמאָר*), אין מיטן איז געווען אויסגעמאָלט אַ דערווידערלעכע פיגור, וואָס שטייט אויף אַלע פיר. אונטער דעם בויגן פון די הענט און פיס זענען געשטאַנען אַ טשאַטע הינט מיט פאַרשפּיצטע מאָרדעס.

אונטערן בילד — אַן אויפשריפט: „דאָס איז ווארקא גאָלאָד מיט אירע כלבים".

גאַנץ סאָבאַטשייעווקע איז זיך צונויפגעלאָפן קוקן. לעבן דער כאַלופּע איז אַ געלעכטער, אַ פייפעריי.

דער טאַטע איז אַרויסגעגאַנגען פון דער כאַלופּע מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, בלאַנקענדיק מיט דער שאַרף פונם לאָפּאַטקעלע. שווייגנדיק האָט ער אָפּגעקראַצט דאָס געמעל און איז אין איילעניש צוריק פאַרשוווּנדן אין דער נידעריקער טיר. ער האָט אויפגעוועקט די שוועסטער. ער האָט אויסגעוואַרט ביז זי האָט אָנגעטון די שטיוועלעך און זיך פאַרדעקט מיט דער שאַל. נאָכדעם האָט ער אויסגערעכנט אויפגעוויקלט אויף זיין פויסט אירע לאַנגע זיידענע האָר און זי אַ פרעג געטון:

— ווו האָסטו גענומען דיינע קליידער?

ווארקא האָט דראָבנע געקלאַפּט מיט די ציין, אַ פינטל געטון

---

*) דזשעגעכץ.

מיט די אויגן, פאַרשטעלט די רויטע באַקן און אָנגעהויבן שרעקיק פאַרענטפערן זיך:

— טאַטעליו, איך האָב זיי געקויפט, אויף מיין וואָרט, אַז איך האָב זיי געקויפט, אָט פרעג נאַסטיאַן.

די פויסט האָט זיך אַ ריס געטון, טרוקן האָבן אַ טראַסק געטון די האָר. דער פוס מיט דער הילצערנער זויל האָט צוגעדריקט וואַרקאַס ברוסט.

— זאָג, קלאַוּוטע, ווו האָסטו דאָס גענומען?

— איך האָב דאָס געקויפט, טייערינקער, זאָל איך שטאַרבן, זאָל איך נישט דערלעבן אויפצוהייבן זיך, אַז איך האָב דאָס געקויפט.

דער טאַטע האָט אַראָפּגעבויגן וואַריאַס קאָפּ האַרט צו דער ערד, נאָך פעסטער אָנגענומען זי פאַר די האָר און זי אָנגעהויבן שלאָגן. ער האָט אַ פּאָך געטון מיט דער שווערער פויסט, און ביי יעדן קלאַפּ, וואָס ער האָט איר געגעבן האָט ער געקרעכצט, די ווענט פון דער כאַלופּע האָבן געציטערט, דער טיש אויף די קרומע פיס האָט אונטערגעשפּרונגען און מען האָט נישט געהערט אונזער געיאָמער און וואַריאַס זיפצן.

דער טאַטע האָט אַראָפּגעלאָזט די הענט, דערשראָקן אָפּגעווישט די נאָס-געוואָרענע פינגער אין די הויזן, און אַן איינגעשטילטער, אַן איינגעהויקערטער, נישט אַ פּינטל-טוענדיק מיט די אויגן, האָט ער נאָכגעשפּירט נאָך דעם רויטן שטיקל געשוואָלענע צונג, וואָס האָט זיך געקראַמפּט, ווי אַ צעשניטענער שלאַנג צווישן די ציין. דער טאַטע האָט געפרעגט:

— נו, איצט, ווּעסטו שוין זאָגן?

וואַרקא האָט דערציילט, ווי אַזוי אַגאַנעסאַוו אַליין האָט איר אַוועקגעשענקט אַ פּאָר שוואָרצע שיך און אַ רובל און אַ פּאָר אוירינגלעך אַלס צולאָג. דער דיקער קצב האָט איר געקויפט אַ שאַל, עמעצער האָט איר אַריינגעשטופּט אַ פּאָר אַזשורענע זאָקן און אַ מעשן פינגערל. איינער האָט איר געפונדעוועט ניס-כאַלווע, געקושט די ליפּן און געקראָכן אויף די קני ביי אירע קאַלטע פיס. ווער? זי האָט פאַרגעסן. דער טאַטע האָט אָבער פאַרשטאַנען, זיך אָנגעשטויסן.

אַלץ האָט וואַרקא דערציילט דעם טאַטן. ער האָט זי שוין מער נישט געשלאָגן. ער האָט איר געהאָלפן אויפהויבן זיך פון דער ערד,

זי צוגעפירט צו דער טיר און אויסגעצויגן, ווי ער וואָלט זי פאַר-שאָלטן, האָט ער געזאָגט:

— וואַש זיך אַרום און גיי אַוועק פון אונזער הויז, פאַרגעס, אַז דו האָסט אַ טאַטן, דו, פאַרשיווע זונה.

ווארקע איז אַוועקגעגאַנגען אומגעוואַשן. אויף דער פּאָדלאָגע איז געבליבן ליגן איר זיידן טיכל.

איך בין אַרויסגעלאָפן פון דער כאַלופּע און נאָכגעלאָפן וואַר-קאַן. זי איז געגאַנגען נישט אומקוקנדיק זיך, אַן איינגעהויקערטע אַ קורצוווקסיקע דורך דעם מאַרק, לעבן די קוואַרטאַלן, ווו עס וווינען די אינזשיניערן, האַלטנדיק זיך נאָענט לעבן פּאַרקן פון דעם זאַוואָד. זי האָט געשפּאַנט איבער די זאַוואָד-פּלעצער, אָפּפאַל-קופּעס, דורכן וואַלד, אַ פאַרלוירענע, נישט הערנדיק און נישט זעענדיק גאָרנישט.

פאַרנאַכט האָט ווארקא זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַגאַנעסאָווס מלינה און האָט זיך פאַרטראַכט. איך בין צו איר צוגעלאָפן, שטיל אַ טאָרע געטון איר קאַלטע האַנט.

— ווארקאַ...

זי האָט זיך אויסגעדרייט צו מיר, ציטערנדיק מיט די ליפּן:

— גיי אַוועק, סאַניא.

און אַ קלאַפּ-טוענדיק מיט דער טיר, איז זי פאַרשוווּנדן אין דער מלינה.

זי האָט זיך נאָכדעם אַרומגעדרייט איבערן מאַרק, אַ שיכּורע. זי האָט זיך געחברט מיט גנבים. געקראָכן אויף די בוידעמער גנבענען וועש. געשטאַנען אויף די פינסטערע ראַגן, געוווּנקען מיט די אונ-טערגעשלאָגענע אויגן, און פאַרגעלעגט פאַר אַ האַלבן רובל די בעסטע פאַרגעניגנס.

אַז איך האָב שוין געהאַט פאַרלוירן מיין גאַנץ הויז-געזינד, גע-בליבן איינער אַליין, האָב איך זי באַגעגנט אין מאַרק. זי איז שעמעוו-דיק צוגעגאַנגען צו מיר, אירע האָר זענען געל געוואָרן, אויסגע-קראָכן. די קינבאַקן האָבן אַרויסגעשטאַרצט אויף איר בלאַסן, מאָגערן געזיכט. די ליפּן זענען-געווען געפּלאַצט. מיט די גרויע פינגער האָט זי אָפּגעקרישלט געלע קיילעכלעך פון וואַרעמען ברויט און זיי גע-שלונגען, ווי פּילן.

זי איז צוגעגאַנגען צו מיר און זיך שטיל אָנגערופן:

— סאַניא...

איך האָב נישט אויסגעהאַלטן און בין צוגעפאַלן צו איר. וואַרקע האָט אויפגעשווידערט. זי האָט זיך צוועקגעזעצט אויף דער ערד און צוגעטוליעט מיין קאָפּ צו איר פלאַכער ברוסט.

אַרום אונז האָט זיך צונויפגעקליבן דער מאַרק-עולם.

— ווי זי נעמט זיך דאָס צום האַרצן, נעבעך, די אומגליקלעכע, — האָט זיך אַ דיקע פרוי מיט אַ שווערן קאָשעק געפּאַטשט איבער די היפּטן.

— זי האָט אַפּנים איר זונעלע אָפּגעזוכט, — האָט מיט טרערן אין די אויגן געפּרווווט טרעפן אַן אַלטיטשקע אין אַ שוואַרץ קליידל.

— און אפשר איז דאָס אַ ברודערל, — האָט זיך נאָך עמעצער אָנגערופן.

וואַרקא האָט געגלעט מיינע האָר, צורעכט געמאַכט דאָס העמד, געווישט אירע פייכטע אויגן און געטרייסט:

— מען דאַרף נישט, סאַנקא, טייערער, אָט באַלד וועט ווידער זיין זומער, און מירן ווידער לויפן אין וואַלד אַריין זיך באָדן.

מער האָב איך זי שוין קיינמאָל נישט באַגעגנט, אָבער איך האָב געזען הונדערטער אַזעלכע, וועלכע זענען געווען ענלעך צו איר.

קאַפּיטל זיבן

איך גיי דורך אַ הויכן וואַלד. אויף די דעמבענע מאַסטבוימער הענגט דער הימל, מיט צעפליקטע פליגל פלאָנטערן זיך אין די צווייגן די טויטע וואָלקנס. בראָנזענע חזיר-ניס פאַלן אויף דער ערד. אַ ווילדער דעמב פול באַדעקט מיט לישאַיעס, ציט זיך מיט זיינע טויזנטהענטיקע צווייגן צו די קויטיקע, נישט פאַרקעמטע פּאַטלעס פון די וואָלקנס.

עס באַפאַלט מיך אַ שרעק פון דער דאָזיקער טויטער שטילקייט. איך ווייס, אַז אָט דאָרט, הינטער די שטאַמען-טורעמס, האָט זיך באַהאַלטן עפּעס אַ חיה-רעה. איך שפּיר אַפילו איר הונגעריקן ווילד-געוואָרענעם בליק אויף זיך. מיר דוכט זיך, אַז איך האָב שוין אַפילו פאַרזוכט דעם טעם פון אירע שאַרפע נעגל. זי האָט שוין אויף מיר אַן אָטעם געטון. זי האָט זיך פאַרמאָסטן צו דערשטיקן אין מיין האַלז דאָס לעצטע ביסל לופט איך לויף, איך ראַטעווע זיך. און מיטאַמאָל האָט דער וואַלד אויפגעהערט צו פאַרוווען זיינע שטיק, ער האָט זיך

דערשראָקן, טאָמער וועל איך אַנטלויפן. ער האָט פון זיינע הענט אַרויסגעלאָזט דעם הימל, זיך אַ צי געטון צו מיר, אַ ציטער טוענדיק מיט די פאַרוווּנדעטע פליגל און אָנגעהויבן צו שיטן חזיר-ניס.

איך האָב זיך אויפגעכאַפּט און פאַר זיך דערזען דעם זיידנס קעציִשע אויגן. די שאָטנס פון זיינע וויעס האָבן פאַרשטעלט זיינע הויקערדיקע קינבאַקן.

איך כאַפּ אָן די מאַמע, דריק זיך צו איר. זי פאַרדעקט מיר דעם קאָפּ מיט אירע וואַרעמע הענט און שעפּטשעט מיר טרייסט-ווערטער. דעם זיידנס אויגן לאָזן מיך אויך נישט שלאָפן. ער היט אונז אָפּ, אונז מיט דער מאַמען, און וואַרט, דער טאַטע זאָל וואָס גיכער אַוועקגיין. דעמאָלט וועט ער קענען אויסבעטלען ביי דער מאַמען בראָנפן.

מיר באַהאַלטן זיך אין דער פינסטערניש אונטער דער רעדנע, כדי נישט צו זען דעם זיידנס שרעקלעכע אויגן.

אַז דער באַגינען וואַשט אויס דאָס פינסטערע פענסטער פון דער כאַלופּע, הויבט אָן די מאַמע צו שעפּטשען:

— סאַנקא, אַ סאַנקא, שטיי אויף, שטיי אויף, זונעלע.

צוזאַמען מיט מיר שטייט אויף דער טאַטע. אויף אונז דרייען איז געבליבן בלויז איין פּאָר שיך. איצט טוט זיי אָן דער טאַטע, און איך וויקל אַרום מיינע פיס מיט שמאַטעס, פאַרדריי זיי מיט שטריקלעך, און מיר גייען אַרויס אין יאַנואַר-ווינט אַריין, אין פראָסט אַריין.

איך גיי מיטן טאַטן אין דער אייזן-הוטע אַריין. דאָרט וועט ער אויסטון די שיך און אָנטון די הילצערנע טרעפּעס, און איך וועל מיט די שיך צוריקלויפן אַהיים, ווו עס וואַרט אויף זיי די מאַמע.

מיר איילן זיך. דער טאַטע גייט און קוקט זיך נישט אום. איך מוז אונטערלויפן, כדי נישט אָפּצושטיין פון אים. די שמאַטעס און די שטריקלעך האָבן זיך אָפּגעוויקלט, אָבער צערעכט מאַכן זיי האָב איך קיין צייט נישט. דער טאַטע וואַרט נישט. די אייזיקע ראַזיר-מעסערס שניידן מיך די פיאַטעס. איך הויב הויך די קני.

אין זאַוואָד טו איך אָן די שיך, זיי זענען גרויס אויף מיר.

אין דער היים טוט די מאַמע אָן די שיך און גייט אין מאַרק אַריין. נאָכדעם טו איך זיי אָן. ביזן פייף קליוב איך קאָקס, קוילן. און נאָכדעם לויף איך פון דער אייזן-הוטע צו אונז אין כאַלופּע אַריין, פון כאַלופּע אין וואַלץ-צעך, און פונם צעך ווידער אין דער כאַלופּע אַריין.

ווי נאָר דער טאַטע איז אַוועק צו דער אַרבעט, איז דער זיידע געוואָרן אַן אויפגעלעבטער. ער האָט געוווסט, אַז איצט וועט ער קענען באַקומען אַ שטיקל פּרעסאַרניע, בירהאַלע און מאַרק. איינ־שאַפן פלעגט ער דאָס דורך פלערליי קאָפּ־שטיקלעך.

איינמאָל בין איך דורכגעגאַנגען לעבן זיין בעט. ער האָט מיך אַ כאַפּ געטון פאַרן האַלז, צוגעצויגן צו זיך, אַ וואָרף געטון אויפן בעט און מיך גענומען פייניקן: פליקן מיט די אייזערנע הענט די האָר פון קאָפּ, דריקן מיין לייב מיט די טשערעקעס *) און דערביי טענהן:

— בעט ביי דער מאַמען, זאָל זי מיר געבן אַ האַלב פלעשעלע, וועל איך דיך אָפּלאָזן.

די מאַמע האָט זיך געזידלט. געוויינט, דער זיידע האָט מיך אָבער נישט אָפּגעלאָזט, ביז זי האָט אים נישט געבראַכט קיין בראָנפן. אַזוי האָט זיך דאָס איבערגעחזרט כמעט יעדן טאָג. האָב איך מיר נאָר פאַרגעסן, האָט דער זיידע מיך אַ פּאַק געטון און מיט אַ גלעזע־טערל געוואַרט אויפן בראָנפן.

די מאַמע איז פאַרמאַטערט געוואָרן. זי האָט שטילערהייט פאַר־קויפט אירע העמדער, געגנבעט ביים טאַטן געלט, און דער זיידע האָט זיך אַלץ נאָך נישט געקליבן צו שטאַרבן. די מאַמע האָט שוין אויפגעהערט צו וויינען. פינטלענדיק מיט די טרוקענע, אָנגעשוואָלענע אויגן, האָט זי צונויפגעפּרעסט, ווי אַ גרעזל, אירע ליפּן, און געבעטן גאָט, ער זאָל וואָס־גיכער שיקן דעם טויט אין דער כאַלופּע אַריין. און דער טויט איז אַלץ נאָך נישט געקומען. אינגיכן האָב איך באַ־מערקט, ווי די מאַמע האָט זיך פאַרגנבעט פון זיידן אויפן אויוון און דאָרט געצויגן פון פלעשל דעם בראָנפן. נאָכדעם האָט זי צוגעגאָסן וואַסער און דערלאַנגט דעם זיידן. יענער פלעגט שוין זיך נישט פונאַנדערקלייבן און עס זשעדנע מיט איין שלינג, אַריינגיסן אין האַלז אַריין.

שפּעטער האָט דער זיידע אויפגעהערט צו יאָגן זיך נאָך מיר, ווייל די מאַמע פלעגט אים שוין אַליין ברענגען בראָנפן, זי האָט זיך בלויז געטיילט מיט אים. און אָט אַזוי האָט זי זיך צוגעוויינט צום טרינקען. אַפילו דעם טאַטנס קלעפּ האָבן זי נישט געקענט

*) אויסוואַצן, בלאָטערס.

אָפּגעווינען. געקומען אַביסל צו זיך נאָך די קלעפּ, נאָך אונטערהיני-קענדיק און מיט פאַרשוואָלענע אויגן, לויפט זי שוין אין שענק אַריין. שיכּורט זיך אָן מיטן ייִדן, זעצט זיך אַוועק ביי אים אין בעט, און זיי הויבן ביידע אָן צו זינגען:

„קיינעם איז נישט ערגער אויף דער וועלט
ווי דעם יתומל"...

זיי וואָיען ווילד און קוקן מיט די נאַסע אויגן ערגעץ אין אַ ווייט אַזאַ, וואָס איז נאָר זיי ביידן באַקאַנט. און מיר, קינדער, זיצן אויפן אויוון, הונגעריקע, און וואָיען אויך. דער טאַטע קומט אַריין, בלייבט שטיין אויפן שוועל. גיט טעמפּ אַ קוק אויף אונז, שפּרינגט צו דער מאַמען און הויבט זי אָן צו שלאָגן. ער קלייבט זיך נישט פונאַנ-דער, ווו עס טרעפט דער פיס, די האַנט, די קני. און די מאַמע וויינט נישט, אַט אַזוי ווי זי וואָלט גאָר קיין ווייטאָק נישט פילן. זי ליגט אויף דער פאָדלאָגע מיט די צעפּאַטלטע האָר און האַלט אין איין איבערחזרן איין און די זעלביקע ווערטער.

דער טאַטע האָט אויך נישט געשוינט דעם קראַנקן ייִדן. ער פלעגט אים אַ ליגנדיקן, שלאָגן, צילנדיק צו טרעפן אין די צעבראָ-כענע אברים און זיך ממש געקוויקט, בשעת דער ייִדע פלעגט קרעכצן.

לאַנג האָט דער טאַטע זיך געהאַלטן. ער פלעגט זעלטן אַריינגיין אין שענק. אַלע שבת פלעגט ער אונז אַרומוואַשן, אויסקעמען די קעפּ, געטרוקנט אויפן אויוון אונזערע הייזלעך. אָבער נאָכדעם האָט ער זיך אויך אונטערגעגעבן.

אַרויסגעהאָלפן האָט אונז הארבוז, ער פלעגט אונז ברענגען געלט פון דער קאַסע פון דער קעגנזייטיקער הילף, און פון דעם פלעגן מיר לעבן ביז דער טאַטע האָט באַקומען אויסגעצאָלט דאָס געהאַלט. דער שמעלצער פלעגט אָנווייזן אויפן ייִדן און זאָגן:

— היט זיך, אָסטאַפּ ניקאַנאָראָוויטש, פאַר אַזאַ ווייסטן סוף.

דער טאַטע האָט דאָס אויסגעהערט שווייגנדיק און גאָרנישט געענט-פערט. עטלעכע מאָל איז ער ערגעץ אַוועקגעגאַנגען צוזאַמען מיט האַר-בוזן. נאָכדעם איז ער געווען אַביסל צוגעלאָזענער. אָבער קעגן די נייע קלעפּ האָט ער נישט געקענט ביישטיין.

די מאַמע מיטן ייִדן האָבן פאַרשיכּורט די לעצטע פאַר גראָשן. ביזן אויסצאָלן דאָס געהאַלט זענען נאָך פאַרבליבן אַ שיינע פאַר טעג. די מאַמע האָט פאַרזעצט די שיך. דער טאַטע איז געקומען צולויפן

אַ באָרוועסער אַהיים, לאַנג געשלאָגן די מאַמע, און נאָכדעם איז ער אַליין אַוועק צו אַגאַנעסאָוון אין שענק אַריין. ער איז נישט געקומען נעכטיקן נישט די נאַכט, און נישט די צווייטע. די מאַמע איז שוין מער נישט אויפגעשטאַנען פון דער פּאָדלאָגע. זי איז געלעגן אַ שוואַרצע מיט איינגעפאַלענע אויגן. און געדוכט האָט זיך, אַז ערשט נאָר וואָס האָבן זיך פון איר אויפגעהויבן קראָען—נבילות-פרעסער.

מיטן זיידן האָט זיך אַ גאַנצע נאַכט געטון עפּעס אַזוינס, וואָס נאָך קיינמאָל נישט. ער האָט פאַרדומפן געמרוקעט, זיך געוואָרפן, און פאַרטאָג איז ער שטיל געוואָרן. און גאַנץ-פרי האָט זיך סאָבאַטשייעווקע דערוווסט, אַז אָסטאַפּ גאָלאָדס ווייב איז געשטאָרבן פון איבערשיכּורן זיך, און דער משוגענער ניקאַנאָר איז פּאַראַלי-זירט געוואָרן.

אין עטלעכע טעג אַרום איז אינגאַנצן פאַרגליווערט געוואָרן דעם זיידנס גרויסער, לעבנסדאָרשטיקער קערפּער. איידער ער האָט צוגעמאַכט די אויגן, האָט ער מיך בלויז מיט די ליפּן צוגערופן און אַ שעפּ-טשע געטון:

— סאַנקאַ, פאַרשעלט דיין טאַטן, דערהרגע אים, אויב ער וועט דיך שיקן אין זאַוואָד אָדער אין שאַכטע אַריין אַרבעטן.

האַרבוז, וואָס איז געשטאַנען נעבן מיר, האָט פינסטער אַ זאָג געטון:

— סאַנקאַ, זאָג דעם זיידן, אַז דער זאַוואָד האָט דערצו קיין שייכות נישט...

דערנאָך האָט ניקאַנאָר מיט זשעדנע אויגן, לאַנג באַטראַכט די כאַלופּע. ער האָט אָפּגעשטעלט זיין בליק אויף האַרבוזן, אים געוואָלט עפּעס זאָגן, ער האָט אָבער נישט געקענט. ער האָט געקוקט אויף אים מוטנע און לאַנג, דריקנדיק מיט די גליווערנדיקע פינגער דעם שמעל-צערס האַנט. ביזן סאַמע סוף האָט ער זי נישט אָפּגעלאָזט.

אָפּגעוואַשן ניקאַנאָרן האָבן די קלאָגערינס פון די פּוילע ריינ-שטאָקן. נישט מיט אָקרעפּ, נישט מיט אַ באַרשט האָבן זיי נישט גע-קענט אָפּוואַשן די הויט, וואָס איז געווען דורכגעזאַפּט מיט קוילן. דער זיידע איז געלעגן אויפן טיש, און עס האָט פאַר אים קיין אָרט נישט געקלעקט, מען האָט געמוזט אַוועקשטעלן אַ טאַבורעט הינטער די פיאַטעס. די ברוסט איז בייַ אים געוואָרן אָנגעשוואָלן, דער בויך איז איינגעפאַלן, בייַ די שלייפן האָבן זיך אָנגעבלאָזן בלויע אָדערן-

קניפן. עס האָט זיך געדוכט, אַז אַפילו אַ טויטן האָט אים נישט פאַר־לאָזט דער האַס. שרעקלעכער פון אַלץ איז געווען דאָס אָפענע מויל: עס האָט זיך געדוכט, אַז ער האָט פויל אַ געגעץ געטון און איז שוין אַזוי געבליבן, גלאַנצנדיק מיט די אַנטבלויזטע ציין.

דאָס האָבן די קלאָגערינס צעעפנט אים דאָס מויל. זיי האָבן אים אָנגעשטופט הינטער די באַקן איבערגעקאָכטן פאָלין, כדי דער ביטע־רער ריח זאָל פאַרשלאָגן דעם בראָנפן.

דער ברודער קאָזמאַ איז נישט געווען אויף דער לוויה. מיט אַ וואָך צוריק האָט מען אים פאַרשיקט קיין סיביר. פאַרשיקט האָט מען אים דערפאַר, ווייל בשעת מען האָט אויפן דייטשן פראָנט גע־שיקט די צווייטע פאַרטיע רעקרוטן, האָט ער אין וואָלף־צעך דורכגע־פירט אַ שטרייק פון די שמירער, געזעלן און וואָלצירער. עס האָט זיך פאַרשפרייט אַ קלאַנג, אַז אינגיכן וועט מען אָנהויבן נעמען די שמעלצער, וועלכע האָבן געאַרבעט אויף לאַנד־שויץ. דער שטרייק האָט אַרומגעכאַפט דעם גאַנצן צעך. ער האָט אַרומגעכאַפט די קליין־סאָר־טיקע און פאַרגרייט־ווערקשטעלן, און האָט געדויערט אַ וואָך צייט. קאָזמאַ איז געווען דער פאָרזיצער פונם שטרייק־קאָמיטעט.

דעם זיידן האָט מען אַרויסגעטראָגן פון דער כאַלופע שוין שפעט אינאָוונט. ביי טאָג זענען די מענער געווען ביי דער אַרבעט, און דעם שווערן אָנגעשוואָלענעם ניקאַנאָרן האָבן די קליינע סאָבאַטשייעווקער ווייבער נישט געקענט אויפהויבן, אַפילו מיט צוועלף הענט. עס האָבן אים אַרויסגעטראָגן דובניאַק, קאָוואַל, הארבוז און דער טאַטע.

פון דער האַלב־איינגעפאַלענער קאָנורע איז אונטערהינקענדיק אַרויסגעגאַנגען פאָלקאַן. דער אַלטער, שוואַכער הונט האָט זיך אומ־דערוואַרט אָפּגעשטעלט, און מיט דער אַמאָליקער יונגער געשווינד־קייט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זיך צעריטשעט. צו דער כאַלופע איז צוגעגאַנגען אַן אָפּטיילונג פּאָליציאַנטן.

די איבערראַשטע מענטשן האָבן שטיל אַראָפּגעלאָזט די טרומנע אויף דער ערד. אַ פּאָליציאַנט האָט פאַרדרייט די וואָנסן און שטרענג אַ פרעג געטון:

— ווער פון אייך איז דער באַלעבאָס?

— איך, — איז דער טאַטע אַרויסגעטרעטן.

— קום אַריין אין שטוב, און איר אויך, — און אַ קוק־טוענדיק קרום און מיט אומצוטרוי אויף דער טרומנע, האָט ער באַפוילן אַ

יונגן פּאָליציאַנט. — גיב אַכטונג, פּיאָדאָרענקאָ, דערנאָך וועלן מיר אַ קוק טון...

ער האָט אַלע אַריינגעטריבן אין דער כאַלופּע אַריין. מען האָט זיי אויסגעטון, רעווידירט. זיך געבאַרבלט אין אויוון, אין בעט.

— און ווו זענען אייער זון קאָזמאַס זאַכן? ווו האָט איר זיי אַוועקגעטראָגן? — האָט דער קאָזאַק געפאָרשט.

— דער זון ווינט שוין פון לאַנג נישט מיט אונז, — האָט דער טאַטע שווער געענטפערט.

דער קאָזאַק איז צוגעגאַנגען צו מיר:

— אָט דאָס בחורל וועט אונז געוויס אַלצדינג דערציילן. אמת, פּעמפּיקל, וואָס בלאָזטו אָן די ליפּן? אַנו, דערצייל אונז, צי האָט דיין ברודער געטראָגן פּאַפּירן ערגעצוווּ? און אפשר האָט ער זיי ערגעץ באַגראָבן?

הארבוז קוקט אויף מיר מיט בריענדיקע אויגן און שווייגט. איך געדענק, אַז ער האָט מיר איינמאָל געגעבן עפּעס אַ פּעקל מיט בלעטלעך, איך האָב זיי אַוועקגעטראָגן אין וואַלד-צעך, צו קאָזמאַן. איך שטויס מיך אָן, אַז מען טאָר וועגן דעם נישט דערציילן און צע־עפן נישט די ליפּן.

דער קאָזאַק גייט אַוועק. אַרומדרייענדיק זיך נאָך אַביסל אין דער כאַלופּע, זענען די קאָזאַקן אַרויס אויפן הויף. דער פּאָליציאַנט באַפעלט צו רעווידירן די טרומנע. די קאָזאַקן פּראַכן, פאַרשטעלן די נעז און קערן איבער דעם פאַרשטיינערטן ניקאַנאָרן.

נישט געפינענדיק גאָרנישט, זענען זיי לויטן באַפעל פונם עלטסטן אַרויף אויף די פערד און אַוועקגאַלאָפּירט אין דעם פינסטערן געסל אַריין. מען באַגלייט זיי שווייגנדיק, מיט געבײַלטע פויסטן.

דער געלער, אָפּגעקראַכענער פּאָלקאַן איז צוגעגאַנגען צו דעם זיידן, וואָס איז געלעגן שווייגנדיק. ער האָט אַרומגעשמעקט זיין באָרד און האָט זיך יאָמערדיק צעוואָיעט.

און הארבוז שטייט אַ פאַרקלערטער, מיטן פוס דאָבטשעט ער די בלאָטע, און צוהערנדיק זיך ווי פּאָלקאַן וואָיעט, רופט ער זיך טרויעריק אָן:

— אָט לעבט דער הונט, וואָיעט... די חיה, אפנים, פאַרמאָגט מער לעבן אין זיך איידער דער מענטש! — און נישט דערוואַרטנדיק זיך אויף קיין ענטפער, גיט ער אַ זאָג אין דער וועלט אַריין: — יאָ—יאָ... אָט אַזאַ איז אונזער לעבן...

*

צוריקקומענדיק פון דער אַרבעט, פלעגט דער טאַטע מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ בלייבן שטיין ביי דער טיר. די פאַרוסינענע צע־ווייקטע הענטשקעס שלעפּן אַראָפּ די הענט ביז צו דער פּאָדלאָגע, אויף דער פּלייצע וואַקסט אויס אַ הויקער, די אויגן, צעטומלטע, זוכן עפּעס.

עס קאָן זיין, אַז אָסטאַפּ זוכט זיין טאָכטער, נאָך וועלכער ער פלעגט מיט שטאָלץ בגנבה נאָכשפּירן אין די אויפדערנאַכטן, בשעת זי האָט צעקעמט אירע האָר. און איצט איז זי נישטאָ, עס איז בלויז געבליבן דאָס זיידענע טיכעלע מיט אומפאַרשעמטער העלקייט. דאָס טיכל באַמבלט זיך אויף אַ ריפּ פון בעט.

אָסטאַפּ זוכט זיין פאָטער, וואָס זיצט ביים לאָמפּ און לייענט די פּסאַלמען, די מוטער ביים שטריקן, די באַנק איז אָבער ליידיק. ער זוכט געלעכטער אויף די לעבנלאָזע ליפּן פון זיינע קינדער. אָבער עס איז נישטאָ. מיר זענען געלעגן אויפן אויוון הונגעריקע. דעם טאַטן איז באַפאַלן אַן אימה. און כדי זיך צו באַפרייען פונם אומעט, פלעגט דער טאַטע אַנטלויפן אין שענק אַריין. אַז הארבוז האָט זיך באַגע־גענט מיטן טאַטן, פלעגט ער זאָגן:

— ווערסט נישט פאַרשיכורן, ווערסט נישט פאַרטויבן דיין אומעט און האַס, אָסטאַפּ גאָלאָד. אַ מאָדנער מענטש ביסטו. וואָס פאַראַ שייכות האָט דאָ דיין כאַלופּע, דאָס זיידענע טיכל, אָדער דאָס בעט? דו זוך די שולדיקע ערגעץ אַנדערשוו. דו שטעל זיך אַוועק אויף דעם הויכן ברעג פון די פוילע רינשטאָקן, גיב אַ געשריי אויף גאַנץ סאָבאַטשייעווקע, פון איין עק ביזן אַנדערן. זאָל מען דיך הערן, רוף צו־נויף אַלע אירע איינוווינער. זאָלן אַרויסגיין די שטאַרקע קוילנהאַקער און די צעקאַליעטשעטע שאַכטיאָרן, די בעטלער און גנבים, די פּראָ־סטיטוטקעס און אַרבעטאָרינס, די מעטאַליסטן און טעסלערס. הויך הויב אויף דיין שווערע, פאַרמאָזאָליעטע האַנט, שטרעק זי אויס צו דער פוילער שאַכטע, צו דעם בעלגישן זאַוואָד, צו די העל-בלויע קוואַרטאַלן פון די פראַנצויזישע אַקציאָנערן און זאָג הויך אויף אַ קול, שטרענג און האַרב: „דאָס האָבן זיי משוגע געמאַכט מיין טאַטן, גע־מאַכט אים פאַר אַ חיה, אַ גנב און אַ שיכור. זיי האָבן דערהרגעט מיין מוטער, מיין ווייב, צוגענומען ביי מיר מיין זון, געמאַכט מיין

טאָכטער פאַר אַ גאַסן-פרוי, אויסגעטרעטן פאַר מיר מיין טאַטנס סטעזש-קע, און מיט אייך וועלן זיי אויך דאָס זעלבע טון. מיר ווילן אָבער לעבן, וואָס פאַרא רעכט האָבן זיי צוצורויבן ביי אונז דאָס לעבן? לאָמיר אויפשטיין, חברים!" זאָג דאָס, אָסטאַפּ.

דער טאַטע פלעגט אָבער אַוועקגיין אין שענק אַריין, ווו ער האָט באַלד מיטאַמאָל באַקומען די פאַלשע טרייסט און פאַרשיכורט זיין גאַנץ פאַרדינסט, פאַרגעסנדיק, אַז ער האָט דריי הונגעריקע קינדער.

מיר זענען געווען אויסגעשטעלט אויף זיך אַליין. קיינער האָט אונז נישט געהאָדעוועט, קיינער האָט אויף אונז נישט רחמנות געהאַט און נישט געצערטלט. דער טאָג פלעגט זיך שטעלן מיט אַ געשלעג. מיטקא, וואָס פלעגט אויפשטיין פריער פון אַלע, האָט שטילערהייט אָנגעטון דעם טאַטנס צעריסענעם שפּענצער און געפּרווּוט אומבאַ-מערקט זיך אַרויסשאַרן פון דער כאַלופּע. אָבער די לאַנגהענטיקע ניורקא האָט אים אַ כאַפּ געטון פאַרן קאָלנער. זי האָט אַליין געוואָלט אַרומדרייען זיך לעבן די קראָמען און אויסבעטלען ביים מאַרק-עולם אַ שטיקל ברויט, אַ קאָפּיקע. דער שפּענצער האָט מבטיח געווען זאַט-קייט. דעריבער טאַקע פלעגט צוליב אים אויסברעכן אַ געשלעג. ביי מיטקאַן אין די הענט זענען געבליבן האַרטע פּאַטלעס האָר פון ניור-קעס קאָפּ, און אירע נעגל זענען געווען רויט פון מיטקאס צעדראַפּע-טע הויט. באַקומען דעם שפּענצער האָט דער, וועמעס איז געווען שטאַרקער. מייסטנטייל האָט געזיגט ניורקא. זי פלעגט אַריינשפּרינגען אין דעם טאַטנס לאַכעס און מיט אַ זעקל אויף די אַקסל אַרויסגיין נאָך רויב.

איך האָב זיי ביידע פיינט געהאַט. איך האָב זיי פיינט געהאַט דערפאַר, ווייל זיי זענען שטאַרקער פון מיר, מיר קיינמאָל נישט געגעבן דעם שפּענצער, מיך געזידלט, גערופן מיט פאַרשיידענע צונע-מעניש, פאַרמסרט מיך פאַר דעם שיכורן טאַטן, און יענער פלעגט מיך שלאָגן.

איך האָב אַליין געמוזט זאָרגן פאַר זיך.

הינטער די פוילע רינשטאָקן איז אויף אַ בערגל געשטאַנען דאָס שעכט-הויז. דער הויף פונם שעכט-הויז איז געווען אַרומגעצוימט מיט אַ הויכן פּאַרקן און צעטיילט אויף באַזונדערע אָפּגעצוימטע טיילן. דאָרט האָט מען געהאָדעוועט קעלבלעך, חזירים און עופות צו דער שחיטה. אָנגעטראָפן האָב איך אויף אַ שטאַל מיט גענז. אינמיטן האָט

זיך געצויגן אַ שמאָלינקע קאָרעטע, וווהין די אָנטרייבער פלעגן אָנ־שיטן געפּרעסטע יאָדערן. איך האָב זיך צוגעשאַרט צו דער קאָרעטע און מיט זשעדנעקייט אַ כאַפּ געטון די שטעכיקע קאַשע. די געננז האָבן זיך אַ וואָרף געטון אויף מיר און פּיקן מיך מיט די האַרטע, ביי־סערדיקע שנאָבלען. איך האָב אָבער שוין באַוויזן, ווי נישט איז אַריינ־צוכאַפּן אַביסל יאָדערן און געקאָנט ליידן ביזן מאָרגנדיקן טאָג. אויף קיין אַנדערע ערטער בין איך נישט געגאַנגען: איך וואָלט דערפרוירן געוואָרן. צום שעכט־הויז בין איך יאָ צוגעלאָפן, כאָטש איך בין גע־ווען נאַקעט און באָרוועס.

מיטקא האָט מיך מער נישט געוואָלט אַריינלאָזן אין דער כאַ־לופּע ביז איך וועל אים נישט באַלוינען. דעמאָלט האָב איך אים אָנגעהויבן ברענגען געפּרעסטע יאָדערן. דערזען, אַז עס לוינט, האָט ער אויך אָנגעהויבן פּאָדערן געצאָלטס ביי ניורקאן. דעמאָלט האָבן מיר זיך ביידע צונויפגערעדט קעגן אים. מיר האָבן זיך געטיילט מיטן שפּענצער לויט דער ריי נאָך, און מיטקא האָט געהונגערט.

דער טאַטע פלעגט קיינמאָל נישט ברענגען קיין בראָקן ברויט, נישט קיין קאָפּיקע אַפילו, פאַרקערט, מיר פלעגן אים נאָך גאַנץ אָפט געבן. האָט ער מיט חניפה געבעטן:

— ניורקא, איז אפשר דאָ אַ שטיקל ברויט?

ניורקא איז נישט געווען קיין זשעדנע, זי האָט כמעט שטענדיק געהאַט אַ שטיקל ברויט. זי האָט פון זעקל אַרויסגענומען אַ שטיקל ברויט און געגעבן דעם טאַטן.

איינמאָל האָב איך אין שעכט־הויז באַקומען אַ גרויס שטיק פלייש. מיר האָבן דאָס אָפּגעשווענקט אויפן דנאָ פון די פוילע רינ־שטאָקן, צעשניטן דאָס אויף שטיקלעך און עס אָפּגעקאָכט.

די גוטינקע ניורקא האָט פאָרגעלעגט:

— סאַנקא, נעם, טראָג אַוועק דעם טאַטן אין אייזן־הוטע.

איך האָב אָנגעטון דעם שפּענצער און בין אַוועקגעגאַנגען צום טאַטן.

אָט אַזוי ווי היינט, זע איך אים אַ הויכן, אַ ברייטפּלייציקן, האָט גענומען אַ לאַנגן גראָבאייזן, אַ רוף געטון די אַרבעטער און זיי האָבן מיט צוועלף הענט אָנגעהויבן דורכקלאַפּן דעם „פאַרשטעקער“, כדי צו שאַפן אַ דורכגאַנג פאַרן טשוהון.

פריער פלעגט דער טאַטע עס מאַכן איינער אַליין. ער געפּט

דעם גראָבאײַזן אינדערמיט, בויגט זיך איין, גלייך ווי ער וויל אַ שפּרונג טון, ציט אָן ווי אַ גראָבן שטריק דעם האַלז, פאַרוואַרפט דעם גאַנצן קערפּער אויף צוריק, און נאָכדעם גיט ער זיך מיט דער ברוסט צוזאַמען מיטן גראָבאײַזן אַ וואָרף פאָרויס.

די אינזשיניערן מיט די ווייבער פלעגן קומען זען, ווי דער שמעלצער אָסטאַפּ מאַכט עס איינער אַליין, אָנשטאָט צוועלף הענט. דער מייסטער האָט אים געגעבן אַן הוספה דריי רובל אַ חודש און אים צוגעזאָגט נאָך.

אָבער דאָס איז געווען אַמאָל, ווען דער טאַטע איז נישט געווען קיין איינגייער אין סאָבאַטשייעווקער שענק. איצט האָט ער געפּטרט זיין קראַפט. ער האָט אַ פּאָך געטון מיט דעם גראָבאײַזן, און פאַר זיינע אויגן האָבן זיך אַ וויג געטון די שמעלץ-אויוונס, דער הימל האָט זיך פאַרנעפּלט. אָסטאַפּן האָט זיך פאַרוואָלט זיצן אַביסעלע, אָפּכאַפּן דעם אָטעם, בייקומען די שיכּרות. מען טאָר אָבער נישט: מען דאַרף אַרבעטן. און ער האָט מיד, מעכאַניש באַוועגט די הענט, פאַרמאַכט די אויגן, כּדי נישט אומצופאַלן פון קאָפּדרייעניש.

אויך ביי די איבעריקע אַרבעטער האָט דער גראָבאײַזן בלויז אָפּגעראַצט דאָס אָפּגעברענטע לייס פון דעם פאַרשטעקער, אָבער זיי האָבן אים נישט דורכגעזעצט. די צוועלף הענט האָבן זיך באַוועגט באַזונדער, אָפּגעריסן איינער פונעם אַנדערן, פאַרקלענערנדיק דערמיט די קראַפט פונעם קלאַפּ.

בוטילאָטשקין, וואָס איז פאַר די זאַטע יאָרן דיק געוואָרן (ער איז שוין איצט אַ מייסטער), האָט זיך געקאָכט, צונטער-בלויע פלעקן האָבן באַדעקט זיינע באַקן. דאָס געשמעלץ איז שוין לאַנג פאַרטיק, מען טאָר נישט וואַרטן קיין איבעריקע רגע. ער איז צוגעשפּרונגען צום שמעלץ-אויוון און זיך צעשריען:

— וואָס טוט זיך דאָס מיט אייך, טייערינקע, איר זענט אַהער געקומען שלאָפן ביים שמעלץ-אויוון? און דו, וואָס קוקסטו? — האָט ער זיך אַרויסגעוואָרפן אויף אָסטאַפּן, — נעם און שלאָג דורך איי־נער אַליין!

דער טאַטע האָט אַ לעק געטון מיט דער צונג די טרוקענע, צעפּלאַצטע ליפּן: עס ווילט זיך טרינקען און שלאָפן. און דאָ שרייט אויף אים דער מייסטער. אָסטאַפּ קוקט טעמפּ איבער בוטילאָטשקינס קאָפּ און טראַכט וועגן עפּעס. אפשר האָט ער זיך דערמאָנט אין סטעפּ

אין אַזאָוועך קאַנט, ווו ער האָט פאַרבראַכט זיין יוגנט, אפשר האָט ער זיך דערמאָנט אין יענע מינוטן, ווען ער איז געלעגן אויפן רוקן אינם הויכן גראָז, צוגעפלעגט די האַנט אין אַ רערעלע און דורך דעם געקוקט אויף דעם ווייס-היציקן הימל, זוכנדיק זיין שטערנדל. דער אַלטער פאַסטוך באַקאַריי האָט אים דערציילט, אַז אויב מען געפינט בייטאָג דאָס דאָזיקע שטערנדל, קאָן מען לויט דעם זיך דערוויסן דאָס גאַנצע לעבן. און איצט איז שוין אינגאַנצן איבעריק דאָס צו דערקענען. פינף און פערציק יאָר האָט ער שוין אָפּגעלעבט, מען דאַרף נאָך לעבן, און עס גלוסט זיך נישט צו לעבן.

אָסטאַפּ זענען באַפאַלן אַנגסטן. ער האָט זיך אַזש געוואָלט צעוויינען, נאָר ער האָט זיך געשעמט פאַר מענטשן. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפן זאַמד און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. און דער מייסטער האָט זיך צעריטשעט, אים אָנגעכאַפּט ביי דער ברוסט און, באַמיענדיק זיך אים אויפצוהויבן, האָט ער מיט כעס אים אַ שטויס געטון און זיך געמיין אויסגעזידלט.

אָסטאַפּ האָט דערזען דעם מייסטערס פאַרשוווּמענע אויגן, זיין קורץ נעזל, די ליפּן, וואָס הענגען אַראָפּ אויף דער גאָמבע, דעם שאַרבן, און האָט זיך מיטאַמאָל דערמאָנט, ווי אַזוי דער דאָזיקער מענטש האָט אים צענדליקער יאָרן באַוועלט.

אָסטאַפּ פלעגט קויפן זיינע אַוואַנסירונגען. חוץ דעם פלעגט בוטילאָטשקין קומען אויף טויף-שמחות, אויף אַלע ימים-טובים, און אַז אָסטאַפּ פלעגט פאַרגעסן אים איינצולאַדן, האָט אים דער אויפזעער זייער העפלעך דערמאָנט אין דעם. און אָט אַזוי פלעגט אַוועקגיין אַ פערטל פאַרדינסט אויף צו פאַרגיטיקן דעם מייסטער. אָסטאַפּ פלעגט זיך מאַכן פאַרגעסן אים צו צאָלן, אָבער בוטילאָטשקין האָט אים דערפאַר אַזוי צוגעדריקט, אַז ער האָט זיך געמוזט דערמאָנען. דאָס האָט דאָך ער, בוטילאָטשקין, און נישט די אייזן-הוטע, אויסגעזויגן די מוסקולן, פאַרטונקלט די אויגן, אויסגעהוילט דאָס האַרץ אָסטאַפּס.

צום האַרצן איז צוגעטראָטן דער האַס, עס האָבן גענומען רעדן אויף אַ קול די אַלע עוולות, ער האָט אויפגעהויבן זיין פויסט אויף דעם באַלעבאָס משרתס קאָפּ, אים אַ זעץ געטון אין די פאַרשוווּמענע אויגן און אים אומגעוואָרפן אויפן זאַמד.

האַרבוז, וואָס האָט געאַרבעט אין דער שכנותדיקער הוטע, האָט אַ רוף געטון די חברים. די שמעלצער האָבן אַ כאַפּ געטון דעם

דיקן מייסטער, אים אַ וואָרף געטון אין זאַמד און אים אָפּגעלאָזט, ווען ער האָט שוין אויפגעהערט בעטן, מען זאָל אויף אים רחמנות האָבן.

דערנאָך האָט זיי האַרבוז צוועקגעפירט אין קאַנטאָר אַריין. זיי האָבן געפּאַקט דעם אינזשיניער, אים באַשאָטן מיט זעגעכץ, און אויף אַ האַנטוועגעלע דורכגעפירט איבערן גאַנצן זאַוואָד צו דעם אָפּפאַל-באַרג.

אַ טייל אַרבעטער האָבן זיך דערשראָקן, טאָמער וועט מען זיך מיט זיי אָפּרעכענען, און אַליין געגומען דורכשלאָגן דעם פאַרשטעקער.

... דאָס לייִם איז רויז געוואָרן, זיך אין איייניקע ערטער צעבליט מיט מאָן-בלעטלעך, און זיך פּלוצים דורכגעריסן מיט פייער.

אַז די שטרייקער האָבן דערזען דעם פאַרראַט, האָבן זיי זיך אַ לאָז געטון צו די שמעלץ-אויוונס, אַרויסגעריסן די גראָבאייזנס, די לאָפּאַטעס, אַ תּל געמאַכט פון די גראָבנס, פון די קאַנאַלן. דער טשוהון האָט זיך אַ גאָס געטון אויף דער פייכטער ערד, אַ זעץ געטון מיט אויפרייסן, פאַרזייענדיק טויט.

איך האָב געזען, ווי ראַטעווענדיק זיך, אַנטלויפט דער טאַטע, כאַפּנדיק זיך פאַר די אויגן.

איך האָב צאַהיימגעטראָגן דאָס פלייש, אַ פאַרקילטס און נישט געריכטס.

*

אויפן דעק פון די פוילע רינשטאָקן, צווישן דער שטעכעדיקער באַרשט פון פאַראיאָריקע בודיקעס, פון דער קלעפּיקער פאַרשטונקענער ערד האָט זיך דורכגעריסן אַ בלוי שניי-בלימל.

איך פלעג אַלעמאָל קומען צום בלימעלע, זיך שטעלן אויף די קני, און קורצזיכטיק געקוקט אויף די שטערנדיקע בלעטעלעך, זיך פאָרזיכטיק איבערגעבויגן איבערן בעז-בלויען קעפּעלע און געוואָלט כאַפּן דעם ריח פון דעם.

דורכזיכטיק, אין אַ שפּינוועבס פאָדעם, ציט זיך דאָס שטענגעלע, ציטערנדיק צו דער זון. איך זע אויף דעם שטאַם אָפּגעצערטע דינענקע צווייגעלעך. דאָס שניי-בלימעלעך חלשט לעבן, אָבער די בודיקעס לאָזן נישט. די מוטנע וואַסער, וואָס לויפן אויפן דעק פון די פוילע רינשטאָקן, שווענקען אונטער די שוואַכע וואָרצלען. מענטשן באַגיסן דאָס מיט שמוציק וואַסער.

איך לעג אַרום די נאַקעטע וואָרצלען מיט שוואַרצער קערנדי־קער ערד, רייס אַרויס די בודיקעס, פאַרצוים דאָס בלימעלע מיט אַ שטיינערנער הרעבליע פון דעם געל־שוימיקן שטראָם, און פריי זיך, וואָס עס קומט צו זיך, וואָס עס צעבליט זיך.

אָט דאָס דאָזיקע בלימעלע, וואָס איז ענלעך צו ווארקאן, איז איצט מיין איינציקער פריינט און חבר.

דער טאַטע איז דעמאָלט נישט דערהרגעט געוואָרן אין דער אייזן־הוטע. די טשוהון פונקען האָבן אים אויסגעברענט אַן אויג. גיין גייט ער איצט מיט אַ זייט, בויגט אַראָפּ דעם קאָפּ צו די אַראָפּגעהאָנגענע אַקסלען, ווי ער וואָלט זיך צו עפּעס צוגעהערט. ער האָט אויף שטענדיק פאַרמאַכט מיט די דורכגעבראָטענע אויגן־דעקלעך דאָס צעקאַליע־טשעטע שוואַרצאַפּל און האָט זיך פאַרזשמורעט. ער בריהט זיך ברייטער אויפצומאַכן דאָס געזונטע אויג, ווי ער וואָלט אַלעמען געוואָלט איבערצייגן, אַז ער זעט זייער גוט.

דער שטרייק האָט זיך פאַרענדיקט אָן דערפאָלג. דעם טאַטן מיט הארבוזן האָט די פאָליצֵיי פאַרנומען. אָבער די אַרבעטער האָבן זיך נישט געוואָלט שטעלן צו דער אַרבעט, ביז מען וועט נישט באַפרייען די אַרעסטירטע און זיי צוריקנעמען צו דער אַרבעט.

מען האָט געשטרייקט דריי וואָכן. און דעמאָלט האָבן די באַלע־באַטים אָפּגעטון אַ שפּיצל. הארבוזן און דעם טאַטן האָט מען באַפרייט און צוריקגענומען אויפן זאַוואָד. אָבער ווי נאָר דער זאַוואָד האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן, האָט מען זיי אַרויסגעוואָרפן אויפן ברוק.

אומזיסט האָט זיך הארבוז געפּרוווט ווידער אויפצוהייבן די מאַסע. די מענטשן זענען געווען אויסגעהונגערט, פאַרמאַטערט און נישט געוואָלט איינגיין אויף אַ נייעם שטרייק.

איינמאָל איז הארבוז אַריינגעקומען צו אונז אַ נעבעכדיקער און אַ דערשלאָגענער, איינגאַנצן ענלעך צו אַ בעטלער. ער האָט עפּעס דערציילט דעם טאַטן וועגן אַרעסטן אין דער אָרגאַניזאַציע, און גלייכגילטיק פאַרענדיקט:

— איינגיכן וועט מען אונז אויך פאַרנעמען.

ראַפּטום האָט ער זיך אויפגעהויבן, אַ וואָרף געטון אויפן טיש געלט, און אַ געשריי געטון:

— ברענג, סאַנקא, אויף צו דערוואַרעמען זיך, עס ברענט!...

איך האָב קיינמאָל נישט געזען הארבוזן טרינקען בראָנפן. אויך איצט האָט ער געטרונקען שלעכט. געדריקט זיין גרויסן קאָפּ מיט די דלאָניעס און, קוים שאָקלענדיק זיך, געטענהט:

— אַן אויסוועג, אַן אויסוועג דאַרף מען, און וואָס גיכער.

ער האָט מיך צוגערופן צו זיך, מיך צונויפגעדריקט צווישן די קני און, קלאַפּנדיק אין מיינע ציין מיט דער געקאַרבטער גלאָז, מיך צוגערעדט:

— טרינק, סאַנקא, אַלציינס, וועסט סיי-ווי אומקומען, די מנוולים וועלן נישט דערלאָזן, זאָלסט אויסוואַקסן. מיין גאָר נישט, אַז איך בין, הייסט עס, שוין איינגאַנצן... מאָרגן וועל איך ווידער גיין מיט ניכ-טערע פיס. נו, טרינק...

דער טאַטע האָט זיך געשאָקלטביים טיש און געמורמלט:

— מיקאָלאַ ניקאָלאַיעוויטש, דו הויקער דו, איך וועל זיך נע-מען, איך וועל זיך נאָך נעמען צו דיר, איך וועל דיך דערמאָנען מיין גאַנץ לעבן...

עס האָט זיך אים געדוכט, אַז אין אַלעמען איז שולדיק דער מייסטער מיט די מייזל-אייגעלעך.

איך געדענק דעם טאַטנס לעצטן טאָג. ער איז געקומען אַהיים, געבליבן שטיין ביי דער טיר, און זיך נישט אויסגעטון. ער האָט אַראָפּגענומען דאָס היטעלע און דאָס געטראָגן פאַר זיך, אַזוי ווי מען טראָגט אַ ליכט, בשעת מען האָט מורא, עס זאָל נישט פאַרלאָשן ווערן. ער האָט זיך צוגעזעצט אויף דער באַנק, און אויסגעשטרעקט צו אונז די האַנט, ווי ער זאָל בעטן אַ נדבה.

איך האָב זיך באַהאַלטן הינטער ניורקאַן. איך האָב מורא געהאַט פאַר דעם דאָזיקן געזיכט, פאַר דעם דאָזיקן אימהדיקן גרויסן אויג, פאַר די אויסגעקרומטע ליפּן און די דורכגעבראָטענע קנייטשן.

דער טאַטע האָט דערפילט אונזער שרעק פאַר זיין פאַרקריפּלט-שרעקלעכן אויסזען. אַ מינוט איז ער נאָך געזעסן אַ צעקראָכענער, ענלעך צו אַ געהאָנגענעם, וואָס מען האָט אַראָפּגענומען פון שטריק. נאָכדעם איז ער אויפגעשפּרונגען, פאַרשטעלנדיק מיטן אַרבל דאָס זעענדיקע אויג, און איז אַרויסגעלאָפן.

און אינדערפרי איז צו אונז געקומען צולויפן הארבוז און שטיל געזאָגט:

— איר וואָלט געדאַרפט גיין אַ קוק טון אויפן טאַטן דאָס לעצטע מאָל...

איך האָב אים דערזען אויף דער גלעזערנער וועראַנדע פון דעם דיקן מייסטער, אַהערצו האָט דעם טאַטן אַראָפּגעבראַכט דער האַס. דער פּאָרזיכטיקער מייסטער האָט אָבער אים איבערגעהאַקט. ער האָט אָסטאַפּן אַוועקגעלעגט אַ טויטן אויף דעם פּליושענעם טעפּיך.

דער טאַטע איז געלעגן אויף דעם ברייטן רוקן, האַלטנדיק אין דער האַנט אַ שאַרף־שפּיציקן גראָבאײַזן. דאָס גאַנץ־געבליבענע אויג איז פאַרמאַכט, און ביי דעם בלינדן איז הויך אויפגעעפנט דאָס אויגן־דעקל, אַנטבלויזנדיק דאָס מוטנע פאַרגליווערטע שוואַרצאַפּל.

נאָכן טאַטנס טויט האָט זיך אונזער לעבן נישט געענדערט. מיר זענען נישט אַרויסגעגאַנגען פון דער כאַלופּע. צומאָל פלעגן די גוט־האַרציקע פרויען פון די פוילע רינשטאָקן אונז אַריינברענגען בריקעוו. טאָג און נאַכט זענען מיר געזעסן אין דעם ברייטן רוסישן אויוון, ווו די מאַמע האָט אַמאָל געבאַקן ברויט, געקאָכט באָרשטש און אויס־געפּאַרעט די לייז.

דאָס יאָר איז דער ווינטער געווען אַ שנייאיקער און אַן הכנעה־דיק לייכטער. דאָס וואַסער פונם צעלאָזטן שניי האָט פאַרפולט דעם שמאָלן דנאָ פון די פוילע רינשטאָקן, זיך הויך אויפגעהויבן און דער־גרייכט דעם ברעג, ווו עס איז געשטאַנען אונזער כאַלופּע.

די סאָבאַטשייעווקער ערד איז געוואָרן אָנגעפּוישט פון פייכט־קייט. פון דער כאַלופּעס ווענט האָבן זיך אָנגעהויבן שיטן גאַנצע שטיקער. אין ווינקל האָט זיך באַוויזן ווייסער מעך, וואָס איז געווען ענלעך צו גומי. מיר פלעגן אים צונויפקייקלען אין קיילעכלעך און קייען, כדי צו פאַרטרייבן דעם הונגער־איבל.

מיטקא און ניורקא ליגן אינם אויוון, און אויסציענדיק די בלוי־געוואָרענע קני צו די אָנגעבלעזלטע גאָמבעס, שוידערן זיי אויף פונם שטאַרקן הוסטן, וואָס רייסט אָפּ גאַנצע שטיקער סאַזשע. זיי ליגן שוין עטלעכע טעג, נישט אויפהייבנדיק זיך, און בעטן מיך, איך זאָל זיי כאָטש אַביסל אָנוואַרעמען. איך ליג צווישן זייביידן, און מיר איז הייס, און זיי בעטן זיך אַלץ, איך זאָל זיי וואַרעמען, אַפילו אין היץ.

גאַנץ פרי כאַפּ איך זיך אויף פון קעלט. אויף מיין פלייצע ליגט אייזן, וואָס מען האָט ערשט נאָר וואָס אַריינגעבראַכט פונם פראָסטיקן דרויסן. איך דערקען די שטיל־געוואָרענע ניורקאַן. אין דער אַנדערער

זייט ליגט מיטקא. ער האָט נאָך וואַרעמע אויערן, אָבער אויף די פונאַנדערגעשפּרייטע הענט הענגען אייז־צעפּלעך ווי נעגל.

עס באַפאַלט מיך אַ שרעק פון דער נישט געוויינלעכער שטיל־קייט. איך וויל אַרויסשפּרינגען פונם אויוון, אָבער איך קען בשום־אופן נישט טרעפן צו דער פינסטערער און שמאָלער עפענונג. עס לאָזן נישט די ווענט און מיטקאס און ניורקאס אויסגעשטרעקטע הענט און פיס.

איך שריי, אָבער די נידעריקע און גראָבע געוועלבן פאַרשלינגען מיין געשריי. איך קלאַפּ מיטן קאָפּ אין די ציגל, אָבער זיי גיבן זיך נישט אונטער. איך ווער אַנטשוויגן, און די שטילקייט נעמט מיך אומבאַמערקט אַרונטער אונטער אירע פליגל.

אַז איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, האָב איך דערשפּירט דעם ריח פונם שעכט־הויז. איך האָב אויפגעעפנט די אויגן און דערזען גרויע ליייוונט. איך האָב זי אַראָפּגעוואָרפן פון זיך און זיך אויפגעהויבן.

איך ליג אויף דעם פּאָליציי־קעטשל, אויף וועלכן מען פירט מתים, איינאיינעם מיטן ברודערל און שוועסטערל. אַרום דעם — דער מאַרק־עולם.

מענטשן מיינען, אַז מען קען אויך אויפהויבן ניורקאן מיט מיט־קאן. זיי האָבן אָבער הילצערנע קערפּערס, און שוואַרצע פלעקן האָבן זיך געלעגט אויף די איינגעפאַלענע באַקן. דאָס קעטשל האָט אָנגעהויבן קלאַפּן, און מיך האָט מען צוריק אַריינגעפירט אין דער כאַלופּע אַריין. עמעצער האָט מיר געגעבן הייסע מילך, און מיך איינגעהילט אין דער קאָלדרע.

מיר ווערט אומהיימלעך, שרעקלעך פון דער רחבותדיקייט פון דער כאַלופּע. זייער ווייט איז דער באַלקן, אַ מהלך־ווייט — די ווענט און איך בין אַ קלייניקער.

איך אַנטלויף פון דער כאַלופּע, איך לויף, און ווייס אַליין נישט וווּהין. איך גיי דורך סאָבאַטשייעווקע, פאַרביי אַגאַנעסאָווס נאַכט־הויז, מיטן ברעג פון די פוילע רינשטאָקן, און זע ווידער דאָס זעלביקע שניי־בלימעלע.

זיין צעבראָכן שטאַמל איז געפאַלן אויף דער פאַרמיסטיקטער ערד. אָבער דאָס בלימל וויל נישט פאַרמאַכן די שווערנדיקע בלעט־לעך. זיי ציען זיך צום לעבן, זיי ווילן לעבן.

קאַפּיטל אַכט

„די מומע דוראַ"*) איז אַ נידעריטשקע און אַ דיקע. זי איז ענלעך צו אַ יאַטקע-קלאָץ. אויפן בויך האָט זי אַ הויקער. סאָבאַטשייעווקע שמועסט, אַז דאָס איז ביי איר פון פעטקייט, און אונזערע מאַרק-זיצערינס, די נישט פאַרגינערינס, פאַרזיכערן, אַז ביי דער מומע דורא אין בויך האַלטן זיך אויף פרעש.

געהייסן האָט זי דאָראַ אַלעקסאַנדראָוונא, אָבער בשעת זי האָט אָנגענומען דעם גלויבן און די זיטן פונם מאַרק, האָט מען זי אַ נאָמען געגעבן „מומע דורא-פראָש".

די מומע האַנדלט מיט פירעזשקעס אין מאַרק. זי שטייט אויפן סאַמע באַלעבטן ראָג, צווישן די פישערס און שפּייז-קרעמלעך. אויף די רונדע פעסלדיקע פלייצעס טראָגט זי אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר אַ טוכענע שאַל. אויף דעם הויקערדיקן בויך טראָגט זי אַן אייזערן וואַרעם-קעסטעלע. די מומע זשמורעט די אויגן, בלאָזט זיך, אָטעמט איין די לופט, זעצט זיך עטוואָס אַראָפּ אויף אירע קלעצער-פיס, און צעיאַכמערט זיך אויפן גאַנצן מאַרק:

— פירעזשקעס, פירעזשקעס, אויף פוטער געפּרעגלט, מיט האָניק פאַרזיסט...

זי האָט מיך געפּאַקט אויף די פוילע-רינשטאָקן, געבראַכט צו זיך אין כאַלופּע אַריין, וואָס איז געשטאַנען אין סאַמע עק סאָבאַטשייעווקע, און געזאָגט:

— הייסט עס, אַז דו וועסט זיין מיין פלימעניק. איך בין אויך אַ שטיקל יתומה.

זי האָט מיר געוויזן אַן אָפּגעריבענע פאָטאָגראַפיע פון אַ גאַנץ געזינדל קינדער. זי האָט זיך צעכליפּעט:

— אַלע זענען אויסגעשטאָרבן, נאָר איך איינע בין געבליבן, ווי אַ גרעזל אין פעלד.

זי האָט צעשמירט די טרערן מיט דער פאַרשמאַלצעוועטער שאַל און שטרענג צוגעגעבן:

— רופן זאָלסטו מיך דאָרא אַלעקסאַנדראָוונא.

זי האָט מיך אָנגעהויבן לערנען, ווי אַזוי אויסצוזוינגען די פירעזשקעס. עס האָט זיך אָבער ביי מיר גאָרנישט באַקומען, איך

*) נאַר, גלאָמפּ.

קוויטשע, בלאָז זיך אָן, פאַרמאַך, לויט איר עצה, די אויגן — אַרויס-געוואָרפן די טרחה. איך שטיי אין מיטן דער כאַלופּע מיט אַ פאַר-ריסענעם קאָפּ, און וואָיע, נישט טראַכטנדיק נישט וועגן דער „מומע דורא", נישט וועגן די פּירעזשקעס. איך קאָן נישט טראַכטן. מיר ווילט זיך גאָרנישט, מיר טוט גאָרנישט באַנג. מיר דוכט זיך, אַז דאָס גאַנצע לעבן בין איך איינער אַליין. איך האָב קיינמאָל נישט געהאַט נישט קיין טאַטן, נישט קיין מאַמען, נישט קיין שוועסטער, נישט קיין ברידער. איך קאָן נישט לויפן, איך קאָן נישט לאַכן, איך האָב פאַרגעסן, ווי אַזוי מען וויינט.

די מומע איז אין כעס, און דאָך נעמט זי מיך מיט אויפן מאַרק. דאָרט פּרוווט זי מיך לערנען אויף אַן אַנדער אופן. הויבט אַליין אָן אויסצוזינגען און נאָכדעם גיט זי מיר אַ טאָרע:

— כאַפּ אונטער.

מיר רייסן די העלזער אין צווייען.

פּלוצים ווערט זי אַנטשוויגן, און איך שריי שוין איינער אַליין.

עס קלייבט זיך צונויף אַן עולם, מען חוזקט אָפּ פון איר, און מען קויפט דאָך גערן די פּירעזשקעס. די מומע איז צופרידן.

אינגיכן האָב איך שוין איינער אַליין אָנגעהויבן אַרויסצוגיין מיט דעם בלעכענעם קעסטעלע אין מאַרק אַריין, און דאָרא אַלעקסאַנדראָוו-נא האָט אינדערהיים צוגעגרייט די פּראָדוקציע.

אָבער דער האַנדל איז געגאַנגען זייער שלעכט. איך האָב צו-ריקגעבראַכט די נישט-פאַרקויפטע פּירעזשקעס. די קונים האָבן מורא-געהאַט און זיך געמיאוסט פון מיינע קרעציקע הענט, געלע אויגן, דאַרקייט, און מאָרדע מיט פּרישטשעס.

ווי נאָר די מומע האָט זיך דערוווסט די סיבה דערפון, האָט זי דערשראָקן און מיט תחנונים אַ זאָג געטון:

— דו וועסט מיר קאַליע מאַכן מיין גאַנצע קאָמערציע... האַלסט ביים שטאַרבן, טרייב מיך נישט אַריין אין איבעריקע הוצאות מיט דער לוויה, קעצעלע, איך בין אַן אָרעמע אַלמנה, געפין דיר עמעצן אַנדערש, אַ רייכערן.

זי האָט מיר דערלאַנגט עטלעכע קאַלטע פּירעזשקעס און מיך אַרויסגעשטופּט פון דער טיר.

איך בין געשטאַנען אַ באַוואַשענער מיט רעגן-טרערן. אונטער די פיס צעקריכט די ערד. איך האָב נישט וווהין צוגיין. איך האָב

זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ שטיין, אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ צווישן די קני און פאַרגליווערט געוואָרן. איך הויב אויף דעם קאָפּ. איך זע דער מומעס הויקער און הער:

— וואָס-זשע זיצסטו?

איך קוק אויף די פּראָש-ליפּן און ענטפער:

— דאָרא אַלעקסאַנדראָוונא, אַז איך וועל האַלטן ביים שטאַרבן, וועל איך אייך זאָגן, און אַליין אַוועקגיין.

זי האָט אַוועקגעשטעלט דאָס קעסטל, זיך אָנגעהויבן שאָקלען און צעטומלט קלאָגן:

— אוי, גאָטעניו, וואָס-זשע זאָל איך מיט דיר טון?

זי האָט מיך ווידער אַריינגעלאָזט צו זיך אין כאַלופּע אַריין.

ביינאַכט קלייב איך אויף באַהייצונג און ביטאָג האָב איך געהייצט דעם אויוון מיט הובלענקעס, מיט מיסט און קאָקס און איבערגעקערט אויף דער אַנדערער זייט די צוגעברוינטע פּירעזשקעס, וואָס די מומע האָט געמאַכט אויפן לאַנגן טיש.

דאָרא אַלעקסאַנדראָוונא האָט אַ שלעכטן זכרון: אָפטמאָל פאַרגעסט זי מיר צו געבן עסן. איך האָב געמוזט אַליין זאָרגן וועגן דעם. אַז זי פלעגט זיין שטאַרק פאַרטון אין איר אַרבעט, פלעג איך אַ כאַפּ טון פון בעקן אַ הייסע פּירעזשקע, וואָס האָט זיך געפּרעגלט אין בוימל, און בגניבה, שטיקלעכווייז זיך וואַרגן מיט טעג. אָט אַזוי האָב איך געלעבט. די „מומע דורא״ איז צופרידן. בלויז פון צייט-צו-צייט קוקט זי זיך צו צו מיר, און איך זע אין אירע אויגן שרעק און באַגער צו וויסן, צי איך וועל נאָך לאַנג לעבן.

דעמאָלט שעפּטשע איך בלויז מיט די ליפּן:

— פּראָש... פּראָש... פּראָש.

זי שטויסט זיך אָן און פאַרגיטיקט מיך מיט הייסע, דורכגעפּרעגלטע פּירעשקעס.

*

פאַר די פוילע רינשטאָקן איז געקומען אַ טאָג, אַ וווּנדערלעכער טאָג. שוין אַ פערטל יאָר-הונדערט לעבט סאָבאַטשייעווקע, און אַזאַ טאָג האָט זי נאָך נישט געזען.

ס'איז שוין אינגאַנצן ליכטיק געוואָרן, און די מומע שלעפט מיך נאָך נישט אַראָפּ פונם געלעגער, און אַליין אַרבעט זי אויך נישט. זי האָט אָנגעטון דאָס יומטובדיקע קלייד, זיך לאַנג-לאַנג געוואַשן מיט

שמעקעדיקער זייף, זיך באַפּוצט פאַרן אָפּגעריבענעם שפּיגעלע, און ערשט העט־שפּעטער צוגעגאַנגען צו מיר, אַ צאַרטע און אַ גוטע:

— סאַניא, אַ סאַניא, שטיי אויף!

איך דריק פעסט צו די אויגנדעקלעך, ריר נישט מיט קיין אבר און טראַכט זיך: „וואָס איז דאָס היינט פאַר אַ יום־טוב?" און די מומע לאָזט מיך נישט אָפּ:

— סאניא, שטיי אויף, אַנישט וועסטו פאַרשלאָפן דיין גאַנצע פרייד, דיין ברודער קאָזמאַ האָט זיך אויף דער סלאָבאָדקע באַוויזן.

דער ברודער קאָזמאַ? דאָס איז דער, וואָס האָט שטענדיק פון דער אַרבעט געבראַכט אַ שטיקל ברויט, און ביים באַקומען די שכירות— אויך לאַנגע צוקערקעס.

ער איז דאָך אָבער שפּורלאָז פאַרפאַלן געוואָרן. איך פאַרמאַך ווידער די אויגן און פריי זיך, וואָס די „מומע דוראַ" האָט צו מיר עפּעס אַ געשריי געטון, אַ קלאַפּ געטון מיט דער טיר און איז אַוועקגעגאַנגען.

איך גלויב נישט, אַז מען קאָן זיך, עגדלעך, אַמאָל אויסשלאָפן וויפל דאָס האַרץ גלוסט. איך וויל אַנטשלאָפן ווערן, און דער שלאָף נעמט מיך נישט. איך פאַרגעס זיך, און דערפיל אויפן שטערן אַ וואַ־רעמע האַנט.

עס דוכט זיך מיר, אַז די באָבעשי זינגט מיר וווּנדערלעכע לידער. איך כאַפּ זיך אויף און זע: עס שטייט לעבן מיר אַ פרעמדער מאַנספּאַרשוין און לאַכט. נישט דערוואַרטנדיק זיך, ביז איך וועל מיך אויפהויבן פונם שטרוי־זאַק, נעמט ער מיך אַרום און קיצלט מיר שרעק־לעך מיט זיין שטעכיקער באָרד. קאָזמאַ דריקט מיך צו צום האַרצן, און גייט אַרויס פון דער כאַלופּע. ער איילט זיך. גאַנץ סאָבאַטשייעווי־קע איילט זיך אויך. אַלע זענען אַרויס אויף דער גאַס, אויספּוצנדיק זיך אין סאַמע בעסטן און שענסטן, וואָס מען האָט אַרויסגענומען פון די קאַסטנס, און מען פלעגט בלויז אָנטון אין די גרויסע ימים־טובים.

וואָס־זשע איז דאָס היינט פאַר אַ יום־טוב? פאַרוואָס־זשע איז היינט סאָבאַטשייעווקע נישט שיכּור, זידלט זיך נישט, ממיתט זיך נישט ביזן בלוט, און פאַרוואָס גייען זיך נישט צונויף אויף מעסער־שטעך, די קוילנגרעבער מיט די מעטאַליסטן?

— רעוואָלוציע!

— רוסלאַנד איז אָן אַ קייסער!

— אַט וועט זיך אָנהויבן אַ לעבן, האַ?

סאָבאַטשייעווקע האָט זיך פאַרזאַמלט פאַר אַגאַנעסאָווס שענק און וואַרט אויף עפּעס.

אויפן שטיינערנעם גאַניקל באַווייזט זיך מיין ברודער. ער האָט מיך אויפגעהויבן איבערן עולם און אויסגערופן:

— חברים! גיט אַ קוק אויף דעם יינגעלע! מען רופט אים פאַרזעעניש. ער האָט מורא צו קוקן אויף מענטשן, ער קאָן נישט לאַכן. און מיט וואָס זענען אייערע קינדער בעסער? מיט וואָס זענען אייערע שוועסטער בעסער? מיט וואָס זענט איר אַליין בעסער?

— ווער האָט אונז געמאַכט פאַר פאַרזעענישן?

— זיי.

— ווער האָט ביי אונז צוגערויבט אונזער געלעכטער?

— זיי.

דער ברודער האָט מיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד. עס האָט אים איבערגעשלאָגן דער שמעלצער האַרבוז.

— חברים! מירן פאָדערן פון זיי אַן ענטפער פאַר אונזערע לעבנס. מירן זיי אָננעמען פאַרן גאַרגל, זיך נוקם זיין!

האַרבוז האָט נאָך נישט באַוויזן צו ענדיקן, אַז דער קוילנהאַקער קאָוואַל האָט אַ כאַפּ געטון אַ שאַרף-שפּיציקן שטיין, און אָנגעהויבן צו צוקלאַפּן די לאָדנס פונם שענק.

— צעקנאַק אויף שטיקער דעם שענק, מאַך חרוב דאָס נאַכט-הויז, קוילנהאַקער קאָוואַל!

— זע, מען העלפט דיר. אַט גייט דיין ווייב, און מיט די נעגל דראַפּעט זי די אייזערנע טיר!

— שנעלער, וואָס שנעלער אַ תּל מאַכן פון דער דאָזיקער פאַרשאָלטענער נעסט!

אַ פאַרקאָפּטשעטער שמיד און אַן הויקערדיקער וואַלצירער האָבן אויפגעבראָכן די טיר פונם שענק. דער המון האָט זיך אַריינגעריסן אין די סקלאַדעס. עס האָבן אַ קלונג געטון די פלעשער. דאָס ביר האָט אַ פלאָס געטון פון די צעבראָכענע פעסער. ערגעץ פון אַ ווינקל איז אַרויסגעפלויגן אַ פייער-פויגל, און אַגאַנעסאָווס מאַיאָנטעק האָט זיך צעקנאַקט, צעטראַסקעט אין אַ שרפה, עס האָבן זיך צעשאָטן די פונקען איבער גאַנץ סאָבאַטשייעווקע.

עס ברענט דאָס נעכטיקע לעבן פון קאָזמאַן, קאָוואַלן און האַר־בוזן און פון גאַנץ סאָבאַטשייעווקע.

אָ, שטאַרקער, שאַרפער, פלי אַרויף, צעפלאַקער זיך, האַס! פיר גאַנץ סאָבאַטשייעווקע אויף די העל־בלויע קוואַרטאַלן פון די אָקציאָנערן!

דער שמעלצער האַרבוז האָט אויפגעהויבן די האַנט, רופט אַהין, אַ הייזעריקער פון צאָרן.

נישט אָפּגעשטעלט האָט זיך סאָבאַטשייעווקע, נישט אויפגעצי־טערט, נישט איינגעהאַלטן דעם שריט, ווען אויף דער הונגעריקער פעברואַר־זון האָבן אַ בלאַנק געטון די קאָזאַקישע שווערדן. און ערשט דאַן, ווען עס איז געוואָרן נאַס און קלעפּיק פונם בלוט אונטער די פיס, האָט זיך סאָבאַטשייעווקע צוריקגעצויגן. זי איז צייטווייליק אָפּגעטראָטן.

איך האָב געזען, ווי דער ברודער איז געפאַלן. איך בין גע־לאָפן פאַרביי די פוילע רינשטאָקן, און נישט געוווּסט וווהין די פיס טראָגן מיך.

קיינער האָט מיך נישט באַמערקט. איך בין געלאָפן, זוכנדיק האַרבוזן. איצט איז ער אַליין מיר געבליבן.

קאַפּיטל ביין

דער געפליגלטער האָט מיך געפונען אין דעם געדיכטן וואַלד־גראָז אויף דעם פוסטן פּלאַץ לעבן וואָקזאַל, וווהין ער האָט געבראַכט אַ שווערע לאָקירטע וואַליזע. ער האָט שוין געהאַט אַ קלאַפּ געטון מיטן שטיק אייזן איבער דעם עלעגאַנטן ביקלענעם שלאָס, ווען ער האָט לעבן זיך דערהערט מיין שטיל קרעכצן.

איך האָב איבער זיך דערזען אַ ציגיינער־באָרד, דערפילט אַ האַנט, וועלכע הויבט מיט ליבשאַפט אויף מיין קאָפּ און גיט מיר טרינ־קען פון אַ פלאַש. איך האָב זיך דערמאָנט, וואָס נעכטן איז פאָרגעקומען.

אַ הונגעריקער, און אַ פאַרגעסענער בין איך געגאַנגען, אַליין נישט ווייסנדיק וווהין.

אַז איך האָב געוואָלט עסן, האָב איך זיך צוגעשאַרט צו אַ שמוגלער, וועלכער האָט געדרימלט אויף אַ ציסטערנע פון אַן אָנגע־קומענעם צוג.

איך האָב אויפגעשניטן זיין דרייענדיקן זאַק, און אונטערגעשטעלט די קעשענע אונטער דעם שטראָם הירזש, וואָס האָט געפינקלט, אַזוי ווי גאָלדענע שטערן.

דער ספעקולאַנט האָט געעפנט די אויגן, מיך אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט. ער האָט אַ רוף געטון די חברים, און זיי האָבן מיט צוועלף פויסטן גענומען ברעכן און קנייטן מיין לייב, וואָס איז גלייך נאָכן ערשטן קלאַפּ שטום געבליבן. זיי האָבן זיך שנעל אָפּגעפּאַרטיקט מיט מיר.

דער שמוגלער האָט געמיינט, אַז איך בין געשטאָרבן, און מוראַהאָבנדיק איבערצולאָזן דעם טויטן קערפּער אויף די רעלסן, האָט ער מיך אַוועקגעשלעפּט אויפן פּוסטן-פּלאַץ און מיך אַריינגעוואָרפן צווישן דעם ווילד-גראָז.

דאָ האָט מיך טאַקע געפונען דער געפליגלטער.

ער האָט מיך אַריבערגעטראָגן צו זיך אין צימער אַריין. ער האָט באַשמירט מיינע וווּנדן, מיר געגעבן אויך צו טרינקען, צוגעלייגט קאָמפּרעסן. שוין לאַנג איז ער אָפּגעזעסן ביי מיין צוקאָפּנס.

לעבן אים זע איך אַ ייִנגל פון מיין וווּקס. ער האָט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ געקוקט אויף מיר מיט בייזע אויגן, און געשוויגן. דער שוואַרצער רופט אים מיט אַ מאָדנעם נאָמען — לבנה. איך קער מיך אָפּ פון דעם פריקרען בליק, און צי זיך צו דעם געפליגלטן. ער לעגט אַרויף זיין האַנט אויף מיין שטערן, און פרעגט ווער איך בין, פון וואַנען, און ווי אַזוי איך הייס.

איך מאַך צו די אויגן, און מיט איין פליסטערן פון די ליפּן דערצייל איך אים וועגן דעם געלן ניקאַנאָר. וועגן סאַבאַטשייעווקע. דער שוואַרצער מענטש שאָקלט באַפרידיקט מיטן קאָפּ, שמייכלט ווייך, און זאָגט:

— ווער נאָר וואָס גיכער געזונט. די אַרבעט בענקט נאָך דיר.

ער איז אַוועקגעגאַנגען און מיך איבערגעלאָזט מיט דעם בייזן ייִנגעלע. די לבנה האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן ברעג פון מיין שטרויזאַק, און גאָרנישט מיט קיין פיינטלעכן טאָן אַ פרעג געטון:

— וויפל יאָר ביסטו אַלט?

— עלף, — ענטפער איך, דערפרייענדיק זיך פון דער ענדערונג אין אים.

— דוכט זיך, אַז איך בין אויף אַזויפיל אַלט. איך וווין שוין מיט דעם געפליגלטן באַלד אַ יאָר.

— ווער איז דאָס דער געפליגלטער?

דאָס יינגל האָט מיט אומצוטרוי אַ קוק געטון אויף מיר.

— דו ווייסט נישט? דאָס איז דאָך דער שוואַרצער פעטער, — דערנאָך האָט ער זיך אָנגעבויגן, און אָנגעהויבן שעפטשען: מיר, איך און ער, זעסטו, גייען מיר אויפן „שפרונג"[1] מיר האָבן זיך נאָך קיין איינמאָל נישט פאַרשיט. ווער וואָס גיכער געזונט. ער וועט דיך אויך אויסלערנען.

דער געפליגלטער האָט מיט גרויס אומגעדולד געוואַרט, איך זאָל וואָס גיכער געזונט ווערן.

ער האָט פון מיר געוואָלט מאַכן זיין קאָרישע[2], ווייל ערשט נישט לאַנג איז פון אים אַנטלאָפן זיין גוט-אויסגעלערנטער געהילף.

איך האָב זיך נאָך קוים געהאַלטן אויף די פיס, אַז דער געפליגלטער האָט געבראַכט אַ פערטל סאַמאָהאָן[3], ברויט, אוגערקעס, געטריקנטע שוואָמען.

— היינט איז ביי אונז אַ באַזאַר[4] מיר וועלן באַנעצן דיין געבוירן-טאָג, — האָט דער געפליגלטער געזאָגט, באַווייזנדיק זיינע צעבראָכענע געלע ציין.

דעם סאַמאָהאָן האָט ער געשלונגען גלעזערווייז. לבנה איז נאָך די ערשטע פאָר זופ אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד און געבליבן ליגן פאַרשטעקט אונטערן בעט. דער געפליגלטער האָט מיר דערלאַנגט אַ גלאָז און ווייך זיך אָנגערופן:

— טרינק, קליינער. וויפיל דו קאָנסט. שפּעטער וועסטו זיך צוגעוווינען.

אַרומנעמענדיק מיט די לאַנגע, ציטערדיקע הענט מיינע אַקסלען, האָט ער זיך אָנגעבויגן צו מיין אויער און געשעפטשעט:

— עך, פאַצאַן, איך וועל פון דיר מאַכן אַ לייט. אַ מנוול וועל איך זיין, אויב איך וועל דיך נישט מאַכן פאַר אַ מענטשן. דו וועסט

---

1) דאָס באַגנבענען דירות.

2) געהילף, חבר.

3) היימיש-געטריבענער בראָנפן.

4) אַ הולאַנקע, אַ פּיבע.

בײַ מיר זײַן דער ערשטער זשוליק. זאָלסט נאָר נישט מורא האָבן. שלאָג כּסדר. דרייסטער. אָט נעם מיך, למשל, — דער געפליגלטער האָט זיס אַ טשמאָקע געטון מיט די ליפּן און אונטערגעוואונקען, — צוואַנציק יאָר בין איך שוין אַ גנב, און ס'געלונגט מיר, און אַלץ נאָר דערפאַר, וואָס איך האָב קיין מורא נישט.

אַז ס'איז ליידיק געוואָרן דאָס צווייטע פּערטל סאַמאָהאָן, האָט זיך דער געפליגלטער אויפגעהויבן און פאַררוקט דאָס פאָרהאַנגל אויפן פענסטער. די שויב איז געווען פעט און שוואַרץ. ער האָט געזאָגט שטיל און פייערלעך.

— נו, מיר גייען...

לבנה האָט זיך אַרומגעגורט מיט אַ זאַק. דער געפליגלטער האָט פאַרשטעקט אין די הויזן אַ שאַרף-אָנגעשליפט ברעכאײַזנדל, און מיר זענען אַרויסגעגאַנגען אונטערן שוואַרצן און ווייטן הימל, וואָס איז באַזייט מיט קעצעשע אויגן פון שטערן.

אויף דער גאַס איז שטיל און פּוסט. הינטערן פּלויט בילט אַ הונט. עס הערט זיך ווי דעם געפליגלטנס אַ קנעפּל פון די הויזן רייבט זיך אין דעם אײַזן. ער שפּאַנט ברייט און גלײַך. איך גיי אים נאָך, נישט פאַרשטייענדיק די געהיימניספולקייט פון אונזער עקסקורסיע. דער געפליגלטער בויגט זיך אָן און גיט מיר צו פאַרשטיין:

— מירן נישט מאַכן קיין לאַנגע שהיות: איינס, צוויי, און פאַרטיק. נאָר דו זע ס'דרעפּע[1] נישט!

עס הויבן בײַ מיר אָן צו ציטערן די ליפּן, מסתמא פון דער נאַכט-פײַכטקייט.

מיר שטעלן זיך אָפּ בײַ אַ שטיבל, וואָס איז אַרומגעצוימט מיט אײַזערנע שטאַכעטן. דער געפליגלטער קוקט זיך אַרום, שפּרינגט שנעל אַריבער איבער די שטאַכעטן און דערלאַנגט אונז פון דאָרט די הענט. לבנה איז אַליין אַריבערגעקראָכן און זיך שוין געלאָזט אין הויף אַרײַן מיט אַן אויסגעשטרעקטן קאָפּ, ווי ער וואָלט עפּעס דערשמעקן.

מיר זענען עטלעכע מאָל אַרומגעגאַנגען אַרום הויז. ענדלעך נעמט דער געפליגלטער אַרויס דאָס שאַרפע ברעכאײַזנדל און גייט צו צום פענסטער.

עפּעס האָט טרוקן און הילכיק אַ טראַסק געטון אונטער

---

1) שרעק זיך נישט.

זיינע הענט. עס האָט זיך מיר פאַרדרייט דער קאָפּ. איך האָב זיך צוגעזעצט. דערנאָך האָב איך איבער זיך דערזען אַ בייז געזיכט, דער-הערט אַ בייז שיפּען. מען האָט מיך געזידלט פאַר מיין פאַוואָליעדי-קייט, מען האָט מיך צוגעאיילט וואָס-גיכער צו פאַרענדיקן די אַרבעט...

איך האָב זיך אַנידערגעשטעלט ביים געפליגלטן אויף דער פּליי-צע. ער האָט מיך אויפגעהויבן אויף די אַקסל, און איך האָב דערזען אַן אָפענע שויב. איך האָב אַריינגעשטופּט דעם קאָפּ אין דעם פינ-סטערן לאָך און דערפילט, ווי דעם געפליגלטנס שטאַרקע הענט העלפן מיינע דאַרע היפטן זיך אַריינצוקוועטשן אין דער פרעמדער דירה אַריין

אָט אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן מיין ביי לעבן.

*

ביים געפליגלטן האָבן זיך אָנגעהויבן גאָלדענע צייטן. ער איז כמעט נישט אַרויסגעגאַנגען פון זיין „מלינה" *). די גאַנצע אַרבעט איז געפאַלן אויף מיר און לבנהן.

אויפדערנאַכט פלעגן מיר ביידע אַרויסגיין אויף „יאַגד", לבנה טראָגט הינטערן גאַרטל אַ ברעכאייזנדל און איך—דעם זאַק. אַז מיר גייען צו צו דער דירה, וואָס מיר האָבן אָנגעמערקט, נעמט לבנה אַרויס דאָס ברעכאייזנדל און שטעקט אַריין דעם שאַרפן שפּיץ אין אויער פּונם שלאָס. מיט פיר הענט פלעגן מיר אָנקוועטשן אויפן הויבער, און אין דער נאַכט-שטילקייט דערהערט זיך אַ טראַסק.

לבנה באַהאַלט דאָס אייזנדל הינטערן העמד און שטעלט זיך אַוועק אויף דער וואַך. איך עפן די טיר. די פאַרזשאַווערטע טיר וואַיעט און סקריפּעט, און עס דוכט זיך מיר, אַז דאָס קערט זיך דאָס האַרץ אַזוי איבער ביי מיר. איך לאָז איבער די טיר אַ ברייט-צעעפנטע. טאָמער דאַרף איך פּלוצים אַנטלויפן, גרייט איך צו נאָך אַן אַנדער אַרויסגאַנג: איך עפן אויף דאָס פענסטער, וואָס גייט אַרויס אויף דער גאַס.

איך הויב אָן זשעדנע אויסצורייניקן די שטוב. עס ווילט זיך מיר האָבן טויזנט זעק. איך וואָלט אין זיי פאַרפּאַקט אָט דאָס גאַנצע אומגעזעענע רייכקייט.

---

*) געהיימע גנבישע דירה.

אין קרעדענס דערזע איך אַ שיין גלאַנציק גלעזעלע. איך פּרוּוו די טירלעך,—זיי זענען פאַרשלאָסן.

לבנה האָט זיך נישט געקענט דערוואַרטן אויף מיר, איז ער אַריינגעקומען און מיך אָנגעהויבן צו איילן. איך גיב אים דעם שוועַרן זאַק, און מיר פאַרלאָזן די וווינונג.

אין „מלינה", האָט מען שוין אויף אונז געוואַרט. דער געפליגלטער האָט שוין באַוויזן צו ברענגען אַ קאַין*), כדי אים צו פאַרקויפן דעם רויב.

ער האָט געבראַכט אַן עמער סאַמאָהאָן. ער האָט אויך געקריגן קאָקאַין, אָנגעשמעקט זיך. אַ פריילעכער און אַ גליקלעכער, נעמט ער מיך אַרום, שווערט זיך ביי זיין לעבן, אַז ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געהאַט אַזאַ דרייסטן און בריהשן קאַריש, ווי איך.

און אַזוי אַלעמאָל: אַ פרעמדע וווינונג און אַ זאַק, און אויפקויפער און געלט. סאַמאָהאָן און געזאַנג.

פון צופיל טרינקען זענען מיינע אויגן טונקל געוואָרן, און די וויעס זענען אַרויסגעפאַלן. איך האָב באַקומען אַ שלעכטע ראיה, און די פיס האָבן אָנגעהויבן צו ציטערן. אַלץ אָפטער און אָפטער האָט זיך געגלוסט ליגן און נישט רירן מיט קיין אבר.

און דער געפליגלטער האָט געהאַלטן אין איין זוכן נייע אַרבעט פאַר מיר. ער נוצט פלינק אויס מיין האַס, פאַרגיסט מיין אומעט מיט בראָנפן, וואָס האָט אומגעבראַכט מיין פאַמיליע.

איך וויל אָבער נישט גיין אין מיין זיידנס און מאַמעס דרכים. איך געדענק נאָך גוט די צאָרנדיקע אויגן פון דעם שמעלצער הארבוז און מיין ברודער קאָזמא. איך געדענק זיך, אַז אויפגעהויבענעם איבער דעם עולם, איך שפיר דעם ציטער פון מיין ברודערס איינציקער האַנט.

איך און לבנה האָבן זיך אָפּגעשמועסט זיך מאַכן קראַנק. מיר האָבן זיך געלעגט, זיך שטאַרק אַרומגענומען, און געפיבערט אונטער דער קאָלדרע. ס'האָט זיך מיר געדוכט, אַז איך מאַך זיך, אָבער איך בין טאַקע קראַנק געוואָרן אויף אַן אמת. דער קערפער האָט נישט אויסגעהאַלטן די שרעקלעכע אָנשטרענגונג.

---

*) אַן איבערקויפער.

איך ליג אין עפּעס אַ שטילן און פינסטערן אָפּגרונט. דער קאָפּ טוליעט זיך, אַזוי ווי אַ דערפּרווירן הינטעלע, צו די פיס. דורך דעם פייכט געוואָרענעם אַנטון בריט מיט אייז מיינע זייטן די צעמענ־טענע פּאַדלאָגע.

אונזער שטאָט גייט איבער פון האַנט צו האַנט: אַט צו מאַכ־נאָן, אַט צו מארוסיא*), אַט צו די פּאַרטיזאַנישע טיילן. מיך, דעם קליינינקן, באַמערקט מען נישט. קיינער דאַרף מיך נישט. איך פּלאָנ־טער זיך נאָך אונטער די פיס.

איך זע דעם געפליגלטן. ער איז נישט צופרידן, וואָס מיר ליגן אַזוי לאַנג. ס'איז נישטאָ ווער עס זאָל אים ברענגען בראָנפן, ער וועט שוין באַלד נישט האָבן פאַרוואָס צו קויפן קאָקאַין. ער שטייט איבער אונז מיט צונויפגעביילטע פויסטן; ער זידלט זיך, בעט זיך, שלאָגט מיך מיטן שטיוול אין דער זייט.

אָבער מיר שרעקט עס נישט. איך גלויב נישט, אַז דאָס אַלץ קומט טאַקע באמת פאָר. אַט אַזוי ווי פון ערגעץ ווייט־ווייט קוק איך אויף מיין גאַנץ לעבן.

אַ מאָדנע איז עס, מיין לעבן. עס טוט מיר נישט באַנג. מיר איז דאָס אַלצייגנס. איך שטעל מיך נישט אַנטקעגן, איך שווייג.

דעם געפליגלטנס ווייסע אויגן קוקן אויף מיר מיט פאַרוווּנדע־רונג. ער שטייט אַ מינוט נישט־אַנטשלאָסן, אַ צעטומלטער. איך קריג רחמנות אויף אים. איך פּרוו זיך אויפהויבן, אָבער איך פאַל צוריק אַנידער אָן כוחות, דער געפליגלטער גייט אַוועק.

— דו שקעט, פאַרוואָס שווייגסטו? — דערהער איך אַ נעבעכדיק קול.

איך הויב אויף די אויגן. דאָס איז לבנה. ער קוקט אַריין אין דער טיפעניש פון מיינע שוואַרצאַפּלען און וויל אין זייער גלעזער־נער פוסטקייט געפינען לעבן. ער דריקט מיר מיט דער קני די ברוסט, באַמיט זיך צווינגען מיך צו אָטעמען, רוקט מיר אַריין צווישן די ציין אַ שטיק ברויט.

איך קום ביסלעכווייז צו זיך, באַטראַכט אים, גלייך, ווי איך

*) אַנפירער פון באַנדעס, וואָס האָבן אָפּערירט אין קוזלן־ראַיאָן אין אוקראַינע אין די יאָרן 1918—1920.

וואָלט דאָס ערשטע מאָל געזען מיין פריינט. אַ צעפּליקטער שטראָל פונם קאַניצל פאַלט אויף לבנהס לאַכעס. אויפן קאָפּ ליגט אַ שווער היטל האָר, וואָס זענען ענלעך אויף פּלאַמיק אויסגעשייערטן קופּער. זיי האָבן זיך צעשאָטן אויף זיין שטערן מיט גאָלדענע שפּריצן, זיך צעלאָפן איבער די באַקנביינער און זיך באַהאַלטן הינטערן צונויפגעלייגטן שמאַטקעלע אויפן האַלז.

איך האָב אַראָפּגעקייט דאָס ברויט און פרעג אים גאַנץ שטיל:

— פון וועלכער געגנט ביסטו?

— אַ סאָבאַטשייעווקער, — האָט געענטפערט לבנה, און זיך צוגערוקט צו מיר מיט די וואַרעמע קני.

— אַ סאָבאַטשייעווקער?

— איך בין נישט פון אייער סאָבאַטשייעווקע, איך בין פון מיינער, פון יוזאָווקער. עס איז דאָ אַ שטאָט יוזאָווקע, האָסט געהערט? דער טאַטע האָט געאַרבעט אויף דער צענטראַלער שאַכטע, און די מאַמע האָט געשיכורט, געזונהויעט און מיך אָפּט געשלאָגן איבער די אויגן. איך האָב וויפל מאָל זיך געקלאָגט פאַרן טאַטן, ער איז אָבער געווען אַ שמאַטע, און מיר בלויז געעצהט: „דו האַק איר נאָר איבער די הענט, דער נבילה". און איך האָב טאַקע אַזוי געטון. איך האָב זי אָפּגעוואַרט ביים קעלער, זי אַראָפּגעשטופּט אין גרוב אַריין און פון אויבן זי צוגעדריקט פעסט מיטן דעקל. אַז דער טאַטע איז געקומען, האָב איך אים אַלץ דערציילט, האָט ער זיך דאָס אַ צערעווע געטון און געלאָפן גלייך צום קעלער, און פון דאָרט הערט מען שוין קיין פּיפּס נישט. האָט ער מיך אַ שליידער געטון אויף דער ערד, און גענומען טרעטן מיט די פיס...

לבנה האָט אַ ווײַלע געשוויגן, מיך באַטראַכט, און שטיל ווייטער דערציילט:

— איך בין אַנטלאָפן אין יענער נאַכט, און מער האָב איך זיך שוין נישט אומגעקערט.

מיט אַן אַשיקן באַנד האָט אָנגעהויבן צו טליען דער טרוקענער קנויט פון דעם קאַניצל. ער האָט צום לעצטן מאָל אַ פינטל געטון און איז פאַרשוווּנדן. לבנה האָט זיך געאײַלט צו פאַרענדיקן.

— געלאָזט האָט מיר דער טאַטע אַן אָנדענק אויפן גאַנצן לעבן...

און אָנטאַפּנדיק אין דער פינסטער מיין האַנט, האָט ער זי צו-

געלעגט צו זיין פוס. איך האָב דערפילט טיפע העפטן און האָב פאַר־שטאַנען, וואָס לבנה שעפּטשעט:

— ער האָט מיר איבערגעהאַקט...

מיין האַנט האָט ער נישט אַרויסגעלאָזט, זי פאָרזיכטיק געהאַלטן, מורא־האָבנדיק זיך אַ ריר צו טון, צו פאַרלירן זי. ער האָט מיך געפרעגט:

— דו האָסט געזאָגט, מען האָט דיך גערופן פאַרזעעניש, עס טויג נישט. ווייסט וואָס, הייס בעסער הייליקער. דו האָסט אויגן, ווי ביי די הייליקע אויף די איקאָנעס.

מיר האָבן געשוויגן. לבנה האָט זיך עפּעס דערמאָנט, מיך אַרומגענומען און צערודערט אַ זאָג געטון:

— און שנַמען *) ווילסטו עפּעס?

איך האָב אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

ער האָט מיך אַרויסגעשלעפּט פונם בעט, אַ צי געטון איבערן צימער אויף דער גאַס אַרויס.

— קום, לאָמיר באַשיסן**) דעם אייזקעלער פונם וואָקזאַל־בופעט.

איך האָב אונטערגעהויבן לבנהן צום פענסטער פונם אייזקעלער, און אַליין בין איך געבליבן אויף דער וואַך.

אין צוואַנציק מינוט אַרום, בין איך מיט לבנהן געווען צוריק אין דער מלינה, געריסן שטיקער געפרוירן חזיר־פלייש, און הייס זיך אַרומגענומען, פאַרטרייבנדיק פון זיך די קעלט.

איך האָב אַריינגעשטעקט די ציין אינם פלייש, און געפיבערט פון הונגער־צערייצטקייט. דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן עס איך חזיר־פלייש. איך באַוווּנדער דעם טעם דערפון, און פיל אַ שרעקלעכן ווייטיק, ווען די גרויסע שטיקער גייען דורך דורכן שמאָלן, איבער־געטרוקנטן שלונג.

---

*) קייען, עסן.

**) באַגנבענען.

קאַפּיטל צען

דעם גריך קאָן מען בשום-אופן נישט פּאַקן. ער האָט איבערגעשפּיצט און אָנגעפּרייערט לבנהן, נאַרט מיך אָפּ און איינגיכן וועט ער גאָר אינגאַנצן פאַרשווונדן ווערן מיט זיין גראָבן טייסטער. דעמאָלט וועל איך בלינד ווערן, פאַרלירן דאָס לשון פון כעס און בושה. איך וועל מיר אַ מעשה אָנטון.

דעם דאָזיקן זשוואַוון ספּעקולאַנט האָבן מיר באַגעגנט אויפן ראַסטאָוער מאַרק. ער האָט אויפגעקויפט זילבער און גאָלד-ברוך. איך, לבנה און דער געפליגלטער האָבן זיך דאַן אַוועקגעלאָזט צו די גריני-וואַרג-קראָמען, און מיט אַ ברעקל בליק באַמערקט דעם דאָזיקן טייס-טער. לבנה איז געבליבן שטיין אַ פאַרכישופטער, און געהאַלטן אין איין שעפּטשען:

— אַ נבילה וועל איך זיין, און דעם דאָזיקן נעגער וועל איך אויסבורזשויעווען.

דער געפליגלטער האָט שטיל געשמייכלט. ער האָט אַ ווונק געטון צו מיר, און אַז לבנה איז אַוועקגעגאַנגען, האָט ער מיר הייס אַ שעפּטשע געטון:

— הייליקער, זיי נישט קיין שוטה, און דערלאָז נישט, אַז לבנה זאָל ביי דיר אַרויסרייסן אַזאַ פעטן ביסן. מיט וואָס ביסטו ערגער פון אים?

איך שווייג. וואָס קאָן איך זאָגן דעם געפליגלטן, אַז ער האָט די גאַנצע שליטה איבער מיר, און טוט מיט מיר, וואָס ער וויל?

לבנה האָט זיך אָפּגעוואַשן, פאַרצויגן מיט דראָט זיינע לאַכעס, ווי אַ שפּיגעלע אָפּגעגלאַנצט ביי אַ באַקאַנטן אייסאָר זיינע קאָלאָשן, און אויף אַ טריט נישט אָפּגעשטאַנען פון דעם האַרבאַטן גריך מיט דעם הויכן קאַראַקולענעם היטל.

דער ספּעקולאַנט האָט אָבער מורא געהאַט פאַר אַ גרעסערן עולם. ווי נאָר עס פלעגן צו אים צוגיין אַ דריי, פיר מענטשן, איז ער גלייך אַוועק אויף אַ פרייען פּלאַץ, און פון דאָרט, אויפהויבנדיק דעם קאָפּ, אָבסערווירט דעם מאַרק מיט פאַרזשמורעטע, כמעט צו-געמאַכטע אויגן.

לבנה האָט זיך אויף אַלע אופנים געדרייט אַרום אים. זיך גע־מאַכט פאַר אַ שוועבעלעך־פּאַרקויפער, פאַר האַלב אומזיסט אים פאַרקויפט סחורה, אים געפּוצט די שיך פאַר אַ נישט־דערויכערטן פּאַפּיראָס, אָבער דער גריך האָט אין זיין אָנוועזנהייט קיינמאָל נישט אַרויסגענומען דעם טייסטער. ער האָט צופעליק אַ קוק געטון אין לבנהס אויגן, זיך דערשראָקן פאַר זייער שאַרפן גלאַנץ, און פון דעמאָלט אָן מיט גרויס פאָרזיכטיקייט און אָפּגעהיטקייט אויסגעמיטן דעם שלעפער.

לבנה האָט ווי אַ קאַץ אָנגעהויבן פון הינטער אַ ווינקל נאָכ־שפּירן דעם גריך.

איינמאָל האָט דער ספּעקולאַנט פאָרט אַרויסגענומען דאָס געלט. לבנה האָט זיך העגדום־פּעגדום געלאָזט לויפן צו אים. דער גריך האָט זיך באַצייטנס אומגעקוקט, איז בלאַס געוואָרן, און שנעל באַהאַלטן דעם טייסטער.

לבנה איז מיט חרפּה אָפּגעטראָטן. דאָס איז געווען אַן אומגע־ווינלעכער פאַל אין זיין גנבישער פּראַקטיק.

און איך האָב זיך געפרייט מיט לבנהס מפּלה.

איך האָב צערעכט־געמאַכט דאָס העמד אויף דער ברוסט, און שטיל און זיכער אַ שעפּטשע געטון:

— לבנה, איך וויל אויסבורזשויעווען דעם גריך!

ער האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר ער האָט זיך דערוואָרגן מיט זיין פאַרוווּנדערונג. איך האָב נישט געהאַט קיין צייט צו וואַרטן ביז ער וועט עפּעס זאָגן: דער גריך האָט זיך געקליבן אַוועקצוגיין.

איך האָב נאָכגעשפּירט דעם גריך אַ גאַנצע וואָך, און זיך קיין איינמאָל נישט געוואָרפן אים אין די אויגן. איך בין געפאָרן מיט אים אין טראַמוויי, אויף אַ שיף, צוויי טאָג אָפּגעזעסן מיט אים אין איין וואַגאָן פון אַ משא־צוג ביי טיכאָרעצק, וואַרטנדיק ביז מען וועט צוריק איינשטעלן דעם וועג נאָך אַ באַן־קאַטאַסטראָפע. און איך האָב קיינמאָל נישט געזען דעם גריך מיט צוגעמאַכטע אויגן.

אויפן זיבעטן טאָג האָט ער זיך אונטערגעגעבן. ביינאַכט, האַרט פאַר דער סטאַציע קאַווקאַזסקאַיאַ, האָט ער אָנגעהויבן שאָקלען מיטן קאָפּ, די לאַנגע נאָז און די ליפּן זענען ביי אים אַראָפּגעהאָנגען. דורך פרעמדע קעפּ האָב איך זיך געלאָזט קריכן צום גריך. באַקאַנט, ווי אין אַן אייגענער קעשענע, האָב איך זיך מיט דער האַנט צוגע־רירט צו דעם וואַרעמען טייסטער. אַ קאַלטער שוידער, און בלויז איין געדאַנק: „ער וועט זיך אויפכאַפּן, צי נישט?“

דער טייסטער איז שוין געווען ביי מיר אין די האַנט, בשעת דער גריך האָט זיך אויפגעכאַפּט. ער האָט נאָך גאָרנישט פאַרשטאַנען, און בלויז געקוקט מיר גלייך אין די אויגן, מיט די גרויסע, שטומע אויגן, וואָס האָבן אַפילו קיין פינטל נישט געטון.

ווען דער גריך האָט זיך געכאַפּט, בין איך שוין אַרויסגעשפרונגען פון דער שמאָלער וואַגאָן-טיר. עס האָט מיך נאָכגעיאָגט דעם גריכס געשריי.

אויפגעכאַפּט האָב איך זיך אונטער אַביימל מיט „וועלפּישע יאַגעדעס", דעם רעכטן פוס האָט מען מיר, אַזוי ווי באַגראָבן אין דער ערד. ביידע הענט האָבן פעסט געהאַלטן די געפּרעסטע לעדער פונם טייסטער.

אונטערהינקענדיק, אַזוי ווי לבנה, וואַרעמענדיק דעם טייסטער ביי מיין ברוסט, האָב איך מיך דערשלעפּט ביז צו דער סטאַציע. אין דריי טעג אַרום האָב איך אין ראָסטאָוו איבערגעגעבן דעם געפליגלטן די מאַטניאַ. און דעמאָלט האָב איך דאָס ערשטע מאָל דערזען לבנהס פייכטע אויגן. מיט די לאַנגע נעגל, ווי גאָפּלען, האָט ער געדראַפּעט זיינע נישט-געוואַשענע באַקן-ביינער.

נאָך קיינמאָל האָט דער ראָסטאָווער האַפן נישט געוווסט פון אַזאַ כיבוד. מיר האָבן איינגעקויפט אַסך פיש ביי די שיפערס, סאַמאָהאָן ביי די שענקערינס, געהוליעט און געפרייט זיך עטלעכע טעג דורכאַנאַנד. לבנה איז אָבער נישט געווען אויף דער שמחה. ער האָט נישט געקענט אַריבערטראָגן די חרפה, און איז פאַרשוווּנדן.

דער געפליגלטער האָט געטרונקען אָן אַ מאָס און אָן אַ סוף פאַר מיין געזונט און מיר שעלמיש צוגעווונקען. אַז ער איז שוין געווען גוט שיכור, האָט ער מיך אַרומגענומען און אָנגעהויבן זיך צו באַרימען:

— הייליקער, נו, וואָס? איך האָב אייך גוט אָנגערייצט, אַזוי ווי די הינט? פאַרוואָס האָט איר זיך נישט צעביסן? האָסט שוין איינמאָל אָפּגעטון לבנהן, ווי אַן אמתן פרייער!

אָ, לבנה! ווּהין ביסטו אַוועק? אָט דער דאָזיקער פּוילצייניקער מענטש האָט ביי מיר צוגענומען דעם לעצטן פריינט.

איך רייס אַרויס די גלאָז ביים געפליגלטן, קלאַפּ אים מיט איר איבער דער נאָז, קער איבער דעם טיש און אַנטלויף.

איך זוך לבנהן אויפן וואָקזאַל.

*

דער רעגן גיסט בייטאָג און ביינאַכט. די בעז-ביימלעך אין דעם אייזנבאַן-פּאַרק האָבן פאַרלוירן די בלעטלעך, זיי שטייען מיט די אַרומגעפּליקטע צווייגן, וואָס זענען באַשפּיגן מיט בלאָטע.

דער וואַרעמער זומער איז אַנטלאָפן. מיר האָבן אָנגעוווירן אונזער נאַכטלעגער.

צום וואָקזאַל קאָן מען נישט צוקומען: ס'איז מסוכן שטרענג געוואָרן, איין אָבלאַווע נאָך דער אַנדערער. מען שיקט אַוועק אין קינדערהויז. איך און לבנה זוכן פינסטערע ווינקעלעך. איצט האָבן מיר זיך פאַרקליבן אין הייך-אָפּטיילונג פון דער סטאַציע. מיר האָבן דורכגעלעכערט דעם דאַך און וואַרעמען אונזערע פּלייצעס ביי דער ציגל-וואַנט פונם קעסל.

מיט דעם געפליגלטן האָבן מיר זיך שוין לאַנג צעשיידט, איך פאַרמאָג נאָר איין פריינט, מיין אַלטן פריינט לבנה. באַגעגנט האָבן מיר זיך, ווי פרעמדע. ער האָט קאַלט, און אָפּגעלאָזן אַ דריק געטון מיין פינגער און נישט אויפגעהויבן די אויגן, וואָס זענען איינגעפאַלן פון שלאָפלאָזיקייט.

דער ווינט פאַרטראָגט צו אונז גערדיכטע רעגן-טראָפּנס, באַשפּריצט מיין ברוסט. איך דריי מיך אויס צום קעסל. דאָס רעקל רויכערט זיך מיט דאַמף. שלאָפן ווילט זיך נישט. די פייכטקייט האָט זיך אַריינגעקליבן אין די ביינער, אין מוח. דער קאָפּ איז אַזוי ווי געשוואָלן. די אויגן זענען פול מיט זאַמד. איך דערמאָן מיך אין פרילינג אין די פוילע רינשטאָקן. דעם אויוון, אין וועלכן מיטקא און ניורקא זענען געשטאָרבן, דאָס פאָליציי-קעטשל.

מיינע זכרונות צערייסן זיך: עמעצנס קנאָכיקע הענט כאַפּן מיך פאַר די פיס, און שלעפּן מיך אַראָפּ אין אַ לאָך. איך שריי. עס ווערט אַ גערודער. דאָס זענען געקומען די גרויסע „באַנשטשיקעס" *) און ווילן אונז אַריינוואַרפן. עס צעפלאַקערט זיך אין מיר די רציחה, איך בייס עמעצנס האַנט.

מען האָט אונז אַרויסגעוואָרפן. מיר שטייען אינדרויסן אויפן רעגן. אויבן הוידען זיך שיכור די לאַמטערנס.

---

*) וואָקזאַל-איינוווינער פון גניבהשן זשאַרגאָן באַן-רייזנדער.

לבנה לייגט פאַר, מיר זאָלן גיין אין דעפּאָ אַריין, צו דעם אויוון-הייצער, וואָס פאַרגרייט טרוקן זאַמד פאַר די לאָקאָמאָטיוון.

מיר האָבן דעם אַלטן אַוועקגעגעבן אונזער גאַנצן טאַבאַק און געלט. און ער האָט אונז ביז איינדערפרי אַריינגעלאָזט צו זיך, אויף דער וואַרעמער פּערענע.

איך באַמי זיך צו פאַרמאַכן די אויגן, אָבער די אויגן-דעקלעך זענען געשוואָלן און פאַרמאַכן זיך נישט. דער שלאָף נעמט מיך נישט.

לבנה שעפּטשעט:

— הייליקער, דו שלאָפסט? היי—לי—קער!

איך דריק לבנהס פינגער.

ער אָטעמט אויף מיר מיטן ריח פון סאַמאָהאָן.

— אַ שמעק-טון, ווילסטו, האַ?

לבנה האָט אַוועקגעלייגט זיין קאָפּ אויף מיינע קני און בענקט:

— און אין טאַשקענט איז איצט... זון, דינקעס, וויינטרויבן...

איך בין דאָרט געווען פאַראַיאָרן, געגעסן וויינטרויבן, ווי יאַדערן. אַרומגעגאַנגען באָרוועס, און געשלאָפן אין גראָז. דאָרט איז גאָר קיין ווינטער נישטאָ. די זון פאַרגייט נישט אַפילו ביינאַכט.

— לבנה, לאָמיר פאָרן קיין טאַשקענט.

לבנה האָט זיך אַ דריי געטון, זיך דערפרייט.

— מירן פאָרן, מירן פאָרן!

גאַנץ פרי זענען מיר אין די אקומולאַר-קאַסטנס אונטער די וואַגאָנעס פונם שנעל-צוג אַרויסגעפאָרן אינם לאַנד פון דער זון.

•

אַ לאַנג און שמאָל צימער. די טיר צוויי מאָל אַזוי הויך ווי אַ מענטש. עס קומט אַריין אַ פרוי מיט אַ הויך-אויפגעהויבענעם קאָפּ. אירע האָר זעען אויס, ווי לאַנג געלעגענער שניי. לבנה האָט איר אַ נאָמען געגעבן „מכשפה״. זי איז די פאַרוואַלטערין פונם הויז פאַר פאַרוואָרלאָזטע קינדער. אין דעם הויז האָט מען אונז אַריינגעזעצט די צווייטע וואָך נאָך אונזער רייזע אין דעם לאַנד פון דער זון. אין אָרענבורג איז געווען אַן אָבלאַווע, און מען האָט אונז פאַרנומען אין געפּענגעניש.

מען האָט אונז פאַרשפּאַרט אין אַ דרייגאָרנדיקן פּאַלאַץ, וואָס

איז אַרומגערינגלט מיט אַ דיכער שטיינערנער וואַנט. עסן גיט מען אונז דריי מאָל אין טאָג. אײַנדערפרי — ווייס הייס וואַסער, מיט אַ שטיקל ברויט, בײַטאָג אַ גרויע זופּ, און אינאָוונט צוגעפּאַרבטן אָקרעפּ. איך קאָן נישט שלאָפן צוליבן ליידיקן מאָגן. עס איז מיר אומעטיק אין די דאָזיקע קברים-צימערן. איך וויל אין מײַן זוניקן, זאַטן לאַנד אַרײַן.

געגעסן האָבן מיר אין קעלער פונם פּאַלאַץ, אַ רחבותדיקער ווי אַ פעלד. די פּענסיאָנאַרן פלעגן זיך מיטאַמאָל זעצן צום טיש. אַז מיר האָבן געענדיקט עסן די זופּ, האָב איך אויפגעהויבן דאָס אויסגעלעקטע שיסעלע און זיך אָנגערופן צו מײַנע שכנים ביים טיש:

— לאָמיר בעטן נאָך!

אַ גאַנצער עולם לאָזן מיר זיך גיין אין קיך אַרײַן.

מיר בעטן נישט, מיר פאָדערן, שטרעקן אויס די שיסעלעך.

— גיסט?

עס דונערן די טישן פונם גאַנצן קעלער. עס קלינגט דאָס אַלומיניום אין די דעמבענע ברעטער.

— גיס!

די קוכערס האָבן אָבער נישט וואָס צו גיסן, ווײַל אַלץ איז שוין פאַרטיילט. איך צעפּאַך זיך, און גיב אַ זעץ מיטן שיסעלע אין די קיך-שויבן. דאָס דרײַגאָרנדיקע הויז איז אויפגעשטאַנען. עס האָבן אַ טראַסק געטון די דעמבענע פּיסלעך פון די טישן, עס האָט זיך אַ שאָט געטון ווי שרויט, ווי שטויב, דאָס קיך-געשיר.

איך פיר דעם עולם צו די שפּיזאַרניעס. מיר צעברעכן די מיט בלעך באַשלאָגענע טישן, מיר צעקלאַפּן די גאַלעט-קעסטלעך, צערײַסן די זעק מיט ווייס קאַנאַדיש מעל, מיר פרעסן דאָס מיט זשעדנעקייט.

— איצט גיב די פרײַהייט! מיר טוען זיך אַ לאָז צום טויער.

אומדערוואַרט גיט זיך דער טויער אַ צעעפן, און עס גיבן אונז אַ בלענד אין די אויגן די מעשענע קאַסקעס פון די פייערלעשער, וואָס גלאַנצן אויף דער פּראַסטיקער זון, ווי גאָלד. עס גיט אויף אונז אַ שפּריץ אַ העפּטיקער, אַ שנעלער, ווי אַ קויל, שטראָם וואַסער. מיר לויפן צוריק.

די הויפּט-בונטאַרן האָט מען געבונדן די הענט און די פיס, און זיי אַוועקגעלעגט, אַזוי ווי מתים, אין צוויי רייען אויף די שטרוי-זעק, אין אַ צימער, וואָס איז ענלעך צו אַ טורמע-קאָרידאָר.

כמעט אַ גאַנצן מעת-לעת איז צו אונז קיינער נישט אַרײַנגע-

קומען. ענדלעך האָט זיך באַוויזן די „מכשפה" מיט איר גאַנצער סוויטע. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני, און גענומען בעטן גאָט, ער זאָל פאַרגעבן די גרויסע זינדער—די בונטאַרן פונם אויפנאַם־פונקט. זי האָט געהייסן אונז אויפבונדן. נאָר קיין איינער האָט זיך נישט גערירט פונם שטרוי־זאַק.

איך ליג אין ווינקל און באַלעק די אייזיקע בראַנדוואונדן. און ציטער פון צאָרן. איך שווער, אַרויסצורייסן מיטן וואָרצל די גרויע האָר פון דער אַמעריקאַנער מכשפה.

איך באַדאַרף האָבן די פריי. איך קאָן נישט זיצן אויפן שטיקל ברויט. איך וויל סאַמאָהאָן, פערדן־וווּרשט, אַ קאָטלעט מיט קנאָבל, וואָס די וואָקזאַל־הענדלערקעס פאַרקויפן.

איך גיב זיך אַ וואָרף צו לבנהן:

— לבנה, לאָמיר אַנטלויפן!

מיר האָבן צוגעקלערט אַ דרייסטן און שוידערלעכן פּלאַן. טיף אין הויף איז געשטאַנען אַ שייער מיט צעבראָכענע פענסטער. אַלע נאַכט פלעגט מען אַהין פון אַלע גאָרנס אַראָפּטראָגן די פּאַרוואָרלאָזטע, וועלכע זענען געשטאָרבן פון טיפוס, און גאַנץ פרי זיי אַוועקפירן.

אָט דער דאָזיקער שייער וועט אונז געבן די פריי. מיר האָבן געדאַרפט שטאַרבן.

ווען אַלע גאָרנס זענען שטיל געוואָרן, ווען עס האָבן זיך אויס־געלאָשן די לעצטע קאַניצלעך, זענען מיר אויפגעשטאַנען פון שטרוי־זאַק, כדי צו גיין שטאַרבן.

כמעט אַ גאַנצע נאַכט האָבן מיר זיך געשאַרט צום דעם שייער. אויף דעם ערשטן גאָרן זענען מיר שיער נישט אַרויף אויף אַ דער־ציערין, מיר האָבן אָבער באַוויזן זיך צו באַהאַלטן הינטער דער טיר. ערשט סוף נאַכט זענען מיר געווען אין שייער לעבן די ווייס טיפוס־מתים, וואָס זענען געלעגן אויפן שטרוי. מיר האָבן זיך צוגעטוליעט צו אַ ווייט ווינקל און איינער דעם אַנדערן צוגעפּגעדריקט די קינ־באַקן, כדי זייער קלאַפּן זאָל אונז נישט אַרויסגעבן.

קאַיאָר האָט די טיר פון שייער אַלץ אָפטער גענומען קלאַפּן: מען האָט אַריינגעטראָגן נייע קוואַרטיראַנטן. גאַנץ פרי האָבן אָנגעהויבן סקריפּען שליטנס, און צוויי שווייגנדיקע מענטשן האָבן אָנגעהויבן אָנ־צולאָדן זייער סחורה.

מיר זענען אַריינגעפאַלן אין דער ערשטער ריי. אין אַ מינוט

אַרום האָבן אַ קלאַפּ געטון די מיט אייזן-געשמידטע טויערן פונם אויפנאַם-פונקט. און מיר זענען געפאָרן דורך דער שלאָפנדיקער שטאָט. איך ליג כמעט אויפן דעק פונם שליטן. עמעצנס אַ האַנט ליגט אויף מיין האַלז און שטיקט דעם אָטעם, פרירט דאָס בלוט.

איך וויל זיך איבערדרייען, געפונען לבנהס וואַרעמען קערפּער, איך האָב אָבער מורא זיך אַרויסצוגעבן.

און דער שליטן קריכט אַלץ נעענטער און נעענטער צום עק אָרענבורג צו דעם צמענטער. נאָך אַ פּאָר טריט, און דער שליטן וועט זיך אָפּשטעלן. די מרה-שחורהדיקע מענטשן וועלן אונז אַריינוואַרפן אין גרוב, און וועלן פאָרן נאָך דער צווייטער פּאַרטיע.

מיר זענען געקומען צופאָרן. די מענטשן אין די פּעלצלעך האָבן אַראָפּגעשלעפּט די רעדנע. איך הויב אויף דעם קאָפּ, און שווער מיך, אַז איך לעב נאָך, אַז מען דאַרף מיך נישט אַריינוואַרפן אין גרוב אַריין.

די פּעלצלעך האָבן זיך אָנגעהויבן צלמען, איבערגעלאָזט דאָס פערד און געגומען לויפן פונם צמענטער. איך בין איינער אַליין צווישן צלמים.

לבנה רופט זיך נישט אָפּ, איך פרוו אים אָפּצוזוכן צווישן די מתים, איך פיל אָבער, אַז איך האָב קיין הענט נישט.

איך וויל זיך אויפהויבן און אַנטלויפן, אָבער איך שפּיר קיין פיס נישט. איך עפן דאָס מויל, אַ געשריי צו טון, אָבער אויך דאָס קול איז מיר נישט געבליבן.

*

ביי די געמויערטע ווענט פון דעם אויפנאַם-פונקט, האָט זיך אָפּגעשטעלט אַן אויטאָמאָביל. אויף זיין הויכן ראַדיאַטאָר—אַ שלאַנק-פליגלדיקער שוואַן, וואָס האָט אויסגעצויגן זיין דינעם האַלז און זיך געריסן אויפצופענטן די שטאָלערנע קייטן פון די פיס און אַרויפפליען.

דער שאָפער, אָנגעטון אין אַ געלן קאָמבינעזאָן אויף פוכיקן פוטער, האָט אויסגעשטרעקט די האַנט אין אַ שניי-ווייסער הענטשקע, און צעפּראַלט דאָס טירל פון דער אויטאָמאָביל-קאַרעטע.

אַ הויכער מאַנספּאַרשוין אין אַ טכוירענעם פוטער, איז ווייך אַרויסגעשפּרונגען אויף דער סקריפּענדיקן שניי. אונטערהויבנדיק מיט איין האַנט דעם גלאַנציקן צילינדערהוט, האָט ער די צווייטע אונטער-טעניק אויסגעשטרעקט אין דער קאַרעטע אַריין. עס זענען אַרויסגע-

שטיגן צווי פרויען, וועלכע זענען איבער די אויערן געווען איינגע־הילט אין פוטער.

דאָס איז געווען טאַקע יענע קאָמיסיע פון דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט „אַראַ״, אויף וועלכער מיר האָבן געוואַרט אַזויפיל שלאָפ־לאָזע נעכט און הונגעריקע טעג. עס האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז זיי וועלן אויסקלייבן די סאַמע געזונטסטע, און זיי אַוועקפירן קיין אַמעריקע.

אויף מיינע פיס זענען נאָך געבליבן סימנים פון יענער נאַכט אויפן צמענטער. דעמאָלט האָט מען מיך אַ האַלב־דערפרוירענעם גע־פונען צווישן די צלאָמים.

איך האָב געמוזט ווידער קוקן אויף דער מכשפה, און דולדן די פריערדיקע פּאַראַנדקעס.

עס נאָגט מיך דער אומעט. גאַנצענע טעג זיצן מיר אָן אַ שטאָך אַרבעט, און קיינער ווייסט נישט, ווען עס וועט נעמען אַ סוף צו דער דאָזיקער געפענקעניש.

דורך די נעכט טרוים איך וועגן אַמעריקע. איך גלויב, אַז מען וועט מיך נעמען: איך בין אַ געזונטער. איך וואַרט אויף דער קאָ־מיסיע, אַזוי ווי אויף אַ געלונגענער גניבה, ווי אויף אַ פּאָרציע קאַקאַאָ, און אָט איז זי, זי איז ענדלעך געקומען צופאָרן.

די קאָמיסיע איז שטרענג. זי בראַקירט אָן אַ שיער. פון דעם גאַנצן אונטערשטן שטאָק האָט זי אויסגעקליבן אַ פּיר צענדליק. איך גלויב אָבער אין מיינע געצירשנטע מוסקולן, אַז עס איז געקומען מיין ריי, בין איך מונטער צוגעגאַנגען צו דעם באַברילטן לאַנגן אַמערי־קאַנער אין דעם ווייסן כאַלאַט, און מיט אַ שמייכל פון פרייד אויפן פּנים, האָב איך אַרויסגעשטעלט מיין ברוסט, גרייט צו כאַפּן קלעפּ.

דער לאַנגפיסיקער האָט געדרייט מיטן טרייבל ביי מיינע אויגן, פון איבער די ברילן אַ קוק געטון אויף מיינע אָפּגעקראַצטע פיס, אַ שטופּ געטון אין בויך, אַ קלאַפּ געטון אונטער די קני, און זיך אָפּגעקערט צו דעם ווייטערדיקן פון דער ריי, אַ זאַג טוענדיק צו די איבעריקע ווייסע כאַלאַטן, וואָס האָבן זיך געשטופּט הינטער זיינע פּלייצעס, עפּעס אַן אומפאַרשטענדלעך וואָרט.

די אַלטיטשקע אַנדרייעוונאַ, אונזער ניאַניע, האָט מיך אַ טאָרע געטון אין פּלייצע, און מיט ליבשאַפט געזאָגט:

— קום, זונעניו, קום, האָסט נישט אויסגענומען, טייערינקער, ביי אַמעריקע.

איך בין געגאַנגען איבער דעם פינסטערן קאָרידאָר און געטראַכט, אַז איך האָב פאַרהערט, איך האָב אָבער מורא געהאַט צו פרעגן ביי אנדרייעוונאַן דעם אמת. אַז איך בין געקומען אין מיין שמאָל צימערל, דערזען די פאַרשפּריצטע ראַמען, די פאַרשפּיגענע שטרוי-זעק, די באַמאָלטע ווענט, האָט אַ ווייטיק זיך צוגעקייקלט צום האַלז.

— הייסט עס, אַז איך וועל נישט פאָרן קיין אַמעריקע?

— וועסט נישט פאָרן, האַרצינקער, וועסט נישט פאָרן, ביסט אַ קראַנקער.

איך באַקום אַן אמתן אַטאַק, און וואַרף זיך אויף דער ערד. מיטן קאָפּ וויל איך צעברעכן די ברעטער, איך קלאַפּ אַרויס דעם קיט פון די שפּאַרונעס. אנדרייעוונא וויל מיך איינגעמען, זי שעפּטשעט מיר אין אויער אַריין:

— ווער אַנטשוויגן, דו שוטה איינער! איך וועל דיך אויסשטאַטן קיין אַמעריקע.

מיר זענען מיט איר אַראָפּגעגאַנגען אין הויף אַריין. אנדרייעוונא האָט מיך אויסגעטון הויל-נאַקעט, מיך אַריינגעוואָרפן אין אַ באַרג שניי און מיך אָנגעהויבן איינצורייבן מיטן שניי. זי האָט מיין קערפּער פאַרוואַנדלט אין בלוט מיט מילך. נאָכדעם האָט זי מיך אָפּגעוואַשן מיט קאַלט וואַסער, מיט אַ פוכיקן ליילעך אָפּגעריבן מיין לייב און מיך אונטערגערוקט דער מיד-געוואָרענער קאָמיסיע.

דער לאַנגפיסיקער האָט מיר אַזש מיט ליבשאַפט אַ פּאַטש געטון איבערן ברענענדן הינטן און אַליין מיך אַריינגעפירט אין דעם גרויסן צימער, ווו עס זענען געווען די אָפּגעקליבענע.

פאַרנאַכט האָט מען אונז אַריינגעזעצט אין לאַסט-אויטאָמאָבילן און אונז אָפּגעפירט צו דער סטאַציע, ווו עס האָט געוואַרט אַ ספּעציעלער צוג.

מיט דעם אויפנאַם-פּונקט האָט זיך קיינער נישט געזעגנט, קיינער האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף דעם גרויען, ווי אַ רעגן-וואָלקן-בנין.

אין וואַגאָן איז ליכטיק. אויף די פּאָליצעס ליגן ווייכע מאַטראַצן. קנאַקעדיקע ליילעכער, פוכיקע קישנס. אָוונטברויט האָבן מיר געגעסן רייז-קאַשע, באַשיט מיט צוקער אין אַ ראָזן סאָק. דאָס ברויט איז געווען אַמעריקאַניש-ווייס ווי שניי און פוכקע.

ביינאַכט האָט זיך מיר געחלומט אַמעריקע. איך שטיי אין בלו־מען, עס פליסט אַ טייך, וואָס איז ענלעך צו אַ מילך וואַסערפאַל, שטערן פאַלן ווי אַ רעגן, און אויבן איז געבליבן העננגען די שמו־ציקע ערד.

אויפגעוועקט האָט מיך אַ טרומייט און אַ פויקעריי. דאָס האָט די גרויע געריפן צו דער מאַרגן־תּפילה. נאָכן פרישטיק האָט זי אונז אויסגעזעצט אויף די אונטערשטע פּאַליצעס אין אַ שטרענגער שורה, אויסגעגלייכט אונזערע פּלייצעס, אַליין זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַמבוקאָוון בענקל און אָנגעהויבן איר דרשה:

—...איר זענט גרויסע בעל־עבירהניקעס, אייערע הערצער זענען שוואַרץ, איר דאַרפט איבערבעטן דעם אויבערשטן, דעם באַשעפער אייערן. זאָל ער דאָס בלוט, די נשמה, און דעם מוח אייערן לייטערן, און אויף אַ נייעם וועג אייך פירן. איר פאָרט אין אַ לאַנד, וואָס איז ממש אַ גן־עדן. דאָרטן וועט איר לייכטער אויסקויפן אייערע זינד, איר וועט ווערן האַרעפּאַשניקעס, שאָפערן, פילאָטן, שלאָסערס, מאַשי־ניסטן, קוילנגרעבער.

שלאָסערס? קוילנגרעבער? איך דערמאָן מיך אין סאָבאַטשייעווקע, אין דער כאַלופּע מיטן פיצינקן פענסטערל. דורך דעם פענסטערל פלעג איך גאַנץ־פרי זען דעם שלאָסער גיין צו דער אַרבעט. אַזוי ווי אַ שאָטן, אַזוי ווי אַ געשפּענסט פלעגט ער פאַרביישלייכן. איך דערמאָן מיך אָן טאַטן, ווי אַזוי ער האָט זיך דאָרט, אין דער אייזן־הוטע, אַ כאַפּ געטון פאַר די אויגן, און ווי אַזוי ער איז מיט דעם אָפענעם שוואַרצאַפל געלעגן ביים מייסטער אויף דער ווערענדע.

די זעלבע נאַכט האָב אויסגעשלאָגן אַ וואַגאָן־שויב, און זיך איינגעזופּט אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט, וואָס איז אַנט־קעגן געשוווימען דעם לויפנדיקן צוג. אינדערפרי האָב איך זיך דער־שלעפּט צו אַ סטאַציע. עס האָבן מיך אויפגענומען די רויטאַרמייער פון דעם פאַנצער־צוג „דער דאָנבאַסער פּראָלעטאַריער”, וועלכער איז געגאַנגען אויפן פראָנט — — — — — — — — — — — — —

די רויטאַרמייער האָבן מיך נישט באַשוכט און נישט באַקליידט: זיי אַליין האָבן אונטערן שינעל געהאַט בלויז אַ העמד, און די ביי־כער זענען געווען פאַרצויגן מיט רימענס. זיי האָבן מיך בלויז מכבד געווען מיט ציגאַר־מאַכאָרקע און מיך אויפגענומען אין זייערע אָרעמס. אַז עס האָבן אַ קלאַפּ געטון, און עס האָבן זיך גערירט די וואַגאָנעס,

האָב איך אַ שעפּטשע געטון: „אַדיע, אַמעריקע!" אַ רויטאַרמייער מיט אַ שטעכיקער באָרד און מיט שאַרפיקע הענט האָט מיך שטייף צוגעדריקט צו זיינע זייטן, מיך אַ וויג געטון, ווי אַ וויגעלע, און מיט אַ באַס-שטימע אַ רעווע געטון:

— שלאָף, שלאָף, פּיסטויל!

איינשלאָפנדיק, קוק איך אין דעם פאַרוואַקסענעם פּנים און דערקען די דינע און בלויע ליפּן און אַז זיי צעעפענען זיך — דאָס שוואַרצע אָנצייניקע מויל. איך גיב אַ געשריי: פון פאַרוווּנדערונג און פרייד. די וואַרעמע הענט דריקן נאָך וואַרעמער צו צו זיך, און איך הער אַ שעפּטשען:

— יאַטן, צעקנאַקט זאָלט איר ווערן אויף פּיצלעך, נאָר מען דאַרף אומבאַדינגט קריגן פאַרן בחורל עפּעס איבערצוקייען. נו, לעבעדיקער!

קאַפּיטל עלף

נאַכט. אַ טויבע, שטילע, בייזע נאַכט אין די טיפע זומפּן, אין די וואַלד-געדיכטענישן פון דעם בייפּראַנטיקן פּאַס.

עס לויפט אויף די רעלסן דער גרינער פּאַנצער-צוג, דער „דאָנבאַסער פּראָלעטאַריער". ער יאָגט אָן פייפעריי, צודעקנדיק מיט די שוואַרצע דיסקן, די סיגנאַל-פייערן. פון הינטן איז געבליבן דער סטעפּ, די פירהעטיקע ווינטמילן, די קברים-בערגלעך. אַרום און אַרום, פון אַלע זייטן, האָט דער שוואַרצער וואַלד אויסגעשטרעקט זיינע צווייגן צום צוג. איך הער, ווי ער שאַרכעט מיט די בלעטער.

ערגעץ נישט ווייט שרייט אַ סאָווע.

פונם זומפּ ציט אַ קעלט און אַ פייכטקייט. איך פאַרקנעפּל זיך און דריק מיך צו צום לאָקאָמאָטיוו-קעסל. עס גייט צו מיר צו דער מאַשיניסט באַגאַטיריאָוו. ער באַוועגט מיט די שוואַרצע וואָנסן, גלעט זיי מיט דער ברייטער פאַרגרעבטער האַנט, פאַרזשמורעט די אויגן און באַווייזט די געדיכטע ציין:

— אַי, אַי, ס'אַראַ חרפּה, סאַנקאַ איז דערפרוירן געוואָרן! און אפשר האָסטו זיך פאַרן שונא דערשראָקן, האַ?

איך באַווייז אים נישט צו ענטפערן: עס קלינגט דער טעלעפאָן.

דער דעזשורנע קאָמיסאַר נעמט דאָס טרייבל, הערט אויס, קלאַפּט צו מיטן קנאַכל און גיט איבער באַגאַטיריאָוון עפּעס אַ באַפעל.

איך בין צוגעוויינט צום פּאַנצער-צוג, צום קאָמאַנדיר האַרבוז, איך האָב ליב באַקומען דעם שטענדיקן אומרו, מיט וועלכן עס זענען פול מיינע טעג און נעכט, איך האָב אַסך אַרבעט. איך שייל קאַרטאָפל אין קיך, העלף שמירן דעם לאָקאָמאָטיוו, טראָג צו וואַסער צו די קוילנוואַרפערס. מען רופט מיך סאַניאַ, און אַז מען וויל מיך אַ צערטל טון, זאָגט מען:

— קינד, סאַן, קום נאָר אַהער!

מיין לייב האָט זיך אָפּגערייניקט פון די קרעץ, די אויגן האָבן אויפגעהערט צו טריפן. איך האָב זיך אויסגעלערנט צו לאַכן. אויף מיין גרין היטל — אַ העל רויטער, בלעכענער שטערן, וואָס פאַרנעמט דעם גאַנצן שטערן מיינעם. איך טרוים וועגן אַ שווערד. האַרבוז האָט מיר געזאָגט, אַז ווי נאָר מיר וועלן פאַרענדיקן מיט אָט דעם פראָנט, וועל איך אומבאַדינגט באַקומען אַ שווערד.

היינט וועט זיכער פאָרקומען אַ גרויסע שלאַכט. איך גיי דורך די פּולמאַן-וואַגאָנעס, קיינער שלאָפט נישט. ביי די ,קוילנוואַרפער ליגן רויטאַרמייער אין פולער אַמוניציע. ביי די פיס קנוילן זיך, אַזוי ווי שלאַנגען, די קוילן-סטענגעס. מאַט בלאַנקען די בלייערנע נעזער פון די קוילנוואַרפער. ס'איז דושנע. אַלע שיס-לעכער, פענסטער, ליוקעס זענען פאַרהאַקט. די שיידלען פון די קוילנוואַרפער זענען אָנגעפּולט מיט קאַלט קוואַל-וואַסער. איך לייג זיך אַנידער לעבן די לענטעס. איך זע, ווי אַ רויטאַרמייער לאָזט אַראָפּ די האַנט אין עמער אַריין, און מיט דער נאַסער דלאָניע פרישט ער אָפּ דעם שטערן, צעשפּיליעט דעם קאָלנער.

טרוקן און הילכיק האָט אַ דונער געטון דאָס גלעקל אין וואַגאָן, און באַלד נאָכדעם אַ באַפעל מיט אַ הייזעריק קול:

— שטילער גאַנג! אָפּשטעל! צו-גריי-טן זיך!

די מענטשן ביי די קוילנוואַרפער האָבן זיך אָנגעהויבן רודערן. דער לאָקאָמאָטיוו האָט זיך, שיפּענדיק מיט דעם קאָנטער-דאַמף, אָפּגעשטעלט. איך גיי אין דעם מאַשיניסט-ביידל, ווי אין אַ שוויצבאָד אַריין: דאָס העמדל איז תיכף פיטשנאַס געוואָרן. דער שווייס איז געראָנען באַגאַטיריאָוון גלייך אין די אויגן אַריין. ער האָט עטוואָס געעפנט

דאָס פֿאַנצער-לאָדנדל פֿונם פענסטער און עפּעס זיך איינגעקוקט אין דער שטאָק-פֿינסטערניש.

אויף יענער זייט פֿענסטער איז שטיל. אינם הייך-אויוון וויל-דעוועט דער פֿלאַם. און אפשר ברעכן זיך די צווייגן אונטער די נישט פֿאַרזיכטיקע פֿיס פֿונם לאָקער דאָרט, אין וואַלד?

דער דאָזיקער קאָמיסאַר איז צוגעפֿאַלן צו דער שפּאַרונע און, נישט אָטעמענדיק, הערט ער זיך צו, וואָס דער וואַלד רעדט. דערנאָך גייט ער צו צום טעלעפֿאָן, קלינגט אָן, נאָר, דערשרעקנדיק זיך פֿונם גערויש, הויבט ער כּמעט שעפּטשענדיק אָן צו רעדן מיטן קאָמאַנדיר פֿונם פֿאַנצער-צוג, מיט האַרבוזון.

— ס'איז שטיל, קיין שום פֿאַרדעכטיקס. לויט מיין מיינונג זענען מיר שוין ביים שונא אין נאַקן. מיר האָבן דורכגעמאַכט אַ דאָפּלטע שטרעקע, ווי מיר האָבן גערעכנט. וואָס! אַ פּולאַפּקע: מען פֿאַר-נאַרט אונדז? וואַרטן?

באַגאַטיריאָוו גייט צו צום קאָמיסאַר. ער גיט אַ דערלויבעניש צו באַטראַכטן דעם לאָקאָמאָטיוו. דער קאָמיסאַר פֿרעגט זיך אָן ביים קאָמאַנדיר און דערלויבט תּיכּף.

דער געהילף-מאַשיניסט נעמט אַ שליסל, אַ העמערל, דעם אייל-ניסער, ריגלט אויף די פֿאַרפּאַנצערטע טיר און לאָזט זיך שנעל אַראָפּ אויף דער ערד און רופֿט מיך מיט.

דער וואַלד שטייט האַרט איבער אונזערע קעפּ, בויגט זיך מיט די שפּיצן, רוישט מיט צאָרן, וואַרפֿט אַראָפּ טרוקענע בלעטער, אַזוי ווי בייזע, אוממעכטיקע טרערן.

שרעקלעך, אַזוי ווי אין אַ מעשהלע, מיט אַ שמייכעלע, ווונקט דער געהילף-מאַשיניסט מיטן קאָפּ אויפֿן וואַלד, ער קריכט אַרונטער אונטער די פֿאַנצערס, קלאַפּט מיטן העמערל, נאָכדעם רופֿט ער מיך צו און זאָגט מיט זאָרג:

— די אונטערשיפּניקעס האָבן זיך אָנגעוואַרעמט — כאַטש נעם און בראָט אייף דעם פֿלייש. מען דאַרף לויזער מאַכן די פֿאַרשרויפֿונג, פֿאַרגיסן. דערלאַנג מיר דעם מאַזוט.

איך לויף. אָבער אין דעם זעלבן אויגנבליק ווערט דער וואַלד באַלויכטן מיט בליצן פֿון שאָסן.

דער געהילף איז אַרויסגעקראָכן פֿון אונטערן לאָקאָמאָטיוו און איילט זיך צו די טרעפּלעך, אָבער, נישט אָפּלויפֿנדיק קיין פֿאָר טריט,

שטעלט ער זיך אָפּ, בויגט איין די ברוסט, ברעכט זיך אין די פיס, און אָן אַ געשריי טוט ער אַ פאַל אַנידער אויף דעם רוקן.

איך שפרונג אַרויף אויפן טרעפל פונם לאָקאָמאָטיוו. עמעצער גיט מיך אַ כאַפּ ביי די האָר, און שלעפט מיך אַריין אינם ביידל. איך פאַל אַנידער און באַלד נאָך מיר פאַרהאַקט זיך טיר, עס דונערט דער ריגל. באָגאַטיריאָוו קוקט אומרויִק, און פאַרווונדערט אויף מיר, און שרייט צום קאָמיסאַר, אַז מען זאָל עמעצן שיקן נאָך זיין געהילף.

דער קאָמיסאַר דרייט נישט אויס דעם קאָפּ, הערט דאָס כריפען אין דעם טעלעפאָן און טאָקט אָפּ יעדעס וואָרט:

— גוט, חבר קאָמאַנדיר.

באָגאַטיריאָוו פאָדערט נאָכאַמאָל מען זאָל ראַטעווען זיין געהילף.

דער קאָמיסאַר הערט אים נישט, ער קוקט איבער באָגאַטיריאָווס קאָפּ און באַפעלט:

— פולער גאַנג אויף צוריק!

באָגאַטיריאָוו שטייט און רירט זיך נישט פון אָרט.

— פולער גאַנג אויף צוריק, — חזרט איינדערשטיל איבער דער קאָמיסאַר.

באָגאַטיריאָוו פאָדערט פאָרט, מען זאָל ראַטעווען זיין געהילף.

— דאָס לעצטע מאָל — פולער גאַנג אויף צוריק!

באָגאַטיריאָוו גיט געשווינד אַ דריי דעם הויבער, און דער צוג האָט אָנגעהויבן גיין אויף צוריק.

דער קאָמיסאַר גייט צו צו מיר, דערלאַנגט מיר אַ לאָפּעטע און זאָגט שטיל:

— העלף, סאַניא!

איך וואַרף אין אויוון אַריין קוילן מיט דער גרויסער לאָפּעטע, וועלכע איז אַ סך גרעסער פון מיר. איך פּאָמפּע אָן וואַסער. עס נודעט מיך, עס איז מיר פינסטער אין די אויגן, איך זע נישט די מאַנעמעטערס, נישט די מענטשן.

צייטנווייז האַלט איך נישט אויס, און לאָז מיך אַראָפּ אויף דער פּאָדלאָגע. באָגאַטיריאָוו וויל מיר העלפן, איך הויב זיך אָבער ווידער אויף, וואַרף קוילן, פּאָמפּע וואַסער.

דער קאָמיסאַר רעדט דורך דעם טעלעפאָן. אויסהערנדיק דעם קאָמאַנדיר, קוקט ער אויף מיר, און שאָקלט באַגיטיקט מיטן קאָפּ. ענדלעך גיט ער דעם באַפעל:

— איינהאַלטן דעם גאַנג! אָפּשטעלן!

האַרבוז אַליין קומט צולויפן אויפן לאָקאָמאָטיוו. ער קוקט זיך אַפילו אויף מיר נישט אום, און רעדט מיט דעם קאָמיסאַר און מיט באַגאַטיריאָוון. ווי אַזוי פילט ער נישט, אַז דאָס האָב איך, טאַקע איך, די גאַנצע צייט געהאָדעוועט דעם לאָקאָמאָטיוו?

איך און באַגאַטיריאָוו לויפן באַקוקן די מאַשין. דערזעענדיק די אָנגעגליטע אונטערשיפּניקעס, בעט ער ביי האַרבוזן עטלעכע מינוט אויף רעמאָנט, דער קאָמאַנדיר באַפעלט:

— וואַרטן ביזן סיגנאַל. ביז אונזערע פּוסגייער וועלן זיך צו־נויפציען און אויסגלייכן די קייט — שטיין. און נאָכדעם — אָנגרייפן!

דער קאָמאַנדיר גייט אַוועק. באַגאַטיריאָוו פּרוווט אַפילו נישט צו דערווידערן. ער קאָן דעם כאַראַקטער פון אָט דעם מענטשן. באַגאַ־טיריאָוו גיט מיר דעם שליסל, אַ העמערל, דערקלערט מיר, ווי אַזוי מען דאַרף רעמאָנטירן דעם אונטערשיפּניק, און אַליין לויפט ער אויפן לאָקאָמאָטיוו. איך הער פון דאָרטן דעם קאָמיסאַרס באַפעל:

— שטילער גאַנג, פּאַרויס, אָן גערויש! פאַרגרייטן פולן דאַמף־דרוק, עס שטייט פאַר אַ פאַרסירטער דורכלויף.

איך שטיי אַ צעטומלטער. איך ווייס, אַז אויב מען וועט נישט פאַרריכטן דעם אונטערשיפּניק, וועלן מיר אַוועקפּטרן די אַקס פונם לאָקאָמאָטיוו. אָבער, אַז באַגאַטיריאָוו וועט אַראָפּגיין אונטן און זיך נעמען רעמאָנטירן דעם אונטערשיפּניק, וועט זיך אָפּשטעלן די גאַנצע אָנגרייפנדיקע קייט. און דעמאָלט... ווער ווייס, וואָס עס קאָן דע־מאָלט געשען?

איך האָב פעסט באַשלאָסן אומבאַדינגט אַליין צו פאַרריכטן דעם אונטערשיפּניק.

...דער לאָקאָמאָטיוו האָט זיך גערירט, אין דער טיר האָט זיך באַוויזן באַגאַטיריאָוו. ער בעט זיך רחמים:

— אין מיטן גאַנג, סאַנקאַ, פאַרטשעפּע זיך אין דער ראַם און אַרבעט...

הינטער באַגאַטיריאָוון שטייט דער קאָמאַנדיר. די ליפּ הענגט ביי אים אַראָפּ און ציטערט. ער זעט, אַז איך בין אין ווייסן העמד, טוט ער אויס זיין גרין העמדל און וואַרפט דאָס אַרויף אויף מיינע פּלייצעס.

— אַזוי איז טונקעלער — זיי וועלן נישט באַמערקן — און ער האָט מיך כמעט אַראָפּגעשטופּט פונם לאָקאָמאָטיוו.

איך בין אראפגעפאלן אין א גראבן. די פייכטע ערד האט זיך נאכגעגעבן, אזוי ווי א קישן. אונטער די הענט האבן א שארכע געטון בלעטער.

אין מיטן גאנג קלאמער איך זיך אן אין דעם פאנצער פונם לאקאמאטיוו, גליטש זיך ארונטער אונטערן פאנצער. און ווי נאר דער לאקאמאטיוו שטעלט זיך אפ אויף א רגע, קלאפ איך מיטן העמערל, דריי מיטן שליסל, באגיס דעם אונטערשיפניק. געענדיקט דעם רעמאנט, גיב איך זיך א ווארף אויף דער ערד און, נישט איינהאלטנדיק די משוגענע פרייד, בויג איך זיך אפילו נישט איין און לויף גלייך צו די טרעפלעך.

באגאטיריאוו באפעלט:

— הייץ איין ביזן ווייסן פייער, פאמפע אן וואסער, באגיס מיט אייל די קאלבנס.

ער האט פארגעסן, אז ער רעדט מיט סאנקאן, וועלכן מען רופט „קינד". ער האלט מיך פאר זיין אמתן געהילף. הייסט עס, אז קיינער גועט ביי מיר נישט אראפנעמען דעם שטערן, און איך וועל נאך באקומען א שווערד אויך? איך וועל באקומען!

דורך דער שפארונע פון דעם פארפאנצערטן פענסטער זע איך, ווי עס ווערט געבוירן דער טאג. דאס שיסעריי הערט נישט אויף. מיטן פולן גאנג טראגן מיר זיך אין נאקן פונם שונא.

*

א ווארעמער מילדער אוונט. א פרילינג פארנאכט. דער פאנצער-צוג לויפט איבער די רעלסן פון מזרח-בוכארע. מען האט אונז ארי-בערגעווארפן פונם פראנט צו ליקווידירן די באסמאטשישע באנ-דעס, וועלכע האבן פארפלייצט דאס דאזיקע לאנד, וואס איז איצט ענלעך צו א מדבר. מיר זעען נישט קיין צעאקערטע פעלדער, מיר באגעגענען נישט קיין קעמלען, קיין סטאדעס שאף. פארביי אונז שוועבן דורך חרובע אריקעס *), וועלכע האבן זיך יארנלאנג געבויט און גע-שפייזט דאס דאזיקע פאלק.

אין צווייען, איך און דער רויטארמייער פיאדאראוו, מיט דעם געגאלטן קאפ, ליגן מיר, און רוען זיך אפ נאך דער וואכטע.

---

*) באלופעס.

ער קוקט אומעטיק דורך דעם שיס-לאָך אויף די טרויעריקע פעלדער, זיפצט שווער אָפּ און קלאָגט זיך:

— סאַניא, אין אונזערע טאמבאָווער קאַנטן, מוז דורך די אַנ-טאָנאָווער באַנדעס, מסתּמא, אויך אָפּגעטון ווערן שרעקלעכע זאַכן...

פּיאָדאָראָוו איז אַנטשוויגן געוואָרן, נאָכדעם האָט ער ווידער געפרעגט:

— און מיט וואָס וועט דאָס פאָלק זיך דערנערן? וואָס וועט עס עסן? אַך, אויסוואָרפן!...

ער ליגט לאַנג שווייגנדיק, נאָכדעם ציט ער אויס די האַנט, וואָס גיט אַ קנאַק אונטער דעם ענגן העמדל, און נעמט מיך אַרום:

— אין דאָרף האָב איך אַ ווייב, דריי קינדערלעך, אַ קו, אַ ביקל... פינף יאָר האָבן מיר זיך שוין נישט געזען. ס'איז פרילינג — מען דאַרף זייען, און עס איז נישטאָ ווער. עך!...

איך האָב נישט קיין מיטלייד אויף פּיאָדאָראָוון, איך באַנעם נישט, הייב נישט אָן צו פאַרשטיין זיין בענקשאַפט, דער ווינט פליסט שטיל אַריין דורך די שיס-לעכער, פאַלט אויף דער ברוסט און באַ-וועגט זיך, אַ מילדער, אַ פּוילער, אַ קילער.

עס איז גוט! איך ליג לעבן שיס-לאָך, און קיינער טרייבט מיך נישט אַוועק פון דער אָוונט-קילקייט. איך בין אַ גלייכבאַרעכטיקטער. איך טראָג פּונקט אַזאַ שטערן, אַזאַ אָפּצייכנונג און העמדל, ווי אַלע איבעריקע רויטאַרמייער. קיינער רופט מיך נישט „קינדעלע". און ערשט נישט לאַנג איז מיין זיין אין דעם אָפּטייל פאַרגעזעצלעכט געוואָרן.

דער קאָמאַנדיר פונם פּאַנצער-צוג הארבוז האָט אינם באַפעל וועגן אַרויסגעבן נייע קליידונג אָפיציעל דערמאָנט מיין פאַמיליע-נאָמען.

אַז איך באַגריס זיך מיטן קאָמאַנדיר, אַ קלאַפּ-טוענדיק מיט די קנאַפּל, צודריקנדיק איין פוס צום אַנדערן און אויסציענדיק זיך, ווי אַ סטרונע מיט דער האַנט צוגעלייגט צום דאַשעק, לאַכט שוין נישט הארבוז. ערנסט און זאַכלעך ענטפערט ער מיר אויף מיין באַגריסונג. אויפן לאָקאָמאָטיוו פונם פּאַנצער-צוג בין איך דער אָנערקענטער גע-הילף פונם מאַשיניסט באָגאַטיריאָוו. איך גיב און נעם איבער די וואַכטע. צומאָל בין איך אַ גאַנצן מעת-לעת אויף דער וואַכטע, און האַלט דאָס אויס.

...אין דעם פּולמאַן-וואַגאָן קומט אַריין באָגאַטיריאָוו. ער גייט

איינגעבויגן און איז צעשויבערט; ער גיט אַ געשריי, אין מיטן גאַנג, נישט אומקוקנדיק זיך צו מיר:

— סאַנקאַ, אויף דער וואַכט!

איך הויב זיך אויף, גיי נאָך באַגאַטיריאָוון, און חידוש זיך גאָרנישט, וואָס מען האָט אונז ווידער אַרויסגערופן אויף דער וואַכט, נאָכדעם, ווי מיר האָבן אָפּגעאַרבעט אַ גאַנצן מעת-לעת. עס טרעפט אַזוי גאַנץ אָפט, כמעט אַלע מאָל, איידער עס שטייט פאַר אַן ערנסטער קאַמף. דער צווייטער מאַשיניסט איז נאָך נישט קיין געניטער, און דער קאָמאַנדיר געטרויט אים נישט.

אויפן לאָקאָמאָטיוו דערוויסן מיר זיך, אַז דער נייער מאַשיניסט איז קראַנק געוואָרן, ער האָט געקריגן פיבער. ער שטייט ביים רעגולאַטאָר און קאָרטשעט זיך פון קעלט. זיינע ליפּן זענען בלוי, די באַקןביינער זענען געל, און דער קאָפּ טרייסלט זיך, ווי ביי אַ פּאַראַליטיקער. אין זיין האַנט האַלט זיך נישט דער שליסל, דער פּאַפּיראָס פאַלט אַרויס פון די ליפּן. ער בעט זיך, מען זאָל אים וואָס גיכער אַוועקלייגן אין בעט, אַרויפוואַרפן אויף אים מאַטראַצן, קאָלדרעס — אַבי אַביסעלע זיך דערוואַרעמען.

באָגאַטיריאָוו נעמט איבער דעם לאָקאָמאָטיוו און וואָרטשעט שטילערהייט, אַז די אַלטע וואַכט זאָל נישט הערן:

— אָט אַ פאַרשאָלטענער אָנצייניקער, נישט געלאָזט זיך אָפּרוען...

פאַר מיר האָט באָגאַטיריאָוו קיין מורא נישט. ער ווייסט, אַז איך האָב געזען, ווי ער האָט היינט אינדערפרי אויסגעביטן נאַפט אויף רייז-בראָנפן ביי אַ פאַרדעכטיקן פאַרשוין אין אַ כאַלאַט. אינאָוונט האָט ער געוואָלט טרינקען בגניבה, אונטער דער קאָלדרע, נאָר מען האָט אים געשטערט.

דער קאָמאַנדיר האַרבוז ווייסט שוין לאַנג פון זיין שוואַכקייט צום בראָנפן. איך געדענק, ווי איינמאָל אויפן פראָנט האָט ער דערזען, ווי באָגאַטיריאָוו ציט פונם פּיסקל פונם טשייניק. דער מאַשיניסט האָט זיך צעטומלט, אָנגעהויבן צו הוסטן און נישט געוווּסט וואָס צו טון מיט דער גרויסער בלעכערנער כלי. ער האָט זיך נישט געקענט באַשליסן אַרויסצונעמען דאָס פּיסקל פונם מויל, כדי האַרבוז זאָל נישט דערפילן דעם בראָנפן-ריח. ער האָט זיך געאיילט אויסצוליידיקן דעם טשייניק. ער האָט אים איבערגעקערט און אויסגעטרונקען ביזן דעק. האַרבוז האָט זיך אָנגעשטויסן, און שטיל, אָן רעש, אַריינגערופן

באַגאַטיריאָוון צו זיך אין דער ענגער קאַמער. קיינער האָט זיך נישט דערוווּסט, נאָך וואָס באַגאַטיריאָוון איז געגאַנגען צו האַרבוזן און וועגן וואָס זיי האָבן דאָרט גערעדט, באַגאַטיריאָוו האָט דאָס אַפילו מיר אויך נישט דערציילט. אַז איך האָב אים געפרעגט, האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און אָן חשק געענטפערט:

— אָט אַזוי זיך, מיר האָבן געשמועסט וועגן דער מאַשין.

באַגאַטיריאָוו האָט זיך לאַנג געשטאַרקט, די גאַנצע צייט נישט גענומען קיין בראָנפן אין מויל אַריין, אָבער דאָ, אין אַזיע, האָט ער נישט אויסגעהאַלטן.

דער צוג לויפט מיט דער גאַנצער שנעלקייט. מיר איילן זיך. עס איז זייער געמאָלט, אַז אינדערפרי וועלן מיר זיך שוין טרעפן מיט איבראַים-בעקס רייטערס.

דאָס גרינס האָט זיך געענדיקט נאָך בייטאָג. מיר פאָרן דורך סטעפּ און זאַמד, די טרוקענע זאַמדן פון קאַרא-קום דערגרייכן ביז צו דער ליניע פון דער אייזנבאַן.

פונם געלויף פון אונזער צוג הויבט זיך דער מדבר אויף און שיט מיט זאַמד. הינטער אונז בלייבט אַ רויכיקער עק פון זאַמדיקן שטורם.

באַגאַטיריאָוו ווישט אויס די פאַרשטויבטע אויגן און קלאָגט זיך:

— ווו מיר פאָרן, זעט מען נישט. אַז מיר וועלן אויף עפּעס אַרויפפליען, וועט פון אונז קיין זכר נישט בלייבן.

און טאַקע באַלד, ווי ער וואָלט געוואָלט פאַרווירקלעכן באַגאַטיריאָווס נביאות, איז דער לאָקאָמאָטיוו הויך אונטערגעשפּרונגען מיט פאָדערשטע רעדער. באַגאַטיריאָוו האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דער ראַם. איך בין אומגעפאַלן, און דערזען אונזערביידל אָן אָנגעבויגן, ווי אַן איבערגעקערטע ברעט אויף אַ הודאַוועקע, דער הייץ-אויוון איבערן קאָפּ, איך האָב דערהערט געשרייען, זיפצן, קרעכצן, שאָסן — און בין געפאַלן אין חלשות.

אויפגעכאַפּט האָב איך זיך צווישן אַ באַרג רויכענדיקע ברוכ-שטיקער. די פיס זענען נאַס. איך גיב זיי פאַרזיכטיק אַ טאַפּ — זיי זענען גאַנץ. לעבן מיר ליגט דער אייל-גיסער. פונם פיסקל פליסט אויף מיינע פיס מאַזוט. איך וויל זיך אָפּרוקן און קאָן נישט. עס ווילט זיך אַ טרונק. איך באַוועג קוים מיט דער געשוואָלענער צונג. אין מויל איז הייס און שטויביק.

— וואַסער...

עס איז שטיל. אויף דער פליצע האָט זיך אַוועקגעזעצט די פינסטערע נאַכט. אין דער ווייטער, הויכער טיפקייט ציטערן, פלאַטערן די מזרחדיקע שטערן.

נידעריקער פון די שטערן לויפט, דרייט זיך דער בלויער טייך פונם באַגינען און פאַלט אַריין אין דעם שוואַרצן אָפּגרונט פונם גרינס. צעשטערנדיק די שטילקייט, האָט גאָר נאָענט ווילד און הילכיק זיך צעהירזשעט אַ פערד. עס ענטפערט אָפּ אַ צווייטס, אַ דריטס. איך הער גוט דאָס קלינגען פון די ציימלעך, דאָס סקריפּען פון די בייאינקע זאָטלען און געשרייען פון מענטשן, אומבאַקאַנטע, הייסע, הויכע געשרייען.

עמעצנס אַ האַנט — אַ גרויסע, מיט האַרטע מאָזאָליעס, — פאַרדעקט מיין שעפּטשען.

— שווייג, שטילער!

איך דערקען האַרבוזן — ער קוקט זיך אַרום, זוכט עפּעס.

— איז נאָך עמעצער דאָ?

— קיינער נישט.

ער הויבט מיך אויף פון דער ערד, צווינגט מיך אַרומנעמען זיין האַלז און קריכט. איין האַנט ביי האַרבוזן באַמבלט זיך, אַ שלאַבעריקע, אַ דאַרע, זיינע פליצעס זענען דורכגעווייקט. איך פאַרשטיי, אַז עס איז פון בלוט. עס איבלט מיך.

מיר זענען פאַרקראָכן אין אַ זאַמד-גרוב, איבערלאָזנדיק הינטער זיך דעם צוג, וואָס איז געלעגן איבערגעקערט אונטערן בערגל. אַרומגענומען ליגן אין דעם גרוב צוויי רויטע אַרמייער. לויט די גרויע האָר דערקען איך באַטאַטיריאָוון און לויטן נאַקעטן, אָפּגעגאָלטן קאָפּ — פּיאָדאָראָוון. זיי קרעכצן. האַרבוז באַפעלט:

— נו, הויבט זיך אויף, שנעלער!

דער קאָמאַנדיר קריכט אַרויס פונם גרוב. מיר פויזן נאָך אים, עס שיט זיך אין אונזערע אויגן טרוקענער, וואַרעמער זאַמד.

אַרויסגעקראָכן פונם גרוב, פויזט האַרבוז ווייטער איבער דער מדבר. מיר קריכן נאָך אים. מיר קריכן און באַהאַלטן זיך אויס אונטער די אויפגעכוואַליעטע זאַמדן. זיי באַשיצן אונז נישט פונם ווינט. ער יאָגט אַרום איבערן מדבר, קלאַפּט אים מיט די נישט-געזעענע טלאָען, הויבט אויף דעם זאַמד און, אונטערטרייבנדיק אים מיט די פליגל, דרייט ער זיך, פליט אין אַ משוגע-ווילדן טאַנץ.

די זאַמד-כוואַליעס הויבן זיך אויף אַזוי ווי לעבעדיקע. זיי רוקן זיך אויף אונז, פאַלן ווי אַ וואַנט אויף אונזערע קעפּ, אויף אונזערע פּלייצעס און פאַרשיטן. די ציין, די אויגן, דער האַלז זענען פול מיט זאַמד, —מיט הייסן, טרוקענעם, אַזוי ווי נישט אָפּגעקילט אַש, זאַמד.

האַרבוז האָט אויפגעהערט צו קריכן. ער האָט פאַרשטעלט דעם נאַקן מיט די הענט און איז פאַרגליווערט געוואָרן. באַגאַטיריאָוו און פּיאָדאָראָוו שטייען אויף די קני, דרייען זיך ווי אַ דריידל אויף איין אָרט. זיי שרייען אַפּנים, אָבער צו מיר דערגייט בלויז אַ קראַנק, הייזעריק זיפּצן.

דער הוראַגאַן שטילט זיך איין! האַרבוז האָט זיך אַ ריר-געטון און, אַ קוק טוענדיק אויף אונז, האָט ער ווידער גענומען קריכן, פאַרקערעווענדיק זיך גלייך אויף רעכטס.

אָבער ווי נאָר מיר רירן זיך פון אָרט, הויבט זיך דער הוראַגאַן ווידער אויף און שמייסט אונז אָן אויפהער מיט זאַמד. ער פייפט, שלעפּט אונז איבערן מדבר, קערט אונז איבער מיטן שטערן, מיט די באַקן-ביינער אַראָפּ, פליקט די הויט מיט האַרטן זאַמד.

מיר קריכן אַראָפּ אין אַ טיפן גרוב. דאָ איז שטיל און קיל. איך קוק מיך אום און דערקען די באַקאַנטע, גלייכע ווענט. פונדאַנען האָבן מיר אָנגעהויבן צו אַנטלויפן.

האַרבוז דראַפּעט זיך עקשנותדיק אַרויף, אויסשטרעקנדיק די לאַנגע הענט. דער ווייכער קרישלדיקער זאַמד גיט זיך אונטער זיינע קנאָכיקע פינגער און שיט זיך אַראָפּ, מיטשלעפּנדיק מיט זיך האַרבוזן. ער הויבט זיך אויף און קריכט נאָכאַמאָל. דער זאַמד וואַרפט אים ווידער אַראָפּ. נאָך אַ פּרווו — און ווידער דער דעק...

סוף-כל-סוף בלייבט האַרבוז אָן כוחות. ער פאַלט אויפן רוקן, ברייט צעוואַרפנדיק די הענט. דער זאַמד פאַרשיט זיין ברוסט, שאָרכעט איבער דער האַרטער, שוין לאַנג נישט געגאָלטער באָרד. לעבן אים ליגן באַגאַטיריאָוו און פּיאָדאָראָוו, ביידע שוואַרצע און שטילע. איך קריך צו צו זיי, רוף זיי. זיי שווייגן. איך דראַפּע זיך אויף דער וואַנט פון גרוב.

האַרבוז גיט קוים-קוים אַ ריר מיטן האַלז, ער רופט מיך צו. ער שעפּטשעט:

— סאַנ... דערקריך... סטאַציע... סטאַציע... גיב צו וויסן, אַז די בריק... באַסמאַטשעס אויפגעריי...

הארבוז איז אַנידערגעפאַלן אויפן זאַמד און אַנטשוויגן געוואָרן. נישט עפענדיק די אויגן, האָט ער אָפגעשפיליעט די קאָבורע, מיר זי אַרייַנגערוקט, אַ שווערע, און אַנגעוואָרעמטע. ער האָט זיך געזעגנט, קוים־קוים צורירנדיק זיך צו מיין אַקסל מיט די ציטערנדיקע פינגער. איך האָב אַרומגענומען באַגאַטיריאָוון און פיאָדאָראָוון.

*

ס'האָט שוין געטאָגט, ווען איך בין דערקראָכן צו דער סטאַציע, ווו עס איז געשטאַנען אַ רויטאַרמייאישער אָפטייל.

איך בין געלעגן אויף דער פּאָדלאָגע, איבער מיר איז אויף די קני געשטאַנען דער גאַרניזאָן־קאָמאַנדיר מיט זיינע קופּערנע באַקן און שיקלדיקע אויגן. איך האָב אים דערציילט וועגן פאַנצערצוג, וועגן די באַסמאַטשעס, וועגן דער קאַטאַסטראָפע, וועגן הוראַגאַן, וועגן האַרבוזן, באַגאַטיריאָוון און פיאָדאָראָוון.

מען האָט גלייך אַרויסגעשיקט אַן אָפּטיילונג רויטאַרמייער אויפן אָרט פון דער קאַטאַסטראָפע.

קאַפּיטל צוועלף

אויף אַ פאַרוואָרפענער קליינער סטאַציע, ווו דער אויסלענדישער עקספרעס שטעלט זיך אָפּ אָנצונעמען וואַסער, זענען אַרייַנגעשטיגן צוויי פאַסאַזשירן.

זיי זענען געקומען פון דער סטעפּ־זייט. אין דער פינסטערניש אונטערן וואַגאָן האָבן זיי צוגעוואַרט, ביז דער צוג האָט זיך גערירט, און נאָכדעם פלינק און שנעל אַרויפגעקראָכן דורכן אייזערנעם לייטער אויפן דאַך, כדי פון דאָרטן אַלס אומגעבעטענע געסט, אַרייַנצובאַקומען זיך אין די שטילע קופּע.

דאָס זענען געווען דער איינברעכער געפליגלטער און איך, היי־ליקער, זיין קאָריש. פאַראַיאָרן פרילינג האָבן מיר אין מיטל־אַזיע זיך ווידער באַפרייַנדעט. נאָכדעם, ווי איך בין אָפּגעשטאַנען פון דעם פאַנצער־צוג־אָפּטייל, האָב איך זיך באַגעגנט מיטן געפליגלטן. אָפּגע־ווען ביי אים אַ שטיקל צייט, נישט געוווסט, וואָס ווייטער צו טון, און אָפּגעלייגט דאָס צעגיין זיך מיט אים ביז אַ פּאַסיקן מאָמענט.

און דערווייל גייען מיר צוזאַמען איבער די צוגן. אַ גאַנצע

נאַכט האָבן מיר אָפּגעוואַרט דעם עקספּרעס אויף דער פּראָווינצער סטאַציע. געקומען אַהער זענען מיר נאָך בייטאָג.

עס פעלט אַ שניי. דער האַלב-קיילעכדיקער דאַך פונם וואַגאָן איז באַדעקט מיט אַ דינעם אייז-הייטל און איז ענלעך אויף אַ גליטש-פּלאַץ, אויף וועלכן מען מאַכט קונצן. דורך די שיך פיל איך דאָס אייז.

אָנגעטון בין איך אין אַ פּיזשאַמע מיט פּאַסן און מיט אַ ליילעך — דאָס איז אַ מאַסקאַראַד פאַר דעם קאָנדוקטאָרס וועגן.

איך לאָז זיך אַראָפּ אויף דער פּלאַטפאָרם, וואָס פאַרייניקט דעם אינטערנאַציאָנאַלן וואַגאָן מיט דעם באַגאַזש-וואַגאָן. איך קלייב-צו שליסלען, און ווי אַ שאָטן שלייך איך מיך אַריין אין קלאָזעט אַריין. איך האָב אָפּגעטרייסלט דעם שניי פונם ליילעך, זיך אָנגעוואַרעמט, איינגעשטילט די ציטערניש, אַ קוק-געטון אין שפּיגל און זיך געלאָזט גיין איבער דעם קאָרידאָר. קיינער איז נישטאָ. אָפּגעציילט צוויי קופּע, העט זיך צו דער דריטער, מעשה-באַלעבאָס גיב איך אַ דריי דעם שליסל, פאַרמאַך שטיל די טיר, און ווער פאַרזונקען אין דעם בעז-טונקל. איך וואַרט, אַז באַלד וועט זיך אויפהויבן עפּעס אַ קאָפּ, און איך וועל זיך דאַרפן פאַרענטפערן, אַז איך האָב פאַרבלאָנזשעט. די פּיזשאַמע און דער ליילעך וועלן נישט אַרויסרופן קיין פאַרדאַכט.

די בעטן האָבן אָבער קיין סקריפּ נישט געטון.

באַזוכן די קעשענעס פון די אַראָפּגענומענע מלבושים, אַראָפּ-נעמען פון דער פּאָליצע די וואַליזע, וואָס זעט אויס סאָלידער — איז אַן עסק פון איין מינוט. מיט דעם זעלבן וועג קער איך זיך אום צוריק אויף דער פּלאַטפאָרמע, ווו געפליגלטער וואַרט שוין אויף מיר. מיר וואַרפן אַראָפּ די וואַליזע אין שניי אַריין און צעשיידן זיך מיטן צוג.

היגטער די געדיכטע ווייסקעפּיקע יאָדלעס האָבן מיר אויפגעעפנט די סאָלידע וואַליזע. מיר האָבן אין איר געפונען אַ פּאַק שיינע ביכער, אַ גומענע וואַרעם-פלאַש, אַ פוכענעם האַנטוך, אַ גאַנצע קאָ-לעקציע פון ציין-פּאַסטע, אַ קאָמפּלעט זשורנאַלן און אַ שאַכטל שאָקאָלאַד.

דער שניי פאַלט ווי אַ געדיכטער טעפּיך אויף דער ערד, דער ווינט מישט די זייטלעך פון די זשורנאַלן, און מיר זיצן נאָך אַלץ איבער דער וואַליזע. בגניבה כאַפּ איך אַ קוק אויפן געפליגלטן. ער שטייט אויף די קני, די וויעס האָט ער אַראָפּגעלאָזט איבער די טיפע אויגנלעכער, די ליפּן האָט ער פאַרגראָבן, ער וואַרט אויף עפּעס. די געקרייזלטע, נישט געקעמטע באָרד צעשויבערט דער ווינט.

ער האָט זיך אָנגעבויגן צו מיר. נישט אויפמאַכנדיק די אויגן, פרעגט ער שטיל:

— מער איז גאָרנישטאָ, הייליקער?

אין מיינע קעשענעס האָב איך צוויי זייגערס, אַ שווערן פאָרט-סיגאַר און אַ גראָבן פּאַקעט. איך שאָקל אָבער מיטן קאָפּ.

— און אין די „לאַכעס״ האָסטו גאָרנישט געפונען?

— גאָרנישט.

געפליגלטער איז אַ שפרונג געטון. די שאַרפע נעגל האָבן זיך איינגעעשניטן אין מיין האַלז, די אויגן פאַרשפריצט מיט סלינע:

— דו נבלה, פאַרלייקענען ווילסטו? רייך ווערן ווילסטו?

ער האָט אָראָפּגעריסן מיין פוטערן היטל מיט די אויערן און געפּאָדערט:

— לייג אַוועק דעם חלק!

איך האָב זיך דערמאָנט אין מיינע פריערדיקע עסקים מיטן געפליגלטן. איינמאָל האָבן מיר „געקויפט״ אין אינטערנאַציאָנאַלן וואַגאָן אַ וואַליזע מיט גאָלדערנע און זילבערנע לייכטער. דעמאָלט האָב איך מער, ווי דאָס וואַרעמען זיך אין דער „מלינה״, עטלעכע שמעק קאָקאַין און עטלעכע פּירעזשקעס נישט באַקומען, דאָס איבעריקע האָט ער צוגענומען. איך האָב אַרויסגענומען דעם זייגער, געגעבן אַ גלאַנץ מיט אים און אַרויסרופעריש געזאָגט:

— איכל נישט געבן. זוך דיר אַן אַנדערן קאַריש!

און מיר האָבן זיך אין מיטן דער ווישטער נאַכט צונויפגעטראָפן אין געראַנגל. געשטאַנען ברוסט קעגן ברוסט, שטיל, שווייגנדיקע, פאַרשיכּורטע.

געוואָלט האָט דער געפליגלטער מיך נעמען מיט בלאַטער כיט-רעקייט. ער האָט זיך אומדערוואַרט אַראָפּגעזעצט, אויסגעשטרעקט די הענט צו מיינע פיס, מיך אַ שלעפּ געטון צו זיך.

מיר זענען ביידע אומגעפאַלן. עפּעס האָט מיך פאַרטויבט, און איך זע קוים דעם געפליגלטן. דוכט זיך, אַז ער וויל זיך אויפהויבן: ער פויזעט אויף דער ברוסט, מיט דער גאָמבע, מיטן קאָפּ מעסט ער אָפּ די שטרעקע, וואָס טיילט אונז אָפּ...

— ניין, ניין, געפליגלטער, איך האָב נישט פאַרגעסן דעם לאָקאָמאָטיוו פונם פאַנצער-צוג, מיך פרייט נישט דער אָפּיום-ריח.

צ ו ו י י ט ע ר   ט י י ל

דאָס געבורט פון ליבע

קאַפּיטל איינס

איך עפן די אויגן. איך פיל נישט מיינע אברים, כאָטש איך זע, אַז מיין קערפּער ליגט אויף אַ בעט, אַ פאַרבאַנדאַזשירטער, אין ליי-לעכער, אַ לאַנגער און דינער, ווי אַן אויסגעטריקנטער שטאָם פון אַ זון-בלום. איך באַטראַכט אים אַזוי ווי פון דער זייט. איך זע אַ ווייסע און גלאַטע ברוסט, נאַקעטע הענט מיט גלאַנציקער הויט, ריינע און דאַרע פיס.

איך באַטאַפּ אויפמערקזאַם מיינע מוסקולן, באַקען זיך מיט זיי. מיין פריערדיקער קערפּער איז גאָרנישט געווען אַזאַ. די ברוסט איז קיינמאָל נישט געווען צוגעדעקט ביזן האַלז מיטן העמד. פונם שניי, ווינט, רעגן, שטויב, זון זענען אין דער הויט אַריינגעדרינגען ברוינלעך-ליליע פלעקן. די פינגער, די דלאָניעס זענען געווען מיט רויטע ראַנן. די פיס, אַזוי ווי אָנגעטון אין גרויע זאָקן. דאָס גאַנצע לעבן האָב איך זיך נישט געוואַשן: נישט געהאַט קיין צייט.

ווי זויבער עס איז אין דעם דאָזיקן צימער! קעגנאיבער מיר — אַ ברייט פענסטער. הינטער אים זעען זיך בערג מיט שניי, וואָס איז ערשט אַראָפּגעפאַלן פון הימל. און הינטער די בערג — אַ וואַלד.

עס לייכט אַ העלע זון. עס טוען וויי די אויגן צו קוקן אויף איר. דער טיול פונם פאָרהאַנג, וואָס פאַלט אַראָפּ מיט נישט גע-הערטע כוואַליעס, איז אַזוי ווי ערשט אַרויס פון דער מאַשין אַן אָנגע-קראָכמאַלעטער און אַ דורכזיכטיקער. ריין געשיר אויף דעם טישל ביי מיין צוקאָפּנס, עס זילבערט זיך אויף דער הייסער בולקע די פּלאַ-מיקע אָפּגעברוינטקייט, און די מילך דעמפּט נאָך מיט וואַרעמקייט.

די פּאָדלאָגע, די שטילן, דאָס בעט, דאָס וועש שמעקן מיטן ריח פון צעלאָזטע ווערבע-קנאָספּן.

פון דער לעדערנער שטול הויבט זיך אויף אַ מענטש. ער שניידט דורך דעםברייטן צימער און דערלאַנגט מיר די האַנט. ער איז ענלעך צו האַרבוזן.

— וואָס מאַכסטו, יונגאַטש! האָסט זיך אויפגעכאַפּט? און מיר האָבן זיך שוין געקליבן דיך מקבר צו זיין.

ער טראָגט אַ געלע קורטקע, וואָס איז אויסגעבאָדן אין זון. פון דעם גלאַנץ אירן טוען ווי די אויגן. ער האָט זיך צוגעזעצט אויפן בעט און שטיל געפרעגט:

— נו, וואָס מאַכן דיינע ווונדן? ווער ג׳כער געזונט, די גאַנצע קאָמונע קוקט אויף דיר אַרויס.

די הייסקייט פון זיין דלאָניע וואַרעמט מיינע ריפּן. די פריש-קייט און ריינקייט פונם צימער פאַרדרייט דעם קאָפּ. עס ווילט זיך נישט אַריר צוטון מיט אַ ברעם, כדי נישט איבערצושרעקן דעמדאָזיקן זיסן חלום. איך עפן נישט די אויגן. איך הער די ווערטער, וואָס רופן אַרויס פונם ווייטן עבר מיין באָבעשי, אירע ליבע קנייטשן, אירע מעשהלעך.

— ווי רופט מען דיך? — פרעגט ער.

צוואָס דאַרף מען מיין נאָמען? עס איז מיר מיטאָמאָל באַפאַלן אַ שרעק. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דער דאָזיקער מענטש, דאָס דאָ-זיקע צימער, די זון, דער שניי האָבן זיך טועה געווען, זיי ווייסן נישט, ווער איך בין. די ריינקייט און די פרישקייט זענען נישט צו-געגרייט געוואָרן פון מיינעטוועגן. עס האָט זיך מיר אָבער פאַרגלוסט זיין אַן ערלעכער. איך פאַרגעס אין דעם ווייטיק אין האַלז און נאַקן, אין בויך און שריי אַריין אין אויער, אין די אויגן אַריין.

— איך בין אַ זשוליק, אַ גנב, אַ בלאַטער-יונג, אויף אונזער לשון.

מאָדנע, די זון איז נישט טונקל געוואָרן, דער שניי האָט זיך נישט פאַרוואַנדלט אין אַש. אַלץ איז ווי געווען — רויק און פריילעך.

— מיר ווייסן, אונזערע נאַרטע-פאַרער האָבן דיך געפונען אונטער וואָלטשי-לאָג*).

ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן. נאָכדעם האָט ער שטיל צוגעגעבן:

— רוף מיך אַנטאָן פיאָדאָראָוויטש, אָדער ווי אַלע אַנטאָניטש.

איך קאָן זיך נישט דערמאָנען, ווי אַזוי מען רופט מיך. אַך,

*) וועלפישע נאָרע, אַ סטאַציע אוא.

יאָ, הייליקער! איך וויל אָבער נישט, אַז אַנטאָניטש זאָל וויסן אָט דאָס צוגעמעניש. איך שעם זיך פאַר דעם, עס ווילט זיך מיר דער־מאָנען דאָס סאַמע פריידיקסטע און שענסטע אין מיין לעבן.

— די באָבעשי האָט מיך גערופן סאַניא, סאַניא האָט זי מיך גערופן...

אַנטאָניטש האָט זיך אָנגעבויגן, ער הערט נישט דאָס שעפּטשען פון מיינע ליפּן. איך זע פון דער נאָענט זיינע פון דעם ווינט אָפּגע־ברענטע באַקנביינער, איבער וועלכע עס האָט זיך אויסגעצויגן אַ דין־עקיק בלוי ווערימל. איך שטרעק אויס די האַנט, וויל עס אַראָפּרייסן, אָבער דאָס איז אַריינגעקראָכן טיף אונטער דער הויט, לאָזט זיך נישט אָננעמען מיט די נעגל. אַנטאָניטש לאַכט.

— דאָס איז פון דעמאָלט, ווען איך האָב געאַרבעט אַלס דרעקס־לער אויף גוזשאָוער זאַוואָד אין מאָסקווע. אַ הייסע הובלענקע האָט מיך פאַרוווּנדעט. שוין פופצן יאָר, און עס גייט נישט אַראָפּ.

*

עס איז אומעטיק. עס איז מיר דערעסן דאָס דאָזיקע ווייסע, מירמלשטיינערנע הויז מיט די לייבן אויף די שטיינערנע טרעפּ פאַר דער הויכער ניסנהאָלצערנע טיר. עס איז מיר נודנע פון די מנהגים. גאַנץ פרי, בשעת אויף די יאָדלעס הענגט נאָך די נאַכט, וועקט מיך אויף דער מעשענער טרומייט. איך באַוויז נאָך נישט אַ גענעץ צו טון, אויסרייבן די אויגן, זיך אומצוקוקן, און די שכנים מיינע זענען שוין אויף די פיס, דאָס בעטגעוואַנט איז שוין אויסגעלופטערט, פאַר־בעט. זיי כאַפּן די האַנטעכער און מיט געלעכטער, מיט ליאַרעם לויפן זיי אין וואַש־צימער אַריין. איך האָב קוים באַוויזן זיך אָפּצוּוואַשן, און אַלע האָבן שוין פאַרענדיקט די פרימאָרגן־גימנאַסטיק, גייען שוין אַרויף אינם עס־צימער. פריער בין איך אויך נישט אָפּגעשטאַנען, נאָר אָט האָט זיך יעדן טאָג אָנגעהויבן אַ סדרה פון אויפשטיין, גימנאַסטיק, פרישטיקן, וואַרשטאַט, אונטערהאַלטונגס־אָוונטן, און אַלץ געניי, און פּינקטלעך — און, אָך, ווי אומעטיק, ווי נודנע דאָס איז מיר געוואָרן!

איך וואָלט שוין לאַנג אַנטלאָפן. אַ שאָד נאָר, וואָס קיינער האַלט מיך נישט צו. איך בין פרייער פון פריי.

איך גיי אַרויס פון ווייסן הויז, גיב אַ גלעט די לייבן ביי די

גריוועס, און נאָכדעם גיי איך מיר מיט די שטיינערנע טרעפּ אַראָפּ ביז צום טויער. ער שטייט אַ הויכער און אַ שפּיציקער. איך שפּאַר זיך אָן אים, ברי מיך אָפּ מיט דעם פאַרפרוירענעם אייזן, שטעק אַרויס דעם קאָפּ דורך די שטאַכעטן. עס אַנטפּלעקט זיך דער סטעפּ. ווי דער אויפגעשוימטער ים. די טייגע ווינקט צו מיר מיט די סאָסנעס, רופט צו זיך, דער וועג לאַכט מיט שניי. עס ווילט זיך אַרויסשטעלן דעם פוס אויף יענער זייט, אָבער איך שעם זיך פאַר די פענסטער הינטער מיר. איך גיב אַ קוק: עס האָבן זיך צוגעקלעפּט צו די שויבן די טעלער-לעקער פון דער קאָמונע. זיי היטן מיט די אויגן.

איך האָב מיך געלאָזט גיין פאַזע דעם פאַרקאַן, גלייך, ווי איך וואָלט געשפּאַצירט, און זיי זענען אַרויסגעלאָפן פונם הויז, זיך צעשיט איבערן גאַנצן הויף, שיסן מיט שניי-גאָמעלקעס איינער אינם אַנדערן. צו מיר איז אויך צוגעשפּרונגען אַ יונג, אַ הויכער, אַ דאַרער, מיין בעט-שכן, באָריס. ער האָט מיר אַ שפּריץ געטון מיט שניי אין די אויגן. און איך האָב אים אָפּגעענטפערט מיט אַ פאַרפאָר אין די ציינער אַריין, אַז אויפן שניי איז אַזש אויסגעוואַקסן אַ רויט מאָנבלימל. און ער, די פגירה, וויינט נישט, נאָר ער לאַכט און רופט נאָך צו זיין קאָמפּאַניע:

— קליין דער הויפן, העכער דערלאַנג!

יענע חברה איז אויך צוגעלאָפן, מיך אומגעוואָרפן, אַ פאַרשיט געטון מיט שניי, גענומען שלעפּן אין זייער געזעמל, און מיר האָבן זיך אַלע אַ קאָלער געטון, ווי אַ קנויל. וויפל געלעכטער, וויפל געשרייען! איך האָב נישט אויסגעהאַלטן און זיך אויך צעלאַכט.

פון דעמאָלט אָן בין איך מיט באָריסן געוואָרן גוטפריינט. ער איז דער סאַמע עלטסטער אין דער קאָמונע. ער האָט מיך אויך אויסגעלערנט לייענען און שרייבן. איצט קאָן איך שוין איבערלייענען דעם אויפשריפט איבערן טויער: „קאָמונע פון געוועזענע פאַרוואָרלאָזטע". אַלע אינדערפרי העלפט ער מיר פאַרבעטן דאָס בעט, דרייט זיך, ווי אַ דריידל, אונטער מיינע פיס, ער האַלט זיך אין איין אייֵלן, תמיד האָט ער קיין צייט נישט. בשעת דער גימנאַסטיק רוקט ער זיך שטענדיק אַריין אין מיין שערענגע, לייכט מיט די ציין, ווייזט אָן מיט די אויגן אויף מיין נישט-ריכטיק אַרויסגעשטעלטן פוס. ער האָט דאָס מיך אויך פאַרנאַרט אין דעם דרעקסלער-וואַרשטאַט.

די שעפן פון דער קאָמונע זענען די אייזנבאַנער. זיי האָבן עס אויך איינגעאָרדנט דעם וואַרשטאַט. געשטאַנען זענען דאָרט זיבן

ווערקשטעלן, וואָס אויף זיי טאָקן מיר לאָקאָמאָטיוו-טיילן. באָריס אַרבעט שוין דאָ דאָס צווייטע יאָר און איז צופרידן. און איך אַרבעט שוין צוויי וואָכן און זע נישט דאָס גוטע. אַ שוואַרצער אומעט. די מאָטאָרן רוישן, זשומען, ווי די מיסט-פליגן, די רימענס — כלאָפּ, כלאָפּ, דער דינאַמאָ-פּעלץ האָט מיר אָנגעוואַרעמט די פּלייצע, עס ווילט זיך דרימלען, און אין מיין ווערקשטעל האָב איך גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן. ער שטייט זיך אַ קליינינקער, אַ האָרבאַטינקער אין סאַמע ווינקל פון וואַרשטאַט. די טיילן זענען צעשטשערבעט, אָן מאַזוט, פאַרשטויבט. בלויז דאָס רויטע שילדל רויטלט זיך מיט דער פרישקייט פונם אויפשריפט: „דער באַלעבאָס פונם ווערקשטעל, אַלעקסאַנדער גאָלאָד״. וואָס פאַראַ באַלעבאָס בין איך, אַז איך גיי צו צו אים איינמאָל אין וואָך? איבער מיין קאָפּ איז אָפּגעדרוקט:

„אויב דו ביסט מיד, גיי אין רויטן ווינקל, זעץ זיך אַביסל צו אין דער ווייכער שטול, לייען, רו זיך אָפּ״.

אַ קלוג באַשעפעניש האָט דאָס צוגעקלערט. איך שטיי איצט איבער דעם ווערקשטעל, און דער רוקן צעברעכט זיך אויף צווייען. דער שניידמעסער קנאַקט אין דעם ווייסן וואַליק! און מיר דוכט זיך, אַז עמעצער דרייט מיט אַן אַל אין מיין מוח. איך האָב אַ קוק געטון אויף די אָנווייזונגען און אָפּגעשטעלט דעם מאָטאָר. איך האָב אָפּגעווישט די הענט מיט סטריפּעלקעס, זיי אָפּגעוואַשן אונטערן קראַן און זיך געלאָזט גיין צום אַרויסגאַנג.

איך גיי, און זיי בויגן זיך נאָך איבער די ווערקשטעלן און באַמערקן כלומרשט נישט מיין אַוועקגיין. אָבער לויט די הענט זייערע, וואָס ציטערן אַלע ווײַלע אויף, זע איך, אַז זיי האָבן אַלץ באַמערקט. אָבער איך האָב זיי אין דער ערד. איך וועל אינגיכן אַלצאיינס פון דאַנען אַוועק. איך קאָן זיך בלויז קיינמאָל נישט אויסקלייבן, קאָן נישט געפונען קיין פּאַסיקע נאַכט.

אפשר היינט?

איך ליג אויפן בעט, די אָנגעשיכטע פיס האָב איך באַהאַלטן אונטער דער קאָלדרע. דער צימער איז ליידיק, דורך די פענסטער גיסט זיך אַריין דער ריח פון געדיכטער סמאָלע. אַט איצט קאָן מען אויפשטיין, פאַרבונדן די ליילעכער, די קאָלדרע אין אַ פּאַק, אויסקריכן מיט אַ מעסער אויף דער וואַנט מיין נאָמען, „הייליקער״, און דורכן פענסטער אַרויסשפרונגען אין געדיכטן סאָד אַריין און נאָכדעם—

וואַלד, שליאַכן, דאָס פייפן פון לאָקאָמאָטיוו, קאָקאַין. אַך, ווי גוט! נאָר פאַרוואָס ווילט זיך נישט אויפהויבן דעם קאָפּ? אפשר בין איך טאַקע באמת קראַנק געוואָרן? אַ דערשראָקענער בין איך אויפגעשפרונגען, זיך באַטראַכט און מיטאַמאָל פאַרשטאַנען, פאַרוואָס איך האָב נישט געוואָלט אויפשטיין. עס איז אַ שאָד געווען צו פאַרלאָזן דאָס דאָזיקע צימער. אָט שטייט באַריס נאַכט-שאַפקעלע, עס ליגן דערויף ביכער. אַז עס פלעגט מיך באַפאַלן דער אומעט, האָט ער זיך צוגעזעצט צו מיר און געלייענט. איך דרימל, און זיין קול זשומעט מיר צערטלעך, איבערן אויער. אָפטמאָל פלעג איך דורכן שלאָף הערן, ווי עס האָט אַ קלאַפּ געטון דאָס בוך, ווי ער מאַכט צערעכט אויף מיר די קאָלדרע און גייט אַוועק אויף די שפּיץ פינגער. ביי מיטאָג פלעג איך דער ערשטער אויפעסן מיין פּאָרציע און זיך נעמען אויסלעקן דעם טעלער, און באַריס — דער דאַרער, דער מאָגערער, ער דאַרף האָבן אַ דרייפאַכיקע פּאָרציע — רוקט מיר צו אַ העלפט פון זיינער און זאָגט:

— סאָניא, אינדערפרי קאָנסטו אויסטרינקען מיין מילך — איך טאָר נישט טרינקען. איך האָב שוואַכע קישקעס.

עס איז מיר אַ שאָד געווען די פרישקייט און זויבערקייט, אַנטאָניטשן אין זוניקן רעגן. עס האָט זיך מיר געדוכט, אַז מיין ווערקשטעל שטייט אין ווינקל באַדעקט מיט שפינוועבס, און זעט אויס אַזוי ווי פאַריתומט. עס האָבן מיך געלאָקט די שניי-ווייסע ליילעכער, וועמעס קילקייט איך וועל איצט נישט פילן אויף מיין לייב. די מירמלשטיינערנע לייבן האָבן אַ מאַך געטון מיט זייערע האַריקע לאַפּעס און מיט אַ פאָרוואורף אַ טרייסל געטון מיט די גריוועס.

ניין! דאָס אַלץ דויערט בלויז איין רגע! איך גיב אַ שפּרונג צום ערשטן בעט, צי אַראָפּ די קאָלדרע, טו מיט איר אַ פאָך, ווי מיט אַ פאָן, איך דערמאָן מיך אָבער, אַז באַריסן וועט זיין קאַלט צו שלאָפן.

מיט ליידיקע הענט גיי איך צו צום פענסטער, לאָז אַריין דעם ווינט און דעם שניי אין צימער, און פיל, ווי דער פראָסט האָט מיט אַ לעבעדיקער מענטשלעכער האַנט אַרומגענומען מיינע פּלייצעס. איך האָב זיך איינגעהאָרבעט און בין אַרויף אויפן פּאַרפּעט, אָבער עמעצנס הענט האָבן מיך הערשעריש און מיט קראַפט אַ שלעפּ געטון צוריק. איך קוק מיך אום און דערזע אַנטאָניטשעס וואָנסן, וועלכע שפּרינגען

אויף די ליפּן. ער האָט מיך אָפּגעלאָזט און געזאָגט, ווי ער וואָלט מיר איינגערוימט אַ סוד:

— כאַניא, צוואָס דאַרפסטו דורכן פענסטער? דורך דער טיר, דורך דער טיר גיי. קיינער וועט דיך נישט צוהאַלטן.

עס האָט אַ צאַקע געטון דער קאָנטאַקט. עס שטייט אַנטאָניטש און די גאַנצע קאָמונע בראש מיט באָריסן. איך ווער פאַרבלענדט פון דער העלקייט, פון דעם לאָמפּן-שטויב.

אַנטאָניטש רופט זיך אָן צו די קאָמונאַרן:

— יאַטן, באַגלייט אַרויס סאַניאַן ביז הינטערן טויער.

געגנוג! איך גיב אַ שפּרונג צו דער טיר און לויף איבערן קאָרידאָר, וואָס האָט, דוכט זיך, גאָר קיין אָנהויב און קיין סוף נישט.

קיינער יאָגט זיך נישט נאָך מיר. איך הער בלויז איין דינינק קולכל:

— אַרויסיאָגן אים! מיר דאַרפן נישט אַזעלכע!

דאָס זאָגט דער געשטופּלטער פּעטקאַ.

איך האָב זיך באַהאַלטן אין וואַש-צימער, זיך אַנידערגעזעצט אויפן פאַרפּעט און זיך געלאָזט אַ סימן אויפן קאָפּ פונם שאַרפן ביישטידל.

*

עמעצער האָט מיט גוואַלד אויפגעהויבן מיין קאָפּ פון דעם ווייכן און וואַרעמען בעט. אַ פאַרשלאָפענער קוק איך אין דעם אָנגעכמורעטן פענעטער, ווו עס שטעלט זיך אָפּ דאָס מוטנע וואַסער פון דער נאַכט.

ווי שנעל די נאַכט איז אַוועק! איך האָב דאָך ערשט קוים באַוויזן צוצומאַכן די אויגן. ווען בין איך זיך דאָס לעצטע מאָל גוט אויסגעשלאָפן? דוכט אַ חודש, — ניין, יאָרן, גאַנצע אייביקייטן זענען אַוועק זינט מיין לעצטן אומגעלונגענעם אַנטלויפן. נאָר איך איינער געדענק דאָס. די קאָמונע האָט אין דעם אינגאַנצן פאַרגעסן.

דעמאָלט בין איך דריי טעג דורכאַנאַנד נישט אַראָפּ פונם בעט, פאַרשטעקט דעם קאָפּ אין דער קאָלדרע. באָריס פלעגט מיר אַריינברענגען עסן פון עס-צימער און מיך, אָט אַ גוטינקער, גאָרנישט געפרעגט.

שבת זענען הברה אַריינגעפאַלן צו אונז אין צימער און מיך מיטגעשלעפּט בויען אַן אייז-באַרג. זונטיק האָב איך זיך אַ גאַנצן טאָג

געשליטלט. צומאָרגנס האָט באָריס, אָנטוענדיק די אַרבעטס־מלבושים, מיר דערלאַנגט אויף מיין אָנטון. נאָך אַ לאַנגער צעשיידונג, בין איך אַריין אין וואַרשטאַט און צוגעגאַנגען צו מיין ווערקשטעל. בשעת איך בין דורכגעגאַנגען פאַרביי די יאַטן, האָט קיינער זיך אויף מיר נישט אומגעקוקט, אָט פונקט, ווי איך וואָלט אַלע טאָג געקומען אַהער.

אַ גאַנצן טאָג האָב איך אַראָפּגעשקראַבעט דעם שמוץ פונם ווערק־שטעל, געוואַשן מיט נאַפט, געטרוקנט מיט טריפּלקעס, אויסגעווישט מיט אַ דינער שמאַטקע. איצט פאַרלאָז איך יעדן טאָג ערשט פאַרנאַכט דעם ווערקשטעל. איך קום אַריין אין צימער און, נישט אויסטוענדיק זיך, פאַל איך אַנידער אויפן בעט און ווער אַנטשלאָפן מיט אַ הייסער האָפענונג, אַז מאָרגן וועל איך קראַנק ווערן, אָדער עס וועלן ביי מיר אָפּגענומען ווערן הענט און פיס.

איינמאָל ביינאַכט האָט זיך מיר געדוכט, אַז אויף מיין בעט זיצט אַנטאָניטש, און אַרום אים — די יאַטן. ער האָט אַ ווונק געטון אויף מיר און געזאָגט:

— עס איז שווער! נישקשה, ער וועט זיך צוגעווויינען. זעט, חברה, העלפט סאַנקאָן, טאָקט אים אַרום, פּאָלירט אים אויס!

נעכטן איז געווען שבת. איך האָב מיך געלייגט פאַרנאַכט אַ גליקלעכער, וואָס מאָרגן איז זונטיק און מען קען אַ גאַנצן טאָג שלאָפן. איך האָב גאָר פאַרגעסן, אַז מיר האָבן זיך אָפּגעשמועסט מיט אַנטאָניטשן גאַנץ פרי אַרויספאָרן אויף די נאַרטעס אין אונזער דאָרף, איבער וועלכן מיר זענען די שעפן.

...אַנטאָניטש האַלט מיין קאָפּ אין זיינע גרויסע דלאָניעס, וויגט אים, און וועקט מיך.

איך טו אָן די שיך, צי אַרויף אויף זיך דעם וואָלענעם סוועטער, דעם פוכיקן שלעם.

מיר דוכט זיך, אַז איך בין אינגאַנצן אין אַ פוסטן און קלעפּיקן געקעכטס: אי די צונג, אי די נישט געהאָרכזאַמע וויעס, אי די פיס, אי דער קאָפּ.

מיר זענען אַרויס אויף יענער זייט פאַרקאַן פון דעם הויף. דער ווינט האָט אַ זעץ געטון אין די אויגן, אַרויסגעשלאָגן אַ טרער, אַ הויך געטון מיט טרוקענעם און שטעכיקן שטויב. אַנטאָניטש האָט אויפ־געהויבן נאַרטע־שטעקנס, אַ געשריי געטון און אַוועקגעשווומען אין דער פינסטערניש פון דער טייגע, און מיט טראַציקייט אַ זאָג געטון:

— יאָג אָן, סאַניא, דעם אַלטן!

לויפן אויף די נאַרטעס האָט מיך אויסגעלערנט באָריס, איצט לויף איך שוין איבערן שניי בעסער און פלינקער פון דער גאַנצער קאָמונע. דעריבער אײַל איך מיך נישט נאָך אַנטאָניטשן, פּאַמעלעך צי איך אָן די רימענס, ביז איך בין פאַרטיק געוואָרן, האָט שוין אַנטאָניטש באַוויזן צו רופן מיך מיט זיין הילכיקן האָ־האָ! ערגעץ ביים סאַמע וואַלד. איך לאָז זיך נאָך אים און קאָן אין דער דעמער־טונקלקייט בשום אופן נישט געפונען זיין פוטערן היטל מיט די אויערן.

די טייגע איז מיטאַמאָל פאַרשוואונדן. איר שוואַרצער פאָן איז ערגעץ אַריין אין די טיפע גראָבנס, און איך האָב אויף דעם רוקן פון אַ שניי־וואַל דערזען אַנטאָניטשן, ער האָט מיך גערופן צו זיך מיט זיין לאַנגן שאַליק. הינטער אים האָט זיך, אַזוי ווי אַ העלער הערמאַלין זיך פאַרנומען די פרימאָרגן־זון. איך האָב זיך אויסגעגלייכט מיט אַנטאָניטשן, און וויש אָפּ דעם נאַסן שטערן. אַנטאָניטש האָט מיך אַרומגענומען די אַקסל, אויסגעשטרעקט די האַנט צו דער זון. לאַנג מיר געקוקט אין די אויגן און געפרעגט:

— ס׳איז גוט, סאַניא, האָ?

— ס׳איז גוט, אַנטאָניטש.

— אָט זעסטו, טייערינקער. ווייס ווי אָפּצושאַצן דאָס לעבן...

ווי אַ פאַרכישופטער האָט ער נאָך לאַנג געקוקט אויפן וואַלד. דערנאָך איז ער אונטערגעשפרונגען אויף די נאַרטעס, פאַרקערעוועט די שפיצן צו דעם הויכן אַראָפּגאַנג און איז אַוועקגעשוואומען, לאָזנדיק נאָך זיך שטויביקע שניי־שניטן. איך לאָז זיך אַראָפּ גלייך נאָך אים, און מיר איז זייער לייכט אויסצומיידן די שטרויכן, די שניי־בערגלעך, די אַלטע שטאַמען. פאַר מיינע אויגן האָב איך אַנטאָניטשעס ברייטע פּלייצע. די עלאַסטיקקייט פון זיינע הענט גיט זיך איבער מיר. איך באַוועג מיט מיינע נאַרטע־שטעקנס, פּונקט אַזוי ווי ער. און ער פליט, נישט אומקוקנדיק זיך. ער שטעלט ברייטער די שטעקנס, פאַרוואַרפט העכער דעם קאָפּ און שווייגנדיק פרווט ער אויס מיין קראַפט.

— איך וועל זיך נישט אונטערגעבן, אַנטאָניטש! איך וועל נישט אָפּשטיין!

איך בין אַרויף אויף אַ שניי־באַרג, אונטן האָט דאָס דאָרף מיט די זיילן רויך פון די יום־טובדיקע אויוונס אונטערגעשפּאַרט דעם ווייטן הימל, וווּ עס האָבן געברענט דריי זונען אין קאַראַל־רויטע

קרוינען, און פון יעדער זון האָט זיך אין דער טייגע אַריינגעצויגן אַ וועג, אַ ברייטער און אַ באַקוועמער — די גאַנצע וועלט קאָן מען לאָזן גיין, אַלע מענטשן דורכפירן.

אַנטאָניטש האָט אויסגעטון זיין פוטערן היטל, די האָר זיינע רויכערן זיך, די רימענס זעגען אין שניי איינגעגראָבן, און ער לאָזט אַלץ קיין אויג נישט אַראָפּ פון דעם שיידוועג און שווייגט. איך בין דורכגעפרוירן. דער קאָפּ טוט מיר ווי, און ער קוקט נאָך אַלץ. ער האָט אָנגעכאַפּט מיין האַנט, מיך צוגעצויגן צו זיך און וואַרפנדיק קאַרג די ווערטער, האָט ער זיך שטיל אָנגעהויבן דערמאָנען.

— ...אויפן רעכטן פוס פעלן מיר דריי פינגער, אָפּגעפרוירן. אין אונטן ליגן ביז היינט קוילן. אין אַ פייכטן דרויסן דערקוטשען זיי מיר. בשעתן בירגער-קריג האָבן די יאַפּאַנער צעקלאַפּט אונזער פּאַר-טיזאַנישן אָפּטייל. פון פערציק קריגער בין איך איינער אויפגעשטאַנען און אַוועק אין דער טייגע אַריין. אַ גאַנצע וואָך האָב איך זיך דער-נערט מיט ניס און מיט קאָרע, רויטע שטעגעלעך האָב איך נאָך זיך געלאָזן... דעמאָלט האָבן אויך אַזוי געפלאַקערט דריי זונען, און וועגן האָבן זיך אויף דער ערד אַראָפּגעלאָזט.

דער מיראַזש האָט זיך אויסגעלאָשן. אָן חשק האָט אַנטאָניטש אָנגערוקט זיין היטל, דערפילנדיק די קעלט, און פויל געגומען סקריפּען מיט די נאַרטעס צום דאָרף צו.

אָבער שוין באַלד נאָך דער ערשטער באַגעגעניש מיט די פויערים איז ער געוואָרן צוריק אויפגעלייגט. ער האָט געפּאַטשט איבערן פוטער פון אַ פויער מיט אַ גרויסער באָרד און מיט אויגן, ווי ביי קירגיז, און לאַכט אויף אַ קול.

יענער דרייט מיט פאַרוואורף דעם קאָפּ, מאָלט גיך-גיך:

— וואָס איז דאָס פּאַר אַ גאַנג, אַנטאָניטש, איר ווערט גאָר אַ ליגנער אויף דער עלטער? עס פּאַסט נישט פאַר אייך, פע! אויף יענעם זונטיק האָט איר צוגעזאָגט אַריינצוקומען, און נישט מען זעט און נישט מען הערט. איך האָב אַפילו האָניק פאַרגרייט, דאָס ווייב האָט אַ מאַמעליגע*) אָפּגעקאָכט. וועגן שטיינערנעם מענטשן האָט איר טאַקע נישט פאַרענדיקט צו דערציילן און איר האָט נאָך צוגעזאָגט צו דערציילן אויף וואָס עס גייט דער דערנערשטייער. דער עולם האָט

---

*) אַ מין געקעכטס פון קוקורוזע מעל.

דאָך אַ גאַנצן טאָג אויף אייך געוואַרט. נו, קומט אַריין אין שטוב אַריין, קומט טייערינקער.

עס איז געקומען צולויפן די לערערקע — זי האָט אויך טענות, הלמאי מיר האָבן איר נישט געבראַכט נישט קיין לערנביכער, נישט קיין העפטן. עס זענען געקומען נאָך באַקאַנטע.

ערשט מיטאָג-צייט זענען מיר צוריקגעקומען אַהיים.

אין עס-צימער האָב איך זיך געבריט מיט דער זופּ, איילנדיק וואָס-פריער זיך לייגן אין בעט אַריין. עס איז אָבער שוין אַריבער אַ שעה, ווי איך ליג נאָך אַלץ מיט אָפענע אויגן, טראַכטנדיק אַלץ וועגן אַנטאָניטשן.

ער איז צו מיר צוגעגאַנגען שטיל, זיך אַוועקגעזעצט אויף מיין בעט און מיר דערלאַנגט אַ צייטונג מיט אָפּגעריבענע ברעגעס. אויף זיינע קני איז געלעגן אַ גראָבער, בלויער פּאַקעט.

— לייען, סאַניא.

איך שעם מיך, שטאַמלענדיק צו לייענען זילבענווייז. איך זאָג מיך אָפּ און באַהאַלט דאָס פּנים אין קישן.

— איך האָב פאַרגעסן, אַנטאָניטש.

ער נעמט די צייטונג, בויגט זיך אָן צום סאַמע אויער און לייענט פּאַמעלעך:

„דעם צוועלפטן אָקטאָבער האָבן דורכפאָרנדיקע פויערים געפונען צווישן די סטאַציעס וואָלטשי-לאַג און לעסנאַיאַ אַ טויטן מאַנסביל. עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז ער האָט באַקומען מיט אַ מעסער אין רוקן. דער מעסער איז אַריין ביז דער ברוסט און געבליבן שטעקן אין דער וואונד. אויפן ביינערנעם הענטל איז אויסגעקריצט דאָס צונעמעניש „הייליקער".

אין דער זעלבער נאַכט זענען אויף דער זעלבער ליניע באַרויבט געוואָרן צוויי אויסלענדישע פּאַסאַזשירן, וועלכע זענען געפאָרן אין אַ קופּע פון אינטערנאַציאָנאַלן וואַגאָן פון ווייט-מזרחדיקן עקספּרעס-צוג. מען האָט ביי זיי צוגערויבט אַ גרויסן סכום אויסלענדישע וואַלוטע. די אויספאָרשונג האָט פעסטגעשטעלט דעם צוזאַמענהאַנג צווישן אָט די צוויי געשעענישן. די באַנדיטן האָבן צווישן זיך נישט צעטיילט דעם רויב, און איינער פון זיי האָט באַצאָלט מיטן לעבן."

און מיט דעם זעלביקן שטילן קול האָט ער ווייטער גערעדט:

— אָט אין דעם פּאַקעט ליגט יענץ געלט. מען האָט עס ביי

דיר געפונען. טראָג עס אָפּ אויף דער פּאָסט, און שיק עס אוועק לויט דעם אָנגעוויזענעם אַדרעס, און זע פאַרשפּעטיק נישט צום טיי און צום שאַך-שפּיל. דו הערסט?

איך האָב גענומען דעם פּאַקעט. ער איז גרויס, ער ציט אַראָפּ די האַנט.

— איך הער, אַנטאָניטש, איך הער.

*

מיט טייגע-שטעגן, מיט דעם איינגעפּאָרענעם סיבירער שאָסיי-וועג אייל איך צו דער סטאַציע.

אין דעם שנעלן פלי פון די איינגעפאָרענע נאַרטעס וויל איך אָפּמעקן פון מיין זכּרון מיין באַגעגעניש מיטן געפליגלטן, פאַרגעסן די אָפּגעריבענע ברעגעס פון דער צייטונג, דאָס ביינערנע הענטל פונם מעסער.

היינט האָט מיר אַנטאָניטש צונויפגעפירט מיט מיין נעכטיקן לעבן. צוליב וואָס האָט ער דאָס געטון? די רוישיקע צעדערן קנאַקן מיט זייערע צווייגן אויפן פראָסט, און איך הער דייטלעך: „דו הערסט, סאַניא?" די וועווריקעס וואַרפן זיך מיט ניס און קלאַפּן אויס אין די ביימער: „דו הערסט, סאַניא?" די נאַרטעס צעקוועטשן דעם שניי און קוויטשען: „דו הערסט, סאַניא!"

דער בלייער פּאַקעט ליגט אונטער מיין סוועטער, ער בריט, שטערט צו גיין.

אויף דער סטאַציע בין איך אַ גאַנצע שעה אַרומגעגאַנגען אונטער די פענסטער פון דער פּאָסט. עס איז מיר נישט געפעלן דער באַאַמטער, הינטער דער דראָט-פאַרצוימונג, מיט די וואַסערדיקע אויגן און אָן די פּאָדערשטע ציין אין מויל. איך האָב געוואַרט, אַז עס זאָל אים פאַרבייטן אַ צווייטער, איך האָב זיך אָבער נישט דערוואַרט. איך גיב זיך אַ לאָז צו דעם שמאָלן קאָרידאָרל. עס ווילט זיך מיר אַ קוק טון, בלויז אַ קוק טון אויף דעם פרעמדן געלט. איך האָב שוין אַרויסגענומען דעם פּאַקעט, אָפּגעריסן דעם ברעג, אָנגעטאַפּט די האַרטע און שפּאָגלנייע פּאַפּירלעך, פּלוצים האָט מיר אָבער עמעץ אַ שפּעטשע געטון אין אויער אַריין:

— „דו הערסט, סאַניא?" איך האָב זיך דערמאָנט אין דער קאָמונע, אין אַנטאָניטשעס אויגן, דעם ווערקשטעל און דעם נישט פאַרענדיקטן וואָליק אויף אים.

איך בין צוגעלאָפן צום פענסטערל, געגעבן אַ וואָרף דעם אָנ־צייניקן באַאַמטן דעם פּאַקעט, ווי אַ הייסע קויל.

ערגעץ גאָר נאָענט האָט אַ גרילץ געטון דער פייף פון אַ לאָקאָ־מאָטיוו. פּראַכנדיק, פונאַנדערוואָרפנדיק פונקען, איז פאַרביי דעם פענסטער דורכגעלאָפן אַ פּאַסאַזשיר־צוג און איז געבליבן שטיין. אַ שטורמווינט האָט מיר אַ זעץ געטון אין די אויגן, דער קאָפּ האָט זיך מיר פאַרדרייט. אפשר בין איך מיט דעם זעלבן צוג אָפּגעפאָרן קיין באַטום, אָפּצושיילן די הויט פון מאַנדאַרינקעס, טרינקען אַראָמאַטישן סאָק. איך האָב אַ געשריי געטון צו דעם דרימלענדיקן אָנצייניקן פּאָסט־באַאַמטן, אַז ער זאָל מיר תּיכף ומיד אָפּגעבן דעם פּאַקעט. די כּוטנע אויגן האָבן פאַרחידושט אַ קוק געטון אויף מיר. דער באַאַמ־טער האָט פאַרשטעקט די אויערן, וואַרטנדיק ביז עס וועט אויפהערן דאָס שרעקלעכע פייפן פונם לאָקאָמאָטיוו, און מיר דערלאַנגט אַ גרויסע קוויטירונג.

קאַפּיטל צוויי

דער געשטופּלטער פּעטקאַ דערגייט מיר די יאָרן.

זיין ווערקשטעל שטייט פינף מעטער ווייט פון מיינעם, פון דאָרטן באַווייזט ער מיר אָפט זיינע געלע ציין, שעפּטשעט עפּעס צו די חברים אין די אויערן. ווען ער גייט דורך פאַרביי מיין ווערקשטעל, פאַרזשמורעט ער זיינע אייגעלעך, וועלכע זעען אויס, ווי מיאוסע שטיפלען.

אין דרעקסלער־וואַרשטאַט האָט יעדערן אין דעם קעסטעלע איבער דעם ווערקשטעל אַ גראָבן בוך אין אַ שוואַרצן לעדערנעם איינ־באַנד. יעדע וואָך פאַרשרייבט דאָרט אַנטאָניטש, וואָס מיר האָבן אויפ־געטון פאַר די זעקס אַרבעטס־טעג. מיין בוך האָט מיר פאַרשאַפט אַסך גליקלעכע מינוטן. נאָך דער אַרבעט נעם איך דאָס בגניבה צו זיך אין צימער אריין, און אויסבאַהאַלטנדיק זיך פון די חברים, מיש איך איבער די זייטן און לייען אַנטאָניטשעס פאַרצייכנונגען. געוויס, ביי מיר זענען זיי קנאַפּער, איידער ווי ביי אַנדערע, וואָס אַרבעטן שוין לאַנג אין דער קאָמונע. פונדעסטוועגן זענען פאַרשריבן אי שפּיצן, אי רינגען, אי וואַלקעס, אי מופטעס, אינזעקטאָרנע געשטעלן, קרענטלעך, שרויפן, — און דאָס אַלץ האָב איך מיט מיינע אייגענע הענט געמאַכט. איך קוק אויף מיינע הענט, און איך גלויב נישט, אַז דאָס האָבן זיי אויסגעטאָקט אַזויפיל זאַכן. און זיך שטאַלציר איך מיט מיינע פינגער.

און אַט טאַקע איבער אַט דעם בוך האָט דער געשטופּלטער פּעטקא געפּרוּווט אַפּחוזקן. ער איז צוגעגאַנגען צו מיין שאַפּקעלע, נישט געפרעגט אַרויסגענומען דאָס בוך אין דעם שוואַרצן איינבאַנד, און מיט חוצפּה גענומען מישן די בלעטלעך, און בשעת־מעשה שאַלק־האַפטיק געזשמורעט די אויגן און געכאַכעט.

— ס'איז ריין, סאַניא.

ער איז אַפּגעגאַנגען אַ פּאָר טריט, אַ שפּיי געטון דורך דער ליפּ. איך האָב אים באַגלייט מיט די אויגן, באַגלייט ביזן ווערקשטעל, זיך איינגעקוקט אין זיינע גראָבע, קורצע פיס, איינגעהויקערטער פּלייצע, קרומע הענט, און דערפילט, אַז איך האָב אים פיינט געקראָגן אויפן גאַנצן לעבן. איך האָב געשווירן זיך נוקם זיין פאַר דער באַליידיקונג.

שוין עטלעכע טעג וואַרט איך אויף אַ געלעגנהייט, ווי צו פּאַקן פּעטקאַן אין אַ פינסטערן ווינקל, און אים אָנרייבן די זייטן. ענדלעך האָב איך אים געפּאַקט אין סקלאַד. ער האָט נישט באַוויזן אַ געשריי צו טון, אַז איך האָב אַרויפגעוואָרפן אויף זיין קאָפּ די מאַרינאַרקע, און אים גענומען דעקן מיט אַ דרייצאָליקער מוטערקע איבערן האַלז, נידעריקער פונם נאַקן.

איינאָוונט איז אין רויטן ווינקל פאַרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג. דער קאָמונע־ראַט האָט אַרויסגעטראָגן מיין האַנדלונג פאַרן אַלגעמיינעם געריכט. פונם רויטן ווינקל האָט מען אַרויסגעטראָגן אַלע בענק, כדי עס זאָל זיין אָרט פאַר אַ גרעסערן עולם. די קאָמונאַרן שטייען צו־נויפגעפּרעסט, און אין דער טיר שטופּן זיך נאָך און נאָך.

דער פאָרזיצער איז באָריס. ער האָט מיט דער בלייפעדער אַ קלאַפּ געטון אין גלאָז, אָפּגעוואַרט ביז דער עולם האָט זיך איינגעשטילט, און אָנגעהויבן:

— סאַנקא האָט היינט אין אַ פינסטער ווינקל פון סקלאַד גע־שלאָגן ביז בלוט פּעטקאַן. מאָרגן וועט אים איינפאַלן זיך נוקם זיין אין עמעצן אַנדערש און ער וועט אים ביינאַכט פּלעטן דעם מוח מיט אַ שליסל. און מיר וועלן, אַזוי ווי פּרייערס, וואַרטן ביז די ריי וועט צו אונז קומען, יאָ? מען דאַרף אים משפּטן...

די קאָמונע שווייגט אין פאַרלעגנהייט. עס הערט זיך, ווי אַנ־טאָניטשעס לעדערנע קורטקע סקריפּעט. ער שטייט ערגעץ אין די הינטערשטע רייען.

דער ערשטער האָט איבערגעריסן דאָס שטילשווייגן דער גע־

שטופּלטער פּעטקא. ער וויל אַרויסקריכן אויף דער בינע, אָבער די פאַרבאַנדאַזשירטע האַנט און די קורצע פיס לאָזן נישט. מיט דער זייט האָט ער זיך אַריבערגעוואָרפן איבער דער באַריערע, און אָנגעהויבן דריגען מיט די פיס. די ערשטע רייען האָבן אויסגעשאָסן אַ געלעכטער, די איבעריקע האָבן עס אונטערגעכאַפּט, און די גאַנצע קאָמונע האָט זיך צעלאַכט.

פּעטקא איז געשטאַנען אויף דער בינע, צערעכט געמאַכט דעם באַנדאַזש און נאַריש געלאַכט. ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן, אָבער די קאָמונע האָט שוין אָנגעווירן איר פריערדיקע ערנסטקייט.

— וועל איך, הייסט עס, זאָגן, — האָט פּעטקא אָנגעהויבן. — סאַנקא איז צו אונז געקומען ערשט נישט לאַנג, און וויל ווערן דער פּאַכאַן*) אין דער קאָמונע, ער צעפירט די הענט, פאַראומערט אונזער לעבן. בשעת ער האָט מיך געשלאָגן, האָט ער זיך באַרימט, אַז ער וועט די גאַנצע קאָמונע אויסקוילן.

דער געשטופּלטער איז אַראָפּגעשפּרונגען. עס האָבן גערעדט נאָך אַנדערע.

איך האָב זיך פאַרענטפערט. נאָך מיר איז אַרויסגעטראָטן אַנטאָניטש.

באָריס האָט אונטערגעפירט דעם סך-הכל.

— און דאָך, יאַטן, איז סאַנקא אומגערעכט. מען דאַרף פאַרגעסן אין די בלאַטע שטיק. דער ראַט פון דער קאָמונע באַשליסט אים אַרויסצוטראָגן אַ פאָרוואורף צום ערשטן מאָל, און אַז דאָס וועט זיך נאָך אַמאָל איבערחזרן, אָנצונעמען לגבי אים די שטרענגסטע מיטלען.

ביינאַכט איז באָריס אַרונטערגעקראָכן אונטער מיין קאָלדערע און מיר געשעפּטשעט:

— דו, סאַניא, זיי נישט בייז, דו האָסט זיך דאָך שטאַרק פאַרשולדיקט פאַר דער קאָמונע.

— איך בין נישט בייז, באָריאַ.

מיר האָבן עובר געווען אויף די כללים פון דער קאָמונע, מיר זענען געשלאָפן אין איין בעט, געשמועסט ביז אינדערפרי.

*) דער באַן, דער פירער.

*

איך בין געקומען פון וואַרשטאַט קוים שלעפנדיק אויף די טרעפּ ז טשוהונעטע פיס. דער קאָפּ האָט זיך מיר געדרייט. איך האָט זיך, קוים דערשלעפּט צום בעט. פון טיי און אָוונטברויט האָב איך זיך אָפּגעזאָגט. איך האָב געוואָלט וואָס גיכער פאַרמאַכן די אויגן, נישט קוקן אויף די הויכע ווענט, אויף מיינע שכנים, אויף דער גאַנצער קאָמונע. דאָס איז נישט מחמת איך בין קראַנק, נאָר פון פאַרדראָס.

דער פאַרדראָס האָט זיך ביי מיר אָנגעהויבן נאָך פון פאַראַכטאָגן. אַנטאָניטש האָט מיר און פּעטקאַן געגעבן אַן עקסטרע אַרבעט: אָפּצופּוצן פאַר אונזער שעף-דעפּאָ אינזשעקטאָרן-געשטעלן. ער האָט דאָס אונז געגעבן און געזאָגט: „שטרענגט זיך אָן, חברים". די אַרבעט איז געווען אַ לייכטע, דער שניידערמעסער האָט פאַרדרייט די קופּערנע הובלענקע, אַזוי ווי סאַמעט, און גאָלדענע לאַקן. צום סוף טאָג האָב איך אָפּגעטאָקט אַכט געשטעלן. איך האָב שוין געוואַשן די הענט, ווען פּעטקאַ האָט איבער דעם גאַנצן וואַרשטאַט אַ געשריי געטון אין אַנטאָניטשעס קאָנטאָרל:

— אַנטאָניטש, נעם צו צוועלף געשטעלן!

איך האָב פאַרגעסן צו פאַרדרייען דעם קראַן פונם פּאַס-וואַסער און בין צוגעלאָפן צו פּעטקאַס ווערקשטעל. ווירקלעך, דאָרטן זענען געלעגן, אַזוי ווי פון גאָלד געגאָסן, צוועלף געשטעלן.

צומאָרגנס בין איך נאָך פאַרן קלונג געקומען אין וואַרשטאַט אַריין, אָנגעשטעלט די שניידמעסערס, אויסגעשמירט און רעגולירט דעם ווערקשטעל. ווען איך האָב געלאָזט דעם מאָטאָר, איז ביי מיר אַלץ געווען אין פולן גאַנג. איך האָב צוגעפירט דעם סופּאָרט, איינגעשלאָסן דעם אויטאָמאַט. דאָס שניידמעסער האָט אַ נעם געטון די ערשטע הובלענקע. איך האָב טריומפירנדיק אַ טראַכט געטון.

— נו, פּעטיא, היינט וועלן מיר זען, ווער עס וועט זיך באַרימען פאַר אַנטאָניטשן.

דער טאָג האָט זיך געענדיקט, איך האָב געהאַט פאַרטיקע בלויז צען געשטעלן, און פּעטקאַ האָט אַרויסגעגעבן דרייצן.

איך האָב אויפגעהערט אַרויסצוגיין פונם וואַרשטאַט אויף פרישטיק. געגעסן מיטאָג אויף איין פוס, און פּעטקאַן האָב איך אַלץ נישט געקאָנט אָניאָגן. קאַלקאַ האָט מיר צוגעהאָלפן, די איבעריקע יאַטן

האָבן מיר מיטגעפילט, אומזיסט, עס העלפט נישט. פעטקא גייט דער ערשטער. היינט פּרעמירט מען אים אין רויטן ווינקל. אַלע זענען אַוועק אויפן אָוונט, און איך בין איינער אַליין געבליבן אין צימער. איך האָב פאַרדרייט די עלעקטריע און קוק אין דעם פענסטער.

די טייגע האָט אויפגעלעבט, איז געדיכטער און באַשאָטענער געוואָרן. די הויכע צעדערן האָבן אומגעדולדיק גערוישט. אונטער זייערע וואָרצלען איז פינסטער און לאַקנדיק. און ווי איז איצט איך וולאַדיוואָסטאָק, צי אין סוכום? ער וואָלט גוט געווען אַ רויכער טון אַנאַשע, אָדער אַ שמעק טון קאָקאַין.

און דאָרט, אין דאָרף, ציען זיך פעדעמלעך רויך פון די קוי-מענס. אפשר טרייבט מען סאַמאָהאָן? עס האָט זיך פאַרגלוסט אַ זויף טון.

איך האָב שוין געטראַכט דורכצוגנבענען זיך אין דער פינס-טערניש אין דאָרף אַריין. איך בין אָפּגעשפּרונגען פונם פענסטער און זיך באַגעגנט מיט אַנטאָניטשן.

— וואָס איז דאָס מיט דיר, סאַניא?

איך האָב געפּלאָטערט און קיין ענטפער נישט געקאָנט געפונען. אַן אָפּגעשוואַכטן האָט מיך אַנטאָניטש אַוועקגעפירט אין רויטן ווינקל און דעם גאַנצן אָוונט פון מיר נישט אָפּגעטראָטן.

אינדערפרי האָט זיך אַנטאָניטש אַוועקגעשטעלט לעבן מיין װערק-שטעל און אַ גאַנצן טאָג נאָכגעשפּירט נאָך מיינע הענט, אָנגעשטעלט דאָס שניידמעסער, געהאָלפן אויסרעגולירן דעם אויטאָמאַט.

אויף אַ טאָג דריי האָט ער פאַרגעסן דעם גאַנצן וואַרשטאַט, און זיך בלויז מיט מיר אָפּגעגעבן.

אין צוויי וואָכן אַרום האָב איך אָנגעהויבן אָפּצוגעבן אַנטאָניטשן פופצן אינזשעקטאָר-געשטעלן, און פעטקא איז געבליבן שטיין ביי זיינע דרייצן. אַנטאָניטש האָט אָנגעהויבן צו קוקן אויף מיר מיט ווייכע בליקן און האָט גלאָט אין דער וועלט אַריין געפינטלט מיט די אויגן. איך האָב זיך צוגעבויגן צו זיין אויער און אים אַ שעפּטשע געטון, אַז מען זאָל פון מיין ווערקשטעל אַראָפּנעמען דאָס שילדל, אויף וועלכן עס איז מיט גרויסע אותיות געווען אָנגעשריבן:

„אויב דו ביסט מיד, גיי אין רויטן ווינקל אַריין, זיץ אַביסל אין ווייכן שטיל, לייען, רו זיך אָפּ."

אַראָפּגענומען האָט דאָס דער קאָמונע-ראַט. אַלע הונדערט דריי-סיק פאַרוואָרלאָזטע האָבן געקוקט, ווי עס בויגט זיך די בלעך פונם

שילדל, וואָס האָט זיך עקשנותדיק געטשעפּעט אין דעם פאַרזשאַווערטן קעפּל פונם נאָגל.

❁

די קאָמונע האָט געפייערט איר דריי יעריקן יובליי, מיר האָבן אָנגעריבן די פאָדלאָגעס, אין אַלע ווינקלען אַראָפּגענומען דאָס שפּינ־וועבס, אויפגעהאָנגען פרישע פאָרהאַנגען, אָנגעצויגן פריש בעטגעוואַנט. אַנטאָניטש האָט אָפּגעגלאַנצט זיין לעדערנע קורטקע, אָפּגעשוירן די וואָנסן און איז געוואָרן נאָך נייער און פיינער. אין רויטן ווינקל האָט מען די גאַנצע ווענט באַקלעפּט מיט פּלאַקאַטן, די גראַמען און פאָ־טאָגראַפיעס פונם לעבן פון אונזער קאָמונע. איבער דער גאַנצער וואַנט האָט מען דורכגעצויגן אַ רויטע לענטע מיט גאָלדענע אותיות:

„אַ הייסן גרוס די געליבטע שעפן".

אויפן יום־טוב זענען געקומען צופאָרן אונזערע שעפן — די אייזנבאַנער פון דער סטאַציע וואָלטשי־לאָג. זיי האָבן געבראַכט מתנות און זיך געגרייט אויך צו באַקומען פון אונז מתנות. די קאָמונע האָט זיי באַשאָנקען מיט אירע זכרונות. דער ראַט האָט אויסגעטיילט פינף קאַנדידאַטורן, די פאַרזאַמלונג האָט באַהאַנדלט און באַשטעטיקט. אינ־אָוונט וועט מען פייערלעך איבערגעבן די געוועזענע פאַרברעכער אין אַ ניי לעבן.

אויף דער פייערלעכער זיצונג בין איך געווען פאָרזיצער, אַלס דער נייער אָנפירער פונם קאָמונע־ראַט, וואָס איז איינשטימיק אויס־געקליבן געוואָרן בשעת די לעצטע וואַלן. נאָך אַנטאָניטשעס באַריכט דאַרף איך רעדן. איך האָב זיך אָבער צעטומלט, און ווייס נישט פון וואָס אָנצוהויבן. איך האָב געדאַרפט פּובליקירן דאָס צעטל פון די יאַטן, וועלכע טרעטן אַריין אין נייעם לעבן, און אין נאָמען פונם ראַט זיי צו רעקאָמענדירן אַלס מיטגלידער פון קאָמיוג. איך האָב אַריינגעקוקט אין פּאַפּירל און דאָרט דערזען אויף דער ערשטער שורה מיט גרויסע אותיות מיין נאָמען. איך שווייג, און די פאַרזאַמלונג וואַרט זשעדנע און שטיל אויף מיין וואָרט.

אַנטאָניטש האָט גענומען דאָס צעטל פון מיינע הענט, איז צו־געגאַנגען צום סאַמע ברעג בינע, אַרויפגעשטעלט דעם פוס אויפן באַריער און אָנגעהויבן לייענען:

„אַלעקסאַנדער גאַלאַד — אַ טאָקער, פון דער זעקסטער קאַטע־גאָריע, ווייל זיך אָבער לערנען פאַר אַ מאַשיניסט.

באָריס קודלאַ — אַ טאָקער, אויך פאַר אַ מאַשיניסט.

ניקאָלאַי דובראָוו — אַ זעלבסטשטענדיקער טאָקער.

איוואַן זאַלאָטוכין — אַ שלאָסער, די ערשטע האַנט, ווייל ווערן אַ לעקאַלטשיק.

פיאָטר מאָקרושין — אַ טאָקער"...

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, צונויפדרייענדיק דאָס צעטל אין אַ טרייבעלע. דערנאָך האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ. זיינע אויגן זענען געווען טרוקן, די ליפּן זעט מען נישט, און די באַקן־ביינער, ווי פון שטיין אויסגעהאַקט. אַפילו די וואָנסן זענען שוואַרץ געוואָרן. דאָס קול איז פאַרגרעבט און האָט געקלונגען שטרענג און פאָדערנדיק.

— גייט, חברה, מיט פעסטע טריט, קוקט גוט אַראָפּצו, און אונז זאָלט איר אויך גוט געדענקען. איר האָט זיך דאָ, אין דער קאָמונע, זעלבסט דערצויגן און אויסגעכאָוועט. צי וועט איר קיין מאָסקווע, צי קיין טאַשקענט אָוועקפאָרן, אָדער אין דעפּאָ פאַרבלייבן — אומעטום טראַכט, אַז איר זענט אין דער קאָמונע, ווערט נישט אָן אייער כאַראַקטער.

ער האָט זיך אויסגעדרייט צום פּרעזידיום־טיש, איז צוגעגאַנגען צו מיר און זיך אָנגערופן:

— און דו, סאַניא, זיי אַ גוטער מאַשיניסט. אַ גוטער, סאַניא.

מיר האָבן זיך שטאַרק אַרומגענומען. די פּאַפּירן פונם טיש זענען, ווי אַ שנייאַראָפּגעפלויגן, די גלאָז איז אַראָפּגעפאַלן און זיך צעבראָכן אויף פּיץ־פּיצלעך. איך פיל ביי מיינע אויגן, אויף די באַקן־ביינער, אויף די ליפּן, די פאַרטאַבאַקטע וואָנסן, און דעם גאַנצן קאָפּ נעמט אַרום אַ ווארעמקייט, וואָס פליסט פון אונטן, פונם סאַמע האַרצן.

אַנטאָניטש האָט זיך אויסגעגלייכט, ווישט אויס מיט אַ טיכל זיינע באַקן־ביינער און זאָגט:

— אַ שאָד דיך אָוועקצולאָזן, סאַניא. טייער האָבן מיר באַצאָלט פאַר דיר. נאָר, מילא. גיי, גיי, סאַניא, דעראָבער דיר דאָס לעבן. און איר, ליבע שעפן, נעמט צו אונזער מתנה, און טראָגט די אַחריות. מיר, די גאַנצע קאָמונע, רעקאָמענדירן זיי אין קאָמיוג.

מען דאַרף לאַכן, פרייען זיך דאַרף מען! די שעפן זענען גע־קומען מיט אַן אָרקעסטער. דאָס מעש פון די אינסטרומענטן ברענט,

זאָגט צו פריילעכקייט, אין דעם שמעקעדיקן געדיכטן סוף-זומערדיקן פּאָד, און מיר ווײַנען.

פלוצים האָט זיך מיט געראַוש אַ צעעפן געטון די טיר. איבער דעם גאַנצן זאַל שפּאַנט מיט גרויסע טריט אַ הויכער מאַן מיט אַ גרויסער באָרד. אויף זיין קאַשקעט זענען, אַזוי ווי שניי געלעגן פּלע-ווּעס, פון דער קעשענע פון דעם לייוונטענעם רעקל האָט אַראָפּגע-האַנגען דעם שווערן קאָפּ אַ פולע זאַנג.

דער פאַרשוין האָט אויסגעשטרעקט די הענט און געשריי געטון:

— אַנטאָניטש, ראַטעווע, טייערער!

מען האָט אויף אים אָנגעשריגן: שטילער! ער האָט זיך אומ-געקוקט, און ערשט איצט באַמערקט, אַז דאָס רויטע ווינקל איז אָנ-געפּראָפּט, מען קוקט אויף אים, מען חידושט זיך, אַזוי ווי מען זאָל פרעגן, פון וואַנען ער האָט זיך דאָס גענומען. דער פאַרשוין האָט זיך געשטעלט אויף די שפּיץ פינגער און עפּעס איינגערוימט אַנטאָ-ניטשן אין אויער. אין אַ מינוט אַרום האָט זיך אַנטאָניטש צו אונז געווענדט:

— חברה, דער פאָרזיצער פון אונזער שעף-קאָלווירט זאָגט, אַז עס איז ביי זיי קאַליע געוואָרן די דרעש-מאַשין: עס האָט זיך צע-בראָכן דער וואַל: די קאָלווירטלער בעטן, מען זאָל זיי היינט ביינאַכט מאַכן אַ נייעם וואַל פון דעם אייזן, וואָס זיי האָבן געבראַכט.

אַלע וואַרטן, קוקן אַנטאָניטשן גלייך אין די אויגן אַריין. זיי נישטערן אַרום אין זאַל, שטעלן זיך אָפּ אויף יעדן קאָמונאַר, ווי זיי וואָלטן געזוכט, וואָס פאַר אַ דרייסטער יאַט וועט זיך נעמען פאַר דעם דאָזיקן פאַראַנטוואָרטלעכן דעטאַל, וואָס ווערט שטענדיק אָפּגעגאָסן אין גיס-צעך און ווערט קיינמאָל נישט אויסגעאַרבעט אויף אַ ווערקשטעל. ער האָט לאַנגזאַם באַטראַכט אַלע רייען און זיך ענדלעך אָפּגעשטעלט אויף מיר. איך האָב פאַרשטאַנען און זיך אָנגעצונדן. אַנטאָניטש האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געפרעגט:

— נו, סאַניאַ, וועסט עס מאַכן! זאָג!

איך הויב נישט אויף דעם קאָפּ. איך קווענקל זיך נישט, ניין. איך דערמאָן זיך אין די פולע רינשטאָקן, אין לבנהן, אין געפליגלטן, דעם בלויען פּאַקעט, מיינע אויגן פול מיט מאַטעריע, די גולעס אויפן קאָפּ, די קרעץ אויף די הענט. דער שטאָלץ האָט ביי מיר אָפּגענו-מען דאָס לשון, לאָזט מיך נישט ענטפערן. איך ווייס, אַז אין זאַל

זיצן טאָקערס, טעפּלערס, סטאָליאַרעס, שוסטער, מוזיקאַנטן, און אַלע וואַרטן אויף אַן ענטפער. איך האָב אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אויסגעשטרעקט די האַנט צו דעם שטיק אייזן:

נאָך נישט קיין אָפּגעקילטער בין איך אַוועק אין וואַרשטאַט אַריין, צוגעדריקט דעם הייסן שטערן צו מיין ווערקשטעל. אַ גאַנצע נאַכט און פרימאָרגן האָב איך זיך געבויגן איבער דער צייכנונג, געפּירט דאָס שניידמעסער מיט דער האַנט, ביז טרערן אָנגעשטרענגט די אויגן, כּדי נישט צו פאַרקוקן, נישט צו פאַרזען און אָפּשניידן דעם דינינקן, אַזוי ווי אַ שאָטן, אויסבייג אויפן וואַל. און דער פּאַטראָן האָט זיך צענדליקער מאָל אין אַ מינוט איבערגעדרייט, דער מאַטאָר האָט געררוישט, און זיין רוישן האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט דעם לעצטן ליד פון די קאָמונאַרן. און מיטאַמאָל האָב איך קלאָר דערפילט, קלאָר און בולט, אַז איך האָס מיין פאַרגאַנגענהייט, און אַז מיין היינט איז נישט קיין מעשהלע, נאָר ווירקלעכקייט, לעבן, וווּנדערלעך לעבן. פון אויפרעגונג האָב איך אָפּגעשטעלט דעם ווערקשטעל, בין צוגעלאָפן צו דער טיר, זי צעפּראַלט, אַ שלונג געטון דעם באַגין און אַ געשריי געטון אין דער טייגע אַריין, אַהין, ווו עס איז שטיל געוואָרן דאָס געזאַנג:

— ס'אי גוט צו לעבן, ס'אי גוט צו לעבן, חברה!

*

די גאַנצע נאַכט פאַרן אַוועקפאָרן, בין איך נישט געשלאָפן. איך האָב זיך געדרייט אונטער די הייסע ליילעכער און געטראַכט וועגן דעם, וואָס עס גרייט מיר די צוקונפט. פאַרטאָג האָב איך זיך אַביסל פאַרגעסן, אָבער באַלד בין איך אין שרעק אויפגעשפּרונגען. איך האָב זיך דערמאָנט, אַז פאַרנאַכט וועלן מיך די שעפן אַוועקפירן. עס האָט מיך אָנגעהויבן צו נאָגן אינעווייניק. דער צימער האָט זיך מיר געדוכט פאַר צו הויך, אַזוי ווי דער זומערדיקער הימל. די בעטן אין צאַרט-ראָזן נעפּל, דאָס כּראָפּען,—אַלץ איז היימיש, אייגן און טייער. מיט אייליקע טריט האָב איך זיך געלאָזט גיין, אַרומגענומען אַלץ, וואָס אין צימער, אַלע ווינקעלעך, אַלע זאַכן. נאָכדעם בין איך געגאַנגען זיך געזעגענען מיטן ווייסן הויז. אַריינגעקוקט אינם רויטן ווינקל. אויף די שטיינערנע טרעפּ האָב איך אַרומגענומען דעם

ווייסן לייבן-קאָפּ, געקוקט צוזאַמען מיט אים אויף דעם מאָרגן-רויט אונטער דעם שוואַרצן וואָלקן פון דער טייגע און זיך דערמאָנט, ווי אַמאָל, זייער לאַנג שוין, פלעג איך דערציילן דעם לייב אויפן אויער וועגן דעם הייליקנס ווונדערלעכע טאַטן, וועגן זיין אומעט אין דעם ווייסן הויז.

אַנטאָניטש האָט מיך געפונען לעבן די לייבן. ער האָט מיר לייכט אַ טאָרע געטון אין דעם אַקסל.

— נו, סאַניאַ? קום, ווען מיר זען, צי אַלץ איז שוין איינגעפּאַקט.

אַנטאָניטש האָט גענומען יעדעס שטיקל וועש אין האַנט אַריין, דאָס צונויפגעלעגט אין וואַליזע אַריין. די לײלעכער און קאָלדרע פון קעמל-וואָל האָט ער צונויפגעקאַטשעט, אַזוי ווי אַ וואַל און עס שטייף פאַרצויגן מיט די רימענס. פון זיין ביבליאָטעק האָט ער אָפּ-געקליבן אַ גאַנצן פּאַק ביכער און מיר אַוועקגעשענקט. דאָס שוואַרצע בוך אינם לעדערנעם איינבאַנד האָט ער געהאַלטן אין דער האַנט, ער האָט דאָס מיר דערלאַנגט, און ציילנדיק די ווערטער מיר שטרענג אָנגעזאָגט:

— פאַרשרייב איצט אַליין, און זע, אַז די נייע אותיות זאָלן נישט פאַרשעמען דיין אַרבעט אין דער קאָמונע. דאָס שטאָלצע פאַר-שרייב, סאַניא, דאָס ווערטפולע.

איך האָב זיך אַרומגעקוקט. זיך געזעגנט מיט אַנטאָניטשעס צימער. דאָ, אויף דער שטול, איז ער געזעסן און דערציילט, ווי אַזוי ער האָט אָרגאַניזירט אַן אויפשטאַנד אינם זאַוואָד, ווי אַזוי ער האָט גע-פאַרטיזאַנעוועט אין סיביר, ווי אַזוי ער האָט לויט דער אָנווייזונג פונם פאַרטקאָם אָרגאַניזירט די אַרבעט, די קאָמונע. דאָרט, ביים פענסטער, זענען מיר איינמאָל אין אַ פאַרנאַכט געשטאַנען. ער האָט מיר געזאָגט:

— דו זעסט, סאַניאַ, די טייגע איז שוואַרץ, צו געדיכטער סמאָלע איז זי ענלעך. האָב נישט קיין מורא פאַר אָט דער פינסטער-ניש. אַביסעלע ווייטער, אַ קאַפּעלע העכער הויב אויף די אויגן — זעסט — אַ בלויע פייל. דו קוק זיך בעסער איין, און זי וועט ווערן אַ באַגינען-פלאַם.

איך האָב דעמאָלט נישט פאַרשטאַנען אָט די פאַרשטעלטע ווער-טער, נישט אויף איין טאָג האָט ער זיי געזאָגט. אין עטלעכע יאָר אַרום, אין אוראַלער סטעפּ, ביים צופוסנס פונם מאַגניטנעם באַרג, האָב איך ערשט באַנומען זייער קראַפט.

— נו, קום, סאַניא.

אַנטאָניטש האָט מיך אַרויסבאַגלייט ביז צו דער סאַמע טייגע, שטאַרק מיר אַ דריק געטון די האַנט און געזאָגט:

— האַלט מלחמה, אַלעקסאַנדער גאַלאַד, קעמף פאַר דער זאַך פון דיין קלאַס. דיר, אָט אַזעלכע, ווי דו וועט אויסקומען צופירן דעם לאָקאָמאָטיוו פונם לאַנד אין דער צוקונפט אַריין.

איך האָב זיך געלאָזט לויפן אין דער טייגע אַריין, כדי נישט אומצוקוקן זיך און נישט צו זען דעם עולם קאָמונאַרן. איך האָב מורא, אַז עס וועלן אַ פּליי טון די טרערן, און איך וועל מיך צוריק אומקערן אין ווייסן הויז מיט די באַגריוועטע לייבן אויף די שטיינערנע טרעפּ.

קאַפּיטל דריי

אויפן פּירעקיקן טישל שאָקלט זיך דאָס וואַסער אין גלאָז. פון דער אויבערשטער פּאָליצע הענגט הילפלאָז אַראָפּ אַ ליידיקער אַרבל פון פּעטקא מאָקרושינס מאַרינאַרקע. ווי אַן אומרו פּין אַ זייגער וויגט זיך באָריס דאָרער קערפּער. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין ווענטל, באַענט צוגערוקט דאָס ביכל צו די אויגן און לייענט. זיינע הענט טרייסלען זיך, דער קאָפּ גליטשט זיך אַלע ווייל אַראָפּ פון דעם ציטערנדיקן ווענטל. נאָר ער גיט מיט די נישט-זעענדיקע אויגן אַ קוק דורכן פענסטער און באַהאַלט זיך ווידער אין די גרויסע שורהלעך.

„מאַגניט-בוי — היינט“, — לייען איך איבער אויף דער טונקל-באָרדער הילע פונם בוך. אויף יעדער סטאַציע באַפאַלט באָריס די קיאָסקן פונם מלוכה-פאַרלאַג און פאָדערט ביכער וועגן מאַגניטאָגאָרסק. שוין אַ מעשה פון עטלעכע טעג, אַז ער איז איינגאַנצן אַריין אין די ביכער. פּעטקא האָט געפּרוּווט מכבד זיין באָריסן מיט הייסע מילך, האָט ער פון אים געקראָגן אַ פּראַסק, ער זאָל נישט שטערן. פּעטקא האָט זיך אָבער נישט באַרויקט און אים אַריינגעשטופּט אַ רויטן עפּל גלייך אין מויל אַריין, באָריס האָט געוואָלט אויסשפּייען, אָבער ער האָט זיך באַטראַכט און אָנגעהויבן עסן דעם עפּל, אָבער דאָס בוך האָט ער פאָרט נישט אַוועקגעלייגט.

איך בין מקנא באָריסן. שטענדיק איז ער אַזאַ. מיטן גאַנצן לייב

און לעבן וואַרפט ער זיך אַריין אין יעדער זאַך. אין דער קאָמונע פלעג איך אים נאָכשפּירן, אויפכאַפּן יעדע באַוועגונג פון זיין קאָפּ, זיין גענגל. אין טאָקער־וואַרשטאַט האָב איך מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם נאָכגעפאָלגט, ווי אַזוי ער האָט מיט דעם שניידמעסער אַראָפּגענומען פונם מעטאַל די דינסטע שפּינוועבס־פּעדעמלעך, ווי אַזוי ער טאָקט צילינדערס, וואָס זענען אַ פינגערהויט די גרויס. איך האָב אין זיך געטרוימט וועגן אַזאַ בריהשקייט.

ער האָט שוין געקאָנט דאָס טיילן ברוכצאָלן, ווען ער האָט מיך געלערנט די ערשטע אותיות אין דער קאָמונע. איך האָב בלויז געענדיקט פאַבפאַכשול, אַרבעט אַלס געהילף־מאַשיניסט, און ער האָט שוין אָפּגעגעבן דעם עקזאַמען אויף אַ זעלבסטשטענדיקן פירער פון אַ לאָקאָמאָטיוו און געפירט משאָ־צוגן.

איך האַלט זיך אין איין יאָגן נאָך אים. אויב איך וועל אים פאַרלירן, וועל איך אַלע טאָג, אַלע חודש נישט זען מיין וווקס, עס וועט אָפּגעשוואַכט ווערן די אָנשטרענגונג, און איך וועל אָנהויבן קריכן און נישט פליען.

ווען דער קאָמיוג האָט אים מאָביליזירט אַלס מאַשיניסט קיין מאַגניט־בוי, בין איך געקומען אין קעמערל און געבעטן, מען זאָל מיך אויך שיקן. פון לאַנגווייל איז פעטקא אויך מיטגעפאָרן.

וויפל האָב איך זיך דאָס אָנגעהערט וועגן מאַגניט־בוי! מען האָט וועגן דעם גערעדט אין אונזער קעמערל. אויף דער לעקציע פון פּאָליטלימוד, געוויזן אין קינאָ, וועגן דעם האָבן דערציילט דיאָגראַמען, געשריגן די לאָזונגען, די פּלאַקאַטן, צענדליקער ביכער, זשורנאַלן, צייטונגען. מיט זיין נאָמען האָט מען אָנגערופן אַלדאָס גראַנדיעזע, מעכטיקע און באַגייסטערנדיקע. לויטן וווקס פון מאַגניט־בוי האָט מען געאורטיילט וועגן דעם נייעם לאַנד, סיי אין די מיניסטאָרן־פּאַלאַצן, סיי אין די שקלאַפן־כאַלופּעס, אין מעקסיקע און אין ניו־יאָרק, אין אורוגוואַי, לאָנדאָן, טעהעראַן און אין אַפריקע. וועגן אים האָט מען לידער געזונגען, ראָמאַנען, דערציילונגען געשריבן.

און אָט באַלד וועל איך אים זען, איך וויל דאָרט לעבן און אַרבעטן.

מיר קריכן אַראָפּ פון די פּאָליצעס און שטופּן זיך ביים פענסטער. לאַנגזאַם, פּאַמעלעכן קריכט אַוועק אויף צוריק דער גרויער סטעפּ מיט די שיטערע שטרויכן פון געלע בודיקעס. איבערן סטעפּ איז

דער הימל אַ קויטיקער, ווי אַש, שווער, ווי אַ שטיין, און נידעריק, אַזוי ווי אַ דאַך. מען זעט נישט קיין מענטש, קיין פויגל, קיין זון. עס שטייט אַ יורטע*), באַדעקט מיט פילץ און איז ענלעך אויף אַן איבערגעקערטער ליקע. ביי איר שוואַרצער עפענונג שטייט פאַרגלי־ווערט אַ מענטש אין אַ שאָפּבאָקענעם פעלץ און אין אַ צעקודלטן מאַלאַכאַי. ביי זיינע פיס ליגט אַ הונט מיט אויפגעבאָרשטע האָר און אַ צעביסע־נעם אויער, אויסגעשצירעטע ציין, גרייט צו פאַרטיידיקן זיין באַלע־באָס ביזן לעצטן טראָפּן בלוט. נישט ווייט פון דער יורטע איבער די אָנגבלעטערדיקע שטעכיקע בודיקעס האָט זיך אָנגעבויגן אַ קעמל. ער האָט אויפגעהויבן זיין קאָפּ, אַ קוק געטון אויף אונז מיט זיינע מוטנע זאַמדיקע אויגן און טרויעריק אַראָפּגעלאָזט די אונטערשטע ליפּ.

מיר האָט זיך פּלוצים געדוכט, אַז מיר זענען פאַרקראָכן אויף עפּעס אַן אומבאַוווּסטן פּלאַנעט, ווו עס האָט זיך נאָך נישט געענדיקט די שטיין־עפּאָכע, אַז מיר זענען פאַר זיך אַן אָנזוניקן מדבר, אַ ווילדן מענטשן, וואָס האָט נאָך נישט אַנטדעקט דאָס פייער, און דעם ערשטן פאַרהיימישטן סטעפּ־הונט און קעמל.

די רעדער האָבן געקלאַפּט איבער די ערשטע שליסונגען פון די וועקסלערס. עס האָבן דורכגעשווינדלט וואַגאָנעס אין דעם טעמפּן ווינקל, עס האָבן אָנגעהויבן אויסצוואַקסן כאַלופּעס, לאַנגע הילצערנע שייערס, ביידלעך, בערגלעך פרישע ערד, מענטשן מיט לאָפּעטעס, פערד און אַקער־איינשפּאַן. דאָס וואַסער אין גלאָז האָט זיך איינגעשטילט. דער עפּל אויפן ברעג טיש האָט זיך אויפגעהערט צו קייקלען. אין וואַגאָן איז געוואָרן אַ טומל.

מיר גייען אַרויס פונם וואַגאָן און שטייען אויף דער ערד — מיר זענען אַביסל שיכּור פונם לאַנגן טרייסלען זיך.

אונטערן דאַך פון אַ כאַלופּע — וואָס איז ענלעך אי צו אַ באַראַק אי צו אַ קירגיזישע יורטע — הענגט אַ בלעך מיט אַן אויפשריפט: „סטאַנציע מאַגניטנאַיאַ". אַרום דעם ביידל, וואָס זעט אויס, ווי אַ הינער־שטייג, ליגן בערג מיט ברעטער, ציגל און שטיינער. הינטער זיי — האַלזט זיך דער נעפּל מיט דער ערד.

ביי אַ ווינקל פון דער סטאַנציע גיב איך אין פאַרלעגנהייט אַ פרעג אַן אייזנבאַנער:

*) אַ געצעלט, אַ באַוועגלעך ביידל ביי די סטעפּ־איינוווינער.

— אָט דאָס איז טאַקע מאַגניטבוי?

ער האָט מיט ביטול מיך באַטראַכט פונם קאָפּ ביז די פיס און מיך באַדויערט:

— קאָפּ! מאַגניטבוי וועסטו אַפילו אין צען טעג נישט דורכ-גיין. אַהינצו קוק — און ער האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט אין נעפּל אַריין.

באָריס איז געלאָפן פרעגן, וווּהין מיר דאַרפן איצט גיין. פון די וואַגאָנעס גייען נאָך נישט אַרויס די מענטשן. איך הער די רו-סישע גראָב-געטאָקטע אויסשפּראַך. צאַרטע אוקראַיִנישע ווערטער, דאָס פּאַרדומפּענע מזרחדיקע באַלעבעטשען, דאָס ווייס-רוסישע געגעד מיט די אומפאַרשטענדלעכע ענדונגען און דאָס היציקע יידישע ריידעריי. פון אַ ברוינעם וואַגאָן גייען אַרויס אַמעריקאַנער אין געקעסטלטע אַנ-צוגן, גלאַטע, ראַזירטע דייטשן און שטרענגע, אָן אַ שמייכל אויפן פּנים, הויכקעפּיקע ענגלענדער.

באָריס האָט זיך אומגעקערט מיט אַן אַגענט פון מאַגניטבוי. מיר זענען איינגעשטיגן אויף אַ האַלב-לאַסט-אויטאָ, האָבן זיך איינ-געטוּנקען אין נעפּל און אַוועקגעקייקלט איבער דעם ברייטן און גלייכן שאָסיי. דער צווישן-טאָג-און נאַכט איז געבליבן פון הינטן. אונדז אַנט-קעגן, לינקס פונם שאָסיי, זענען געלאָפן ניי־נקע צווייִשטאָקיקע הייזער, הינטער זיי האָבן זיך געהויפנט אויסגעקאַלכטע באַראַקן. זיי האָבן זיך ווי אַ גאַנצע שטאָט געצויגן ביז צום צופוסנס פון אַ הויכן באַרג, איבער וועלכן עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ רויך, געהילעכט אויפרייסן, און זענען זיך פאַרגאַנגען אין אַ פייפעריי צענדליקער לאָקאָמאָטיוון. „דער מאַגניטנער באַרג"—האָב איך זיך אָנגעשטויסן. רעכטס פונם שאָסיי, פון דער סאַמע סטאַציע האָבן זיך אָנגעהויבן לאַנגע גלעזערנע, שטיינערנע, הילצערנע, ציגלנע געביידעס און קוימענס. מיר שניידן דורך אייזנ-באַן-ליניעס, וואַרטן ביי די דורכפאָרן, באַגעגענען צענדליקער אויטאָ-מאָבילן, טויזנטער וואָגנס מיט מענטשן, וואָס איילן זיך און האַלטן אין איין גיין פון די באַראַקן, פון די צווייִשטאָקיקע הייזער, פון די כאַלופּעס. עס דוכט זיך, אַז דאָס גייט אַ דעמאָנסטראַציע.

עס האָט מיר שוין אָנגעהויבן ווײַ צו טון דער קאָפּ פון דעם שנעלן פאָרן, און איך זע נאָך אַלץ נישט דאָס האַרץ פון מאַגניטבוי. די מאַשין גיט פּלוצים שטאַרק אַ קערעווע, און איך דערזע פאַר זיך אַ ים, אַ טײַך, אַ ברעגלאָזן, אַ לאָקנדיקן. ווי קומט ער אַהער אין סטעפּ

אַריין? דאָס מוז זיכער זיין די הרעבליע פון דעם געפאַנגענעם טייך אוראַל, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אָזערע. איך האָב געלייענט, אַז מען האָט זי אויסגעבויט ביי אַ פערציק גראַדיקן פראָסט אין משך פון פינף און פערציק טעג.

הינטער דער אָזערע האָט זיך געצויגן די אוראַלער באַרג-קייט. און איבער דער גאַנצער לענג פון דער באַרג-קייט און דעם וואַסער, איבער דער גאַנצער, ווייט, ביז וואַנען דאָס אויג קאָן דערגרייכן, האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט, איז געוואַקסן דער מאַגניטבוי. גאָר נאָענט האָט ווי אַ ריזיקע שיף געריוכערט דער אייזנגוס-צעך. אַן אייזן-בעטאָניקע אַ קילאָמעטערדיקע עסטאַקאַדע, וואָס איז אָנגעטון אין כוואַליעדיקן אייזן, דער געפאַנצערטער קאָרפּוס פונם ריז. די דריי אייזן-הויטעס, וואָס לאָזן פון זעקס ליכטלעך אַרויס גאַז אין דעם פאַרויכערטן הימל, זענען ענלעך צו האַרמאַטן-טורעמס. צוועלף קאַופּערן הויבן זיך אויף מיט די שווערע קוימענס, וואָס גיבן צו קראַפט און מעכטיקייט דעם ריז.

די געדיכטע נעץ פון אייזנבאַן-וועגן — דאָס איז די שיף-דעק. איבער איר לויפן שוואַרצע לאָקאָמאָטיוון מיט קאַנען, וואָס זענען אָנגעפולט מיט פליסיקן טשוהון. די מענטשן—אָנגעטון אין ברעזענט, אין ווייכע פילצענע היט, און טיפע הענטשקעס. זיי זענען געלאַסענע, איינגעהאַלטענע, און, דוכט זיך, נישט באַריידעוודיקע.

די אַכצן-שטאָקיקע געביידע פונם לופט-בלאָזער איז דאָס קאַפּיטאַן בריקל — מן-הסתם דאַרף מען בלויז געבן אַ באַפעל — און די שיף וועט זיך לייכט אַ פאַרקערעווע טון, וועט מיט דער נאָז פון דער פערטער הויטע, וועלכע האַלט זיך נאָך אין בויען, אַ גראָב-טון די בלויקייט פונם הימל און וועט אַוועקשווימען אַ לייכטע, אַ שנעלע, ווי אַ טרוים.

און דער גאַנצער מאַגניטבוי איז ענלעך צו אַן עסקאַדרע פון פאַנצער-שיפן. לעבן דער וואַלץ-צעך שטייט אין שטאָלענעם געפלעכט פון פערמעס, זיילן, צוויפעסטן, בריק-קראַנען דער זיבן-קוימענדיקער מאַרטען.

און דאָרטן — מינען-שיפן, קאַטערס — דער קעסל-צעך, דער מעכאַנישער, די פונאַנדערגוס-מאַשינעס, די דעפאָ.

דער האַפן פאַר דער מאַגניטבויער עסקאַדרע איז די עלעקטרישע סטאַציע, וועלכע הויבט זיך אויף איבער דעם אַמעריקאַנישן

וואָלקנקראַצער, איבער דעם וואַלד-צעך, איבער דער הוטע, איבער דעם מאַרטען.

דער ברעג, דאָס איז די פינף-שטאָקיקע מאַלינע-קאָלירנדיקע סאָ-ציאַליסטישע שטאָט, וואָס האָט זיך באַהאַלטן פון די מדבר-ווינט, פון שטויב, שניי, און דעם קראַטער פון די הויכע בערגלעך, וואָס האָט זיך אָפּגעשלאָסן מיט אַ דרייענדיקן רינג פונם יונגן פּאַרק.

איך האָב אַ פּאַרגאַפטער, אַן אַנטציקטער אַ קוק-געטון אויף באָריסן, ער האָט אַראָפּגעלאָזט זיינע ביכער אויף דעם פאַרשטויבטן דעק פונם אויטאָמאָביל און, נישט אַ פינטל-טוענדיק מיטן אויג, האָט ער געקוקט שווייגנדיק, אַרומנעמענדיק מיינע אַקסל, צוטוליענדיק זיך צו מיר, נישט אָטעמענדיק.

מען האָט אונז אַריינגעזעצט אין קאַראַנטין, אונז געפירט אין באָד, אָנגעשוירן, אָנגעהאָדעוועט; אויף נאַכטלעגער, אונז געגעבן הוילע הילצערנע טאַפּשטאַנעס.

ביינאַכט האָב איך נישט געקענט איינשלאָפן, זיך געדרייט אויף די הוילע ברעטער, זיך דערמאָנט אין דעם, וואָס דער קאַראַנטין-וועכ-טער האָט אונז געזאָגט:

אין באַפעל שטייט — אין קאַראַנטין מוז מען אָפּזיין דריי טעג. אָבער אייך וועט אויסקומען לענגער — ווייל עס איז זייער ענג אין מאַגניטקע, מען באַווייזט נישט אויסצובויען נאָך באַראַקן.

עס שמעקט מיט קאַרבאָל. דאָס דערמאָנט אַ וואָקזאַל, אַ צוג, מיין קינדהייט, עס פאַרגנבעט זיך די פּוסטקייט פון יענע יאָרן. איך האָב אַ קריץ געטון מיט די ציין און בייז אַ טראַכט געטון אויף אַ קול:

— ביסט פויל געוואָרן אין פאַבפּאַכשול, סאַנקאַ, צעלאָזן געוואָרן, דו נבילה איינע!

— מיט וועמען רעדסטו דאָס? — האָט זיך באָריס געוווּנדערט. ער איז אויך נישט געשלאָפן. ער איז צוגעקראָכן צו מיר און געפרעגט:

— סאַניא, ביסט נישט אַנטוישט?

— און דו?

— איך אויך נישט.

— וואָס רעדסטו, משוגענער!

קאַפּיטל פיר

אַ הייסער רעגן פאַלט אויפן קאָפּ. די יולי זון האָט זיך באהאַלטן אויף דער ברוסט. דער קערפּער צעוויגט זיך אין אַ שיכורן דרעמל און פליט אין דער ווייכער פינסטערניש. מיטאַמאָל אַ בליץ, אַ דונער — און דער הייסער רעגן ווערט פאַרוואַנדלט אין אייז־טראָפּנס, די ווייכע פינסטערניש — אין שפּיציקע שטיינער.

איך עפן די אויגן, און ערגעץ אויבן דערזע איך די שוואַרצע וואָנסן, דאָס צעפּאַטלטע היטל פונם מאַשיניסט. ער גיסט אויף מיר קאַלט וואַסער פונם טשייניק, מיט דער לאָפּעטע שטויסט ער מיר אין ברוסט, שלעפּט מיך ווי אַ שטיק האָלץ איבער די קוילן־שטיקלעך, וואָס זענען צעשיט אין לאָקאָמאָטיוו־ביידל.

— אַנטשלאָפן געוואָרן, אויפן לאָקאָמאָטיוו אַנטשלאָפן געוואָרן! איך האָב שוין פערציק יאָר, דוכט זיך, דעם גאַנצן ערד־קיילעך מיט פערציק וועגן אַרומגעפאָרן, און קיין איין מאָל קיין אויג נישט צוגע־מאַכט. און ער — פּאַפּט. מאַרש פונם לאָקאָמאָטיוו, פאַרנעם זיך שוין, מנוול איינער, דיין פוס זאָל דאָ מער נישט זיין. איך דאַרף נישט אַזעלכע אַרבעטער. דער הייצער וועט שוין פאַר דיר דעראַרבעטן די נאַכט.

דער ווינט פּאַטשט מיטן ברעזענט אין דער טיר פונם ביידל. די ערד זינקט אונטער די לאָקאָמאָטיוו־רעדער. איך לאָז זיך אַראָפּ דורך די שיפּע טרעפּ. איך האָב זיך פאַרזשמורעט און שוין געוואָלט אַ שפּרונג טון. אָבער דעם מאַשיניסטס האַנט האָט מיך ווידער אַ כאַפּ געטון פאַרן קאָלנער און געשלעפּט מיך ווידער צוריק אויפן לאָ־קאָמאָטיוו. אַ דערשראָקן געשריי איבערן סאַמע אויער:

— ביסט דול, צי משוגע! אין מיטן גאַנג וואַרפן זיך אין סטעפּ אַריין. קריך אַרויף אויפן טענדער, זאָלסט זיך נישט פּלאָנטערן דאָ, דו אומגעוואַשענע מאַרדע.

איך זיץ אויף דער קופּע קוילן און בלאָז אויף די פינגער. שוין אַ וואָך צייט, אַז איך האָב נישט אויסגעטון די שטיוול און נישט געשלאָפן אויף קיין בעט. איך און באָריס שלאָפן אין רויטן ווינקל פונם דעפּאָ. קיין דירה האָבן מיר נאָך אַלץ נישט.

אָפּטמאָל באַפאַלט מיך אַ שטאַרקער חשק — שטילענקערהייט אַריינצורוקן דעם קאָפּ אין דעם מיליך-ראָזן חלל פונם לאָקאָמאָטיוו-אויוון און אַנטלויפן, פאַרגעסן זיך אין דער וואַרעמקייט. אָבער אַלע-מאָל הער איך דאָס שטרענגע קול:

— קעמף, קעמף, אַלעקסאַנדער.

איך גלייך זיך אויס. ביז ווייטיק אין די ביינער, דריק איך די לאָפּעטע און וואַרף קוילן אין דעם ווייסן גאָרגל פונם לאָקאָמאָטיוו. איך לאָז נישט אַראָפּ דאָס אויג פונם מאַנאָמעטער, איך האָב מורא, אַז דער ווייזער זאָל נישט אָפּפאַלן. דער מאַנאָמעטער איז ענלעך צו אַ זון, אָט צו אַ קופּערנעם צענער*), אָט צו אַ פאַלנדן שטערן. איך שטרעק אויס די האַנט, שפּאַר זיך אָן אין רעדל, פאַרשטעל די שלייפן פון די שאַרפע אַרמאַטור-ווינקלען. און איך וואַרף שוין ווידער קוילן, קלאַפּ אַרויס דעם אָנגעזאַמלטן שלאַק.

איך האָב זיך מורא אָנצושפּאַרן אין דער וואַנט: איך ווייס, אַז די אויגן וועלן זיך באַלד פאַרמאַכן, די פיס וועלן זיך אונטערברעכן, און איך וועל אומפאַלן אויף דער פאָדלאָגע, און נישט הערן נישט דאָס פייפן פונם לאָקאָמאָטיוו, נישט די געשרייען פונם מאַשיניסט. אַ גאַנצע נאַכט האָב איך זיך געשטאַרקט. גאַנץ פרי האָב איך אַרויס-געשטעקט דעם קאָפּ דורכן פענסטער, זיך אַביסל אָפּפרישן, זיך אָנ-געשפּאַרט אויפן פאַרפּעט און בין אַנטשלאָפן געוואָרן.

באַלד וועט זיך דער צוג אָפּשטעלן, און דער מאַשיניסט וועט מיך מיט חרפּה אַרויסטרייבן. ער איז גערעכט. מיט וואָס קען איך זיך פאַרענטפערן?

דער לאָקאָמאָטיוו אָטעמט אַלץ זעלטענער און שטילער. איך קוק אויף דעם מאַנאָמעטער. אַכט אַטמאָספערעס. דער מאַשיניסט וואַרפט זיך פונם פענסטער צום אויוון. דאָס פענסטער קאָן ער נישט פאַרלאָזן. באַלד איז די סטאַציע, מען דאַרף נאָכשפּירן נאָך די סיגנאַלן. ער שרייט צום הייצער, יענער זאָל מיט דער פיקע דורכשאַרן די לעכער. דער הייצער גיט זיך אַ וואָרף מיט דעם לאַנגן ברעך-אייזן צום אויוון, אָבער אין די לעכער טרעפט ער נישט, ער קלאַפּט אין דער מעשע-נער גראַניע פונם קעסל, איבער די צאַרטע רויך-טרויבן און קען זיי נאָך צעברעכן.

*) פינף-קאָפּיקענע מטבע.

דער מאַשיניסט האָט אַ כאַפּ געטון דאָס שווערע היטל, דאָס ווי אַ שווערן שטיין אַ וואָרף געטון דעם הייצער אין רוקן און זיך צעליאַרעמט: איך האָב זיך דערמאָנט אין פּאַנצער־צוג. אָט פּונקט אַזוי האָט געשריען און זיך גערודלט דער פעטער מישאַ באַגאַטיריאָוו, מיין ערשטער לאָקאָמאָטיוו־לערער. ווען די מאַשין איז ביי אים נישט געווען ווי עס באַדאַרף צו זיין.

דער מאַשיניסט האָט אַרויסגעכאַפּט דעם לאַנגן ברעך־אייזן און גענומען שאַרן אין אויוון, ער האָט זיך דערמאָנט אָנם פענסטער און זיך ווידער געלאָזט לויפן צום סיגנאַל־ציער. מיד האָט ער זיך אַראָפּ־געלאָזט אויפן בענקל און מיט אַ בעטנדיקן בליק אַ קוק געטון אין מיין זייט אַריין.

איך האָב פאַרגעסן אין זיין דראָונג און זיך אַ וואָרף געטון צום אויוון. מיט אַ געניטער האַנט אַ הויב געטון דאָס שלאַק־פּלעצל, דאָס אַ שלעפּ געטון צו זיך, דאָס צעשפּאָלטן און אין צוויי מאָל דאָס אַרויסגעוואָרפן אין סטעפּ אַריין. ווען מיר זענען צוגעפאָרן צום סע־מאַפאָר, איז דער אויוון געווען אויסגערייניקט. דער ווייזער האָט זיך לאַנגזאַם געהויבן. דער מאַשיניסט איז געוואָרן אויפגעלעבט.

— שוין איינמאָל קאַדרען! איינער כראָפּעט אויף וואָס די וועלט שטייט, און דער צווייטער ברעכט דעם לאָקאָמאָטיוו! אָט אַזוי איז שוין אויף אַלע לאָקאָמאָטיוון. אַן אומגליק. און קיין בעסערס איז גאָר־נישט צו געפינען. מאַטער זיך, און צוליב וואָס האָב איך זיך, אַלטער נאַר, פאַרשלעפּט ערגעץ דער טייוול ווייס ווו?

עס האָט אַ בלינצל געטון דאָס גרינע פייערל פונם סעמאַפאָר, די מילך־ווייסע פּירעקן פון די וועקסלערס האָבן זיך פאַרפלאָנטערט אין די רעדער פונם לאָקאָמאָטיוו. מיר זענען אַרויס אויף דעם גלייכן וועג פון דער סאָרטירונג־סטאַציע, נאָר וואָס איז דאָס? דער וועג דאַרף זיין איינגאַנצן פריי, און דאָרטן שטייט עפּעס אַ שוואַרצס און רויכערט.

— אויף דעם מאַנעווורירנדיקן נעמט מען אויף — אַן אָפּשטעל.

דער רעגולאַטאָר האָט אַ קלאַפּ געטון, עס האָט זיך אַ דריי געטון דער הויבער פון גאַנג־ענדערונג. אָבער דער שווערער וואַגאָ־נען באַשטאַנד האָט צעלאָפּענערהייט געשפּאַרט. דער שוואַרצער שאָטן איז שוין גאָר נאָענט. נאָך איין מינוט און עס וועט אָנהויבן דונערן דאָס צעקלאָפּטע אייזן, קלינגען דאָס גלאָז. דער הייצער האָט זיך אַ

וואָרף געטון צו דער שמאָלער טיר, ער האָט זיך פאַרטשעפּעט מיט דער היימיש געוועבטער סוויטקע אין אַ טשוואָק און בשום-אופן נישט געקאָנט אָראָפּשפּרונגען.

איך האָב מיט איין האַנט אָנגעהויבן פּאָמפּען וואַסער אין קעסל אַריין, אויפגעמאַכט דעם פאַרהיט-קלאַפּאַן, צוגעגרייט די מאַשין אויפן פאַל פון אַן אַוואַריע, און מיט דער צווייטער האָב איך אַן אָפּשטעל געצויגן דעם זאַמד-שיטער, געבנדיק אַן אָנלען די רעדער.

בלויז מיט איין רעדער-דריי זענען מיר נישט צוגעפאָרן צו דעם מאַנעווורירנדיקן לאָקאָמאָטיוו. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט. דער מאַשיניסט איז מיט שוים אויף די ליפּן אַוועקגעלאָפן צו דער סטאַציע.

— אַלע נאַכט איז דאָס אַזוי. שטויב האָבן זיי אָנשטאָט גע-הירן. אויף אַ פאַרנומענער ליניע נעמען זיי אויף דעם צוג. און נאָכדעם שלעפּט מען אונזערע לייט אין געריכט אַריין. אָ, מיין פאַר-שאָלטן מזל! ביסט געטרעכט, מאַריא גריגאָריעוונאַ!

ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן, אַ קוק געטון אויף מיר קרום און פאַרענדיקט:

— און דו, קאָפּ איינער — פּאַפּסט גאָר!

מיר שטייען אויף דער סטאַציע און וואַרטן אויף דעם צוג, וואָס גייט צוריק. די פענסטער זענען פאַרמאַכט, ס'איז וואַרעם. דער מאַשי-ניסט רויכערט די ליולקע און פרעגט:

— און דו, פון וועלכע קאַנטן ביסטו?

אין זיין שטימע איז דאָ וואַרעמקייט, אויפריכטיקייט, און איך דערצייל אים וועגן דעם ווייסן הויז, וועגן דער טייגע, וועגן אַנטאָניטשן.

ער האָט מיך פאַרבעטן צו זיך, איך זאָל דערווײַלע וווינען ביי אים.

— דאָס צימערל, איז וואָס אַן אמת, אַ שפּאַן די גרייס, אָבער מיר וועלן אויסקומען.

— איך בין נישט איינער אַליין. איך האָב נאָך אַ חבר, באָריס.

— אין צווייען. ס'וועט זיין אַביסעלע ענגלעך. נו, גוט. מירן אינדרייען פירן מלחמה מיט מאַריאַ גריגאָריעוונאַן.

איך האָב נישט אויסגעהאַלטן. איך האָב זיך אַ וואָרף געטון דעם מאַשיניסט פונם אומגעקומענעם פאַנצער-צוג מישא באַגאַטיריאָוון אויפן האַלז און אַ געשריי געטון:

— פעטער מישא, איז ניט-זשע דערקאָנסטו מיך נישט?

באַגאַטיריאָוו האָט זיך דערשראָקן, ער האָט מיך צוגעפירט צום פייער, מיר אַריינגעקוקט אין דער צורה און מיך אויך גענומען האַלזן:

— סאַניא, קינד, דאָס ביסטו? איז ווי איז דאָס מעגלעך? האַ? ווי אַזוי? סאַניא?

... דעם צווייטן טאָג האָבן מיר, איך און באָריס, זיך איבער־געקליבן אינם באַראַק־צימער פון מיכאַיל באַגאַטיריאָוו.

•

באַגאַטיריאָוו איז געקומען אויף דער בויונג, ווען דער אוראַל איז נאָך געלאָפן אַלס פרייער טייך, און אין טיפן טאָל פון דער מאַגניטקע האָבן די סטעפּ־סטאַדעס פון די קירגיזישע האַלב־ווילדע פערד אויפגעהויבן אַ שטויב־נעפּל, בשעת זיי זענען געגאַנגען צום וואַסער טרינקען. באַגאַטיריאָוו האָט איינגעהייצט דעם ערשטן לאָקאָ־מאָטיוו, און זיך געלאָזט פאָרן איבער די נישט־איינגעפאָרע ליניעס, און צום ערשטן מאָל האָט זיך איבער דעם טאָל דערהערט דאָס ווי־דערקול פונם פייף.

די בערג האָבן אונטערגעכאַפּט דאָס פייפן אַזוי ווי אַ סיגנאַל און עס צעשאָטן איבערן סטעפּ. עס האָבן זיך מסתמא פאַרחידושט די קירגיזשע וואַנדערנדיקע קיביטקעס*) פון דעם ביז איצט נישט גע־הערטן געשריי. ער איז נישט געווען ענלעך צו דעם וואָרקען פונם סטרעפּעט־פויגל, נישט צום קריגערישן פייף פונם בערקוט, נישט צום זיגערישן ליד פונם אָדלער.

באַגאַטיריאָוו דערמאָנט זיך אין יענער צייט און דערציילט:

— איך האָב געגעבן אַ לאַנגן, אויסגעצויגענעם סיגנאַל און פון שרעק האָב איך זיך אַזש צוגעזעצט. אַז עס גיט זיך דאָס אַ צעכאַכע דער גאַנצער טאָל, אַז ער צעוואַיעט זיך דאָס, דער פאַרשאָלטענער! און עס ענטפערן אים אָפּ די בערג, דער גאַנצער אוראַל. כאָטש איך בין אַ פּאַרטיי־מיטגליד פון 1918 יאָר אָן, און פינף און צוואַנציק חדשים געפירט דעם לאָקאָמאָטיוו פון אַ פּאַנצער־צוג, און דאָך האָב איך אַ טראַכט געטון: „שדים, נישט גוטע!" איך גיב אַ קוק — עפּעס מענטשן לויפן שוואַלאַם צום לאָקאָמאָטיוו און מאַכן מיט די הענט.

*) געצעלטן, בײדלעך.

איינער אין אַ לעדערנער קורטקע איז אַרויפגעקראָכן אין דער בודקע, כאַפּט מיינע פינגער, טרייסלט מיט מיין האַנט און וואַרגט זיך מיט די ווערטער: „פעטערל, צי ווייסטו כאַטש, באָרד איינע, אַז דו גיסט איצט אַ סיגנאַל דער נייער עפּאָכע?״

באַגאַטיריאָוו האָט אָפּגעפּירט די ערשטע פּלאַטפאָרם מיט אויסגעגראָבענער ערד און בגניבה, אין פינסטערן בײדל פונם לאָקאָמאָטיוו, האָט ער באַשמעקט איר ריח, גענומען אויף די ציין און אויסגעשפּיגן פון ביטערקייט. ער האָט צוגעשטעלט דעם ערשטן וואַגאָן ציגל. אים האָט מען אויך איבערגעגעבן אָפּצופירן דעם ערשטן קאַן פליסיקן טשוהון.

דעם ערשטן לאָקאָמאָטיוו-מאַשיניסט פון די נעכטיקע ערד-גרעבער האָט אויך באַגאַטיריאָוו צוגעגרייט. איצט זענען אין מאַגניטבוי דאָ הונדערט לאָקאָמאָטיוון, און באַגאַטיריאָוו איז נאָך אַלץ דער זעלבער, וואָס אין די ערשטע טעג. אַלע הונדערט זעען אין זיינע אויגן אויס, ווי איין לאָקאָמאָטיוו, פאַר וועלכן ער איז פאַראַנטוואָרטלעך.

געענדיקט זיין אַרבעט, גייט ער נישט גלייך אַהיים, כאַטש עס וואַרט אויף אים דאָס יונגע ווייבל, מאַריאַ גריגאָריעוונא: חתונה-געהאַט האָט ער צום צווייטן מאָל מיט אַ פינף יאָר צוריק. בשעתן פאָרן האָט ער געבענקט, אַלע טאָג געשריבן בריוו. געלעבט האָבן זיי גוט, און איצט אָדער ער האָט זיך צוגעוווינט, אָדער ער האָט אָנגעהויבן פאַרגעסן, אָדער ער האָט קיין צייט נישט — ער ווייסט אַליין נישט. אָבער אַ פאַקט איז, אַז ער איז איצט ווייניק אינדערהיים. גאַנצע טעג קריכט ער אַרום איבער די הייסע לאָקאָמאָטיוון, קוקט זיך צו צו די מענטשן, זוכט עפּעס, פאַרשרייבט עפּעס אין זיין ביכעלע, וואָס איז זאָרגפעליק איינגעוויקלט אין ציטונגס-פּאַפּיר. אינדערהיים לייענט ער לאַנג זיינע נאָטיצן און שאָקלט אומצופרידן מיטן קאָפּ. ער קלאָגט זיך:

— פאַרשטייסט, מאַריאַ גריגאָריעוונא, קיין איין געניטער געהילף, קיין איין לייטישער מאַשיניסט, חוץ עקספּלואַטאַציקעס. אַן אומגליק!

מאַריאַ גריגאָריעוונא שווייגט בייז. עס ווילט זיך איר אַ געשריי טון אויף דעם אַלטן, אַז איר עס איז איר שוין נמאס צו זיצן גאַנצע טעג איינע אַליין אין דעם דאָזיקן צימער און נאָר הערן רעדן פון לאָקאָמאָטיוון. זי טראַכט שוין צונויפפּאַקן אירע לאַכעס און אַוועקפאָרן צו זיך אַהיים. זאָל ער דאָ מיט זיינע לאָקאָמאָטיוון בענקען.

באַגאַטיריאָוו איז אָבער גאָרנישט חושד. נאָך דער אַרבעט לויפט

ער אויף פרעמדע לאָקאָמאָטיוון, מיט אַ נישט באַליידיקנדיקן פאָרוואורף קוקט ער אַריין אין די אויגן פון די ווייניק-גענייטע מאַשיניסטן, לערנט זיי, ווי אַזוי מען דאַרף אַרויפשלעפּן אַ שווערן צוג אויף אַ גרויסן באַרג אַרויף, אויף וויפיל מען דאַרף אָנציען דעם הויבער, ווי אַזוי מען דאַרף אַראָפּלאָזן אַ גרויסן צוג פון אַ באַרג-אַראָפּ, ווי אַזוי מען דאַרף צופאָרן צום סעמאַפאָר.

אַז ער קלייבט זיך שוין אויס אַהיים-צוגיין, פאַלט שוין צו די נאַכט. אָבער אינדערהיים האַלט מען אויך אין איין רעדן וועגן לאָקאָמאָטיוון.

— טאָמער איז נאָך קאַרג, וואָס ער האָט צוויי פאַרשוין צו זיך אין וווינונג אַריינגעזעצט, מאַכט ער נאָך אַלע נאַכט פאַרזאַמלונגען,— וואָרטשעט מאַריא גריגאָריעוונא.

ביי באַגאַטיריאָוון אין צימערל זאַמלען זיך צונויף כמעט אַלע געהילפן. ס'איז שוין נישטאָ ווו זיך אַנידערצוזעצן. מען זיצט אויפן בעט, אויפן קופערט, מען האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין טיש. שטייט צווישן זיי באַגאַטיריאָוו, און זיין שאָטן טאַנצט אויף דער וואַנט, אַזוי ווי אַ שאַמאַן*). ער פירט אונז איבער די דרייסיק יאָר פון זיין דינסט אויף די לאָקאָמאָטיוון.

•

אַ העלבלויע קאָפּערטע און אַ געוויינלעך גרוי שטיקל פּאַפּיר האָבן צו נישט געמאַכט מאַריאַ גריגאָריעוונאַס אַלע קלוג-צוגעטראַכטע פּלענער.

דאָס איז געווען אין אַ ווינטער-אָוונט. איך בין אָקאָרשט צוריק-געקומען פון די קורסן, און בין געשטאַנען, איבערוואַרטנדיק דעם שטורעם, נעבן מיינע שוין לאַנג נישט אָנגערירטע נאָרטעס.

אינדרויסן איז דער שניי העכער פון די באַראַקן, דערגרייכט ביז צו די בערג. אַ פראָסט, שטערן און אַ לאַנגע פון די שמעלץ-אויוונס, וואָס זעט אויס אַזוי ווי אַ צפון-שיין. עס ווילט זיך אַ פלי טון איבער דער דאָזיקער וועלט, זשעדנע שלינגען די לופט. איך קאָן דאָס אָבער נישט טון. איך מוז אָפּגעבן דעם עקזאַמען אויף מאַשיניסט. נעכטן האָבן אויפן ערץ-באַרג נישט-געניטע לאָקאָמאָטיוו-פירער

*) אַ כישוף-מאַכער, אַ פּריסטער ביי די האַלב-ווילדע סטעפּ-פעלקער.

איבערגעקערט צוויי לאָקאָמאָטיוון און אַ גאַנצן צוג. די שמעלץ-אויוונס זענען אַ גאַנצן מעת-לעת געשטאַנען אָן אַרץ.

אַלע טאָג גיי איך אויף די קורסן. היינט האָט מען אונז גע-לייענט אַ לעקציע וועגן דער קאָנסטרוקציע און דער ווירקונג פון די וועסטינגהאַוז-טאָרמאַזן. עס האָט זיך מיר געדוכט, אַז איך ווייס שוין וועגן דעם אַלצדינג. עס האָט מיך געפרייט, וואָס היינט וועל איך קענען אויף די נאַרטעס אַרויפפאָרן אויפן סאַמע רוקן פון די אוראַלער בערג. אָבער ווי נאָר איך האָב זיך גענומען צו די רימענס, — האָב איך זיך געכאַפּט, אַז ביי מיר אין קאָפּ איז, אַנשטאָט די קלאָרע, גענויע פאָרמולעס, עפּעס אַ נעפּל. איך האָב זיך אָנגעהויבן פאָרצו-שטעלן, ווי אַזוי איך דאַרף אין אַן עקסטרע-פאַל פאַרהאַמעווען דעם צוג, וואָס פאַראַ מיטלען וועל איך אָנווענדן, ווען די לופט-פּאָמפּע וועט קאַליע ווערן. נו, אָט איז עס, אָט ליגט עס אין ווינקל פון מיין זיכרון, אָבער כאַפּן אויפן אָרט קאָן איך דאָס בשום-אופן נישט. און די נאַרטעס שטייען נאָך אַלץ אין ווינקל, און רייצן מיך מיט די טונקל-גאָלדענע רימענס, מיט דער גלאַטקייט, וואָס האָט נאָך נישט פאַרזוכט דעם טעם פון שניי. איך בין צוגעשפּרונגען צו זיי און מיט כעס אַ געשריי געטון:

— נו, שטייט אייך, און וואַלגערט אייך כאָטש נאָך זעקס חדשים, ביז סוף אויגוסט וועל איך זיך צו אייך נישט צורירן!

נו, וואָס פאַראַ מאַשיניסט וועל איך זיין, אַז איך וועל נישט קענען דעם טאָרמאַז? צי וועל איך זיך אַמאָל דערוואַרטן, מען זאָל מיר געבן אָנצופירן מיטן לאָקאָמאָטיוו פון אַ פּאַנצער-צוג? צי וועל איך זיך אַמאָל דורכטראָגן צוזאַמען מיטן ווינט, פירנדיק אַ קוריער-צוג?

און אין סאַמע אויער הער איך אַ שטימע:

— קעמף, קעמף, אַלעקסאַנדער!

איך האָב מיך אָפּגעקערט פון די נאַרטעס און זיך געזעצט נעבן באָגאַטיריאָוון און אַ וואָרף געטון אויפן טיש די צייכענונגען פון וועסטינגהאַוז-טאָרמאַז.

מאַריאַ גריגאָריעוונאַ ווייסט, אַז מיר וועלן אַזוי אָפּזיצן ביז פאַרטאָג, און זי גרייט אונז צו טיי.

אַ מאָדנע איז זי לעצטנס — אַ גוטע און אַ זאָרגעוודיקע.

אָט דאָ, ערשט נישט לאַנג, האָט זי זיך געהאַלטן אין איין בונטעווען. באָגאַטיריאָוו איז צוריקגעקומען פון אַ פאַרזאַמלונג. אין

דעם טאָג האָט זיך געענדיקט דער טערמין פון זיין אַרבעט אין מאַגניטבוי, וואָס איז געווען אָנגעמערקט אין דעם שוין לאַנג פאַרגעסענעם אַרבעטס-אָפּמאַך.

ער עפנט די טיר פונם צימער — און בלייבט שטיין אַ פאַרגאַפטער. דאָס בעט שטייט מיט די הוילע ריפּן. דאָס בעטגעוואַנט ליגט אויף דער ערד, פאַרבינדן אין שטייפע וועג-טלומקעס. פון די ווענט זענען אַראָפּגעריסן די פאָטאָגראַפיעס און די בילדער.

אויף די טלומקעס אין אַ מאַנטל און אין אַ וואַרעמען שאַל זיצט מאַריאַ גריגאָריעוונאַ מיט פרייליכע אויגן פונם פאַרגעפיל פון דער רייזע, וואָס שטייט פאַר.

— אָט וואָס, טייערער מיכאַיל ניקאָלאַיעוויטש — חבר באָגאַטיריאָוו, גיב נאָר שוין אַ שפּרונג אויף דער סטאַציע נאָך בילעטן, מיר זענען שוין אונזער טערמין דאָ אָפּגעווען. גענוג!

און זיך שטאָלץ אַנידערגעזעצט, פאַרלייגנדיק די הענט אויף דער הויכער ברוסט.

באָגאַטיריאָוו איז נאָך לאַנג געשטאַנען און פון איבעראַשקייט קיין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסרעדן. און דערנאָך האָבן זיינע אויגן אַ פינקל געטון מיט געלעכטער. און ווי ער וואָלט נישט פאַרשטאַנען דעם באַפעל, האָט ער געבעטן:

— זיי אַזוי גוט, מאַריאַ גריגאָריעוונאַ, גיב מיר נאָר מיינע ספּעץ-מלבושים, אַנישט וועל איך נאָך מיט סאַנקאַן פאַרשפּעטיקן.

מאַריאַ גריגאָריעוונאַ האָט גלייך פאַרלוירן איר גאַנצע שטאָלצקייט, זי איז אַנידערגעפאַלן אויף די ווייכע טלומקעס און מיט טרערן אין די אויגן זיך צערעדט:

— און וווהין האָט דאָס אונז פאַרטראָגן! מיט וואָס פאַרווינטן האָט עס אונז פאַרטריבן פון אונטער אונזער אייגענעם דאַך ערגעץ אין עק וועלט אַריין?

באָגאַטיריאָוו האָט מיט אַ קאָמישער היפּלאָזיקייט אַ קוק געטון אויף מיר און מיט פאַרצווייפלונג אַ זאָג געטון:

— אָט האָט זי זיך צעלאָזט, זיך צעיאַכמערט!

ער האָט מיט פאַראַכטונג אַ קוק געטון איבער די ברילן אויף דער וויינענדיקער מאַריאַ גריגאָריעוונאַ, און דאָס ערשטע מאָל זי שטאַרק באַליידיקט:

— אַ! פאַרפאַלענע טיפּשה, דו!

און דערפון האָט זיך דאָס אָנגעהויבן. אז באָגאַטיריאָוו פלעגט קומען אַהיים, האָט אים מאַריאַ גריגאָריעוונאַ גלייך באַגעגנט מיט טרערן און טענות. דעמאָלט פלעגט ער מיר זאָגן:

— סאַניאַ, קום, וועלן מיר אַריינכאַפּן אַביסל פרישע אַטמאָספּער.

און מיר זענען געלאָפן אין דעפּאָ אַריין. און באָריס נעכטיקט שוין לאַנג נישט ביי אונז. ער שלאָפט אויף זיין לאָקאָמאָטיוו.

געטיילט איר בענקשאַפט האָט מאַריאַ גריגאָריעוונאַ מיט איר געליבטער קאַץ, וועלכע זי פלעגט באַשמירן, כדי זי זאָל וואַקסן, מיט עפּעס אַ זאַלב, זי געקושט אין די לאַפּקעס, אין די אויגן.

די שאַרפע ענדערונג אין איר כאַראַקטער איז געקומען גאָר אינגאַנצן אומגעריכט. מאַריאַ גריגאָריעוונאַ האָט אויפגעהערט צו זיפצן און קרעכצן, און איז געוואָרן פריילעך. זי איז געוואָרן צוגעלאָזטער. נאָך דער אַרבעט האָט אויף באָגאַטיריאָוון שטענדיק געוואַרט אַ פיין צעשניטענער הערינג, אין בורשטינענעם בוימל, מיט אויסגעלייגטע מירמלשטיינערנע רייפטלעך ציבעלע און גאָלדיקער בראָנפן, געשטעלט אויף ציטרין-שאָלן.

באָגאַטיריאָוו האָט מיט צופרידנקייט אַ זאָג געטון צו מיר:

— זי האָט זיך אונטערגעגעבן! עס האָט זי דורכגענומען, זי האָט נישט אויסגעהאַלטן!

צולס באַלוינונג האָט ער איר צוגעגרייט אַ מתנה: אינם שכנות-דיקן דאָרף האָט ער געקראָגן אַ קוואָקע, אייער, איינגעהאַנדלט בלו-מען צום פאַרזעצן, און דאָס אַלץ איר פייערלעך צוגעטראָגן:

— נאַ, מאַריאַ גריגאָריעוונאַ, באַלעבאַטעווע!

מיט גרויס פרייד האָט ער צוגעזען, ווי אָפּטמאָל הויבט זי אָן לעבן מיט זיינע אינטערעסן. אָט האָט ער היינט געמאַכט אַ פּרווו-רייזע מיט אַ גרופּע זיינע אַלטע שילער. אַלע האָבן גוט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען פון זעלבשטענדיק אָנפירן מיטן לאָקאָמאָטיוו. באָגאַטיריאָוו האָט מיט התלהבות וועגן דעם דערציילט זיין פרוי.

— ווי זיי זענען דאָס געפאָרן, מאַריאַ גריגאָריעוונאַ! מען קאָן זיי, איך שווער ביי גאָט, פאַרבינדן די אויגן, און זיי וועלן זיך אויף אַ האָרעלע נישט פאַרלירן. טייערע, העלדישע יאַטן! ניין, גיב נאָר אַ באַרעכן! פאַר איין יאָר — און שוין אַ מאַשיניסט! און איך האָב זיך דאָס גאַנצע לעבן געמאַטערט, פופצן יאָר! און דאָס האָט מען אָן

מאַהאָריטש*) אַ נאָש-בראָט אויפן לאַקאָמאָטיוו נישט אַרויפגעלאָזט פאַר דעם דאָזיקן טערמין.

דעם מאַשיניסט באָגאַטיריאָווס דאַרער קערפּער האָט זיך מיט אַ שטילן אומעט געשאָקלט אויפן טאַבורעט. אפשר האָט אים באַנג געטון די אומזיסט און אומנישט צעטרענצלטע יאָרן, דאָס פאַרלוירן געגאַנגען פערטל יאָרהונדערט.

אַזוי איז עס געווען ביז היינט אין אָוונט, ווען איך מיט באָגאַ-טיריאָוון האָבן זיך אַוועקגעזעצט שטודירן די טעאָריע וועגן דעם וועסטינהאַוז-טאָרמאָז. ווי מיר האָבן זיך נאָר פאַרטיפט אין די צייכע-נונגען, האָט עמעצער אָנגעקלאַפּט אין טיר. מיר האָבן געעפנט. עס איז אַ פּאָסט-טרעגער מיט אַ בריוו. באָגאַטיריאָוו האָט אויפגעריסן די בלויע קאָפּערטע, זיך צוגערוקט צו דער לאָמפּ און לייענט. ער האָט געענדיקט און צעטומלט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער שטול, אַלעמען באַטראַכט, און זיך ווידער פאַרטיפט אין בריוו. ער איז אויפגעשפּרונ-גען און יונג זיך אַ וואָרף געטון צו מאַריא גריגאָריעווגאַן, פרייענדיק זיך, גלייך ווי ער וואָלט געפאַקט עפּעס אַ רעכטע מציאה. זי האָט מיט אומגעדולד אויסגעשטרעקט די האַנט צום בריוו. באָגאַטיריאָוו האָט זיך געכאַפּט, באַהאַלטן דעם בריוו אין קעשענע און זיך צעלאַכט:

— ניין, איך וועל נישט געבן, וועסט נאָך שטאַרבן פון פרייד, און איך וויל נאָך לעבן מיט דיר.

לאַנג האָט זיך מאַריאַ גריגאָריעווגאַ איינגעהאַלטן, ענדלעך האָט זי בייז אַ געשריי געטון:

— גיב, דו אַלטער ייִד!

באָגאַטיריאָוו האָט דערשראָקן זיין צוריקגעצויגן, און זי איז געגאַנגען אויף אים, געהאַלטן אין איין שרייען, באַפרייענדיק זיך פון דעם אַלעמען, וואָס זי האָט שטילערהייט אין זיך אַזוי לאַנג געטראָגן:

— דו מערדער, דו גזלן פאַרשאַלטענער! האָסט נישט קיין הארץ, נאָר אַ סעכער אַ פאַרשטיינערטן. ער האָט מיך שוין פאַרפייניקט. דאָס לעבן איז מיר שוין נמאס געוואָרן! — און זי האָט פריי געלאָזט די טרערן, וואָס האָבן זיך לאַנג אויסבאַהאַלטן.

— דאָס לידל הויבט זיך אָן פונדאָסניי! — האָט באָגאַטיריאָוו זיך אָנגערופן. — זי בונטעוועט! עס מאַכט נישט אויס, נישקשה, זי וועט זיך באַרויקן...

*) שוחד, טרינק-געלט.

אָבער דאָס ווייטערדיקע שטודירן דעם טאָרמאָז איז שוין נישט געגאַנגען. איך בין נישט געשלאָפן די גאַנצע נאַכט, הערנדיק מאַריאַ גריגאָריעוונאַס כליפּען, און זי נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין. אַז מיין מאַמע האָט געוויינט, האָב איך געוווּסט פאַרוואָס: פון דעם זיידנס חוזקן, פון דעם דלות.

נו, און פאַרוואָס וויינט זי? אַלץ איז דאָ בשפע: אי ברויט, אי פלייש, אי קאָנסערוון, אי מאַקאַראָנעס, אי צוקערלעך, אי געלט אין שפּאָר-ביכל. און מיטאַמאָל טרערן גאָר! אַ מאָדנע בריאה! איך וויל איר דערציילן וועגן אונזער סאָבאַטשייעווקע, זי פאַרשעמען, איך האָב אָבער מורא זי איבערצושרעקן אין דער פינסטער.

אַז דער קאַיאָר איז אַריינגעקראָכן דורכן פענסטער, האָט מאַריא גריגאָריעוונאַ אַ סקריפּ געטון מיטן בעט, גנביש אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זיך צוגעהערט צו אונזער אָטעמען. זי האָט זיך צוגעשאַרט צום מאַן, וואָס איז געשלאָפן אינם אָנטון, און מיט ציטעריקע הענט אָנגעהויבן באַזוכן זיינע קעשענעס.

„דעם בריוו" — האָב איך זיך אָנגעשטויסן.

ריכטיק. זי האָט געשאַרכעט מיטן פּאַפּיר, געשלעפּט ... קאָ-פּערטע, פאַרמאַכנדיק די אויגן פון שרעק און אומגעדולד. איך שפּיר איר נאָך דורך דעם שפּעלטל פון מיינע האַלב-צוגעמאַכטע אויגן. זי קאָן דאָך נישט לייענען.

זי האָט זיך צוגערוקט צו מיין פּלייצע און מיך אַ טאַרע געטון.

— סאַניא, זונדעלע, לייען איבער.

ביי דעם טונקעלן שיין פונם אָנקומענדיקן טאָג האָב איך אי-בערגעלייענט דעם בריוו פון דער ווייטער אַלמאַזנאַיאַ. פון דער היים האָט מען געשריבן באַגאַטיריאָוון:

„טייערער פּאָטער. דיינע בריוו לייענען מיר מיט גרויס אויפרע-גונג. דיין איידעם אַלעקסאַנדער האָט דעם גאַנצן אָוונט געהאַלטן אין איין פאַרציען דעם בויך מיטן פּאַסיק פון געלעכטער. שוין זייער מאָדנע האָסטו זיך צעשריבן. דערעיקרשט האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אויף דיינע ווערטער: „און איך שטיי אויף, מיינע ליבע זין, איידעמס און טעכטער, מיט דעם געדאַנק, וואָס לאָזט מיך נישט אָפּ, אַז איך לעב דאָס צווייטע מאָל, איך כאַפּ זיך ביי דער באָרד און מיין, אַז זי איז פאַרשוווּנדן, איך טאַפּ דעם פּליך, און טראַכט — אַ טשופּרינע איז אָנגעוואַקסן". סאַשקאַ האָט נאָכדעם אומפאַרשעמט געלאַכט, זאָגנ-

דיק בשעת-מעשה: „דער טאַטע וועט פון יונגקייט נאָך אַמאָל חתונה האָבן, און וועט אַוועקוואַרפן די מוטער מאַריאַ גריגאָריעוונאַ". און ער האָט עס איר טאַקע אָנגעשריבן, אָבער קיין ענטפער האָט ער נישט באַקומען.

„נו, און פון די איבעריקע בריוו האָבן מיר שוין נישט געלאַכט. דו רופסט אונז קיין מאַגניטבוי, זאָגסט, אַז עס פעלן אונז מאַשיניסטן, געהילפן. אַנדריי האָט זיך מיט אונז אָן עצה געהאַלטן, איז אַוועק אין פּאַרטיי-קעמערל און געזאָגט, מען זאָל אונז שיקן קיין אוראַל. און אָט, טייערער פאָטער, טיילן מיר דיר מיט פרייד מיט, אַז מיר קלויבן זיך שוין צו אייך און וועלן אינגיכן מיר קומען צו פאָרן".

קאַפּיטל פינף

דיינט אַרבעט איך צום ערשטן מאָל נישט צוזאַמען מיט באָגאַטיריאָוון. אונזער מאַשין געפינט זיך אין קאַלטן רעמאָנט. מען האָט מיך געשיקט זוכן אַ פרעמדן לאָקאָמאָטיוו אויף די פינסטערע ליניעס פון דער סאָרטירונג-סטאַציע.

מיין נייער מאַשיניסט קאָן בשום אופן נישט אַרויסרעדן קיין צוויי לאַנגע ווערטער נאָכאַנאַנד. ער מעקעט, שפּייט איבערן אַקסאון קלערט לאַנג, ווי אַזוי מען רעדט אַרויס אַ „ר". אַז איך בין אַרויפגעקראָכן אויפן לאָקאָמאָטיוו, האָט ער איבער מיין קאָפּ אויפגעהויבן דאָס העמערל און זיך צעשריען:

— ווער איז דאָ? איך וועל דערהרגענען, גיי נישט צו!

איך האָב אים באַרויִקט, באַשמירט די מאַשין, אונטער יעדן קנויט אונטערגעגאָסן נאַפט, אויסגעקלאַפּט די קלינגעס מיטן העמערל, קאָנטראָלירט דאָס וואַסער און די קוילן.

דער מאַשיניסט זיצט אין ווינקל, אַ דערשוויצטער. ער האָט אויסגעטון דאָס רעקל, צעשפּיליעט דאָס העמד און שרייט פון זיין פינסטערער נאָרע אַרויס:

— אַ גע—הילף? כי! אַ געהילף? נו, מיין פריינט, נעם נאָר די ל-ל-לאָפּעטע, ווי אַזוי וועסטו אין אויוון אַריינוואַרפן?

ער ווייסט נישט, אַז איך פאָר אַלס שילער אויף באָגאַטיריאָווס

לאָקאָמאָטיוו, וואָס איז שוין דריי מאָל פּרעמירט געוואָרן, אַז איך האָב אַ שיין אַלס דער בעסטער געהילף אין גאַנץ מאַגניטבוי.

אין איין רגע האָב איך דערפּירט דעם איוון ביזן גלי, דעם מאַשיניסט איז דאָס נישט געפעלן. ער איז צוגעשפּרונגען און אַרויס־געריסן די לאָפּעטע.

— עך, דו. קאָל — לווירטניק, לאַפּטשעס! אַ—אַ—אַט ווי אַזוי מען דאַרף!

ער האָט זיך ברייט צעפּאָכעט, ער האָט אָבער נישט געטראָפן אין דעם אָפענעם הייץ־פענסטער, ער האָט אַ קלאַפּ געטון איבער דעם פּעלץ פונם קעסל, צעשאָטן די קוילן איבערן ביידל און זיך צעב־יזערט:

— פּ—פּאַס—קודניאַק־ פּאַר—וואָס האָס—טו ד—דאָס טירל פאַר—ר —מאַכט?

אין דעם מאָמענט האָט מען געבראַכט דעם מאַרשרוט־ווייזער, דער מאַשיניסט האָט געגעבן אַ סיגנאַל, און מיר זענען אַוועק־עפאָרן.

און נאָך ווי זענען מיר אַוועקגעפאָרן! דער צוג איז געווען נישט קיין גרויסער. אַזעלכע צוגן האָבן מיר מיט באַגאַטיריאָוון אָן אָנשטרענגונג געפירט. און דער דאָזיקער מאַשיניסט האָט געעפנט דעם רעגולאַטאָר אויף דעם גרויסן קלאַפּאַן, און פאָרט מיט אַ שנעלקייט פון אַ קוריער־צוג. די ליניעס אין מאַגניטבוי זענען נייע. עס זענען פאַראַן אויך צייטווייליקע.

אַז דער זאַוואָד וועט פאַרטיק ווערן, וועט מען זיי פאַרמאַכן. דער פּראָפיל פון דער ליניע איז אינגאַנצן באַרג־אַרויפן און באַרג־אַראָפּן, מען דאַרף אָן אויג און אָריענטאַציע.

דער מאַשיניסט שפּייט קלעק אויף דער ליניע. ער וויגט זיך אויף דעם שטול, קוקט נישט אין פענסטערל און גיט פאַראָרדענונגען:

— הייסער, היי—ס—ער דאַרף מען, גלי אָן! וואָס שווייגסטו? ווילסט אַ ז—זויף־טון ווילסטו: — און ער האָט מיר דערלאַנגט אַ נישט אינגאַנצן אויסגעטרונקענע האַלב־ליטער פלאַש.

דער צוג איז אַרויפגעשפּרונגען אויף אַ באַרג־אַרויף. מען דאַרף פאַרמאַכן דעם רעגולאַטאָר און אַביסל פאַרהאַמעווען. ווייטער גייט אַ באַרג אַראָפּ ביז צו די שטיין־קאַריערן. דער צוג וועט זיך פונאַנדער־יאָגן, און דעמאָלט וועסטו אים שוין נישט אָפּשטעלן. עס וועט פון אים בלייבן אַ באַרג אַש.

דער לאָקאָמאָטיוו טראָגט זיך, וואַקלט זיך, אַזוי ווי אַ שיכור. דער לאַמטערן אונטערן מאָנאַמעטער האָט פונם הוידען זיך אויסגעלאָשן.

איך האָב צוגעמאַכט די אויגן און זיך פאַרגעשטעלט, ווי אַזוי מיר וועלן אַראָפּפאַלן אין דער נאָענטסטער סטאַציע, ווי אַזוי מיר וועלן צעקלאַפּן די וואַגאָנעס, פאַרצאַמען דעם וועג צום זאַוואָד, צו דער אייזן-הוטע, און זיי לאָזן אָן אַרץ און שטיינער.

איך האָב אַ כאַפּ געטון דעם מאַשיניסט פאַרן קאָפּ און אים אַ שליידער געטון אין אַ זייט. די פלאַש האָט אַ קלאַפּ געטון אין אייזן און זיך צעבראָכן. שנעלער צום רעגולאַטאָר! איך האָב אים פאַר-מאַכט. איך גיב אַ קוק דורכן פענסטער. אין דער פינסטער לייכט, ווי אַ ליכטשטראָם דאָס רויטע פייערל פונם סעמאַפאָר: די סטאַציע, און דער צוג פליט. די טאָרמאָזן העלפן נישט: פונקען פליען פון אונטער די רעדער, עס שפּירט זיך מיט געברענטן אייזן, און די שנעלקייט פאַרקלענערט זיך נישט. איך האָב זיך געכאַפּט צום קאָנטער-דאַמף.

די רעדער דרייען זיך אויף צוריק, און דער צוג לויפט מיט דער זעלביקער שנעלקייט: עס דריקן די צעיאָגטע וואַגאָנעס.

אָט איז דער סעמאַפאָר. נאָך פון דערווייטנס גיב איך אַלאַרם-סיגנאַלן, האָפנדיק, אַז עס וועט פאַרשווונדן דאָס געפערלעכע רויטע פינטעלע.

איך האָב, דורכפליענדיק קוים באַוויזן צו באַמערקן דעם גרינעם בליץ אין דעם סעמאַפאָר-לאַמטערן.

איך בין אַרויפגעלאָפן אויפן קעסל מיטן העמערל קלאַפּן איבער די זאַמד-רערן. אַ צי געטון דעם זאַמד-שיטער. דער צוג האָט אָנגע-הויבן פאַרן פאַמעלעכן זיין גאַנג. אָבער אָפּשטעלן אויף דער סטאַציע האָט זיך פאָרט נישט איינגעגעבן. מיר זענען זי דורכגעלאָפן, ווי אַ שטורם-ווינט. מיטן ווינקל פונם אויג האָב איך דערזען מענטשן-שאָטנס, וואָס זענען פאַניש אַרומגעלאָפן, רויטע לאַמטערנס, דערהערט אַ פיי-פעריי, געשרייען.

איך האָב ווידעראַמאָל געגעבן די קאָנדוקטאָרן אַ סיגנאַל, זיי זאָלן פאַרטאָמאַזירן, און געענט אויף צוריקגאַנג דעם גאַנצן רעגולאַטאָר.

ענדלעך האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט. איך האָב זיך אַ וואָרף געטון אויף דער ערד, באַטראַכט דעם לאָקאָמאָטיוו, די אונטערשיפּ-ניקעס, נאָך נישקשה, אַלץ איז געווען אין אָרדענונג, נישט אומזיסט האָב איך פאַרן אָפּפאָר אַלץ גוט אַרומגעשמירט.

אַז מיר האָבן זיך אומגעקערט אויף דער סטאַציע, איז שוין דאָרט געווען די גיכע הילף און די צוואַרגע-קאָמיסיע.

*

איר האָט שוין געזען, ווי אַזוי עס רייסט זיך אָפּ און פאַלט די זון? די זון, וואָס באַדעקט מיט איר שריפה דעם שוואַרצן הימל, וואָס פאַרוואַנדלט אַן אומענדלעכן רוים און דורכויסיקן פלאַם, אין אַ צאַרטן און הייסן פלאַם?

אַלע טאָג זע איך אַזאַ זון. אַלע טאָג קוק איך אויף דעם טשוהון-שטראָם, וואָס פאַלט פון די שמעלץ-אויוונס אין די קאַנען. איך האָב שוין טויזנטער מאָל געזען, ווי עס פליסט דער מעטאַל.

אָבער עס איז מיר נישט לאַנגווייליק. איך קוק אויף אים, נישט פינטלדיק מיט די אויגן, נישט אָפּרייסנדיק זיך ביז ווייטיק, ביז טרערן אין די אויגן. אין זיינע שטייפע און ווייכע, דרייסטע און רויִקע כוואַליעס שטעקט עפּעס אַ קראַפט. איך פאָר צו אויף מיין לאָקאָמאָטיוו כמעט ביז צו די סאַמע קאַנען, און די זון לאָקט מיך אַלץ נעענטער און נעענטער. עס ווילט זיך אַ טאַפּ טון די שטראַלן, אַ פּרווו טון זייער וואַרעמקייט און קראַפט.

איך שעם זיך נישט מיט אַזאַ אָפענהאַרציקע ליבע און פרייד. נישט איך איינער אַליין טראָג זיך מיט איר אַרום. נישט איינמאָל איז זי דאָ, אין טאָל געבוירן געוואָרן.

ווען דער ערשטער גראָבאייזן פון דער ערד-גרעבער בריגאַדע האָט אַ קלאַפּ געטון אין דער ערד-ברוסט, וואָס איז דורות-לאַנג נישט אָנגערירט געוואָרן, אָן דער ביטערער-שטיין-פעסטער ברוסט, — האָט דעם ערשטן מאָל אַ שפּריץ געטון די פרייד פון דעם ערדגרעבער באַריסאָווס ליפּן.

די זעלבע פרייד האָט אויך אַרומגעכאַפּט די מאָנטאַזשניקעס, ווען זיי האָבן פון דער לעצטער פאַרניטונג אַראָפּגענומען די פּנעומאַ-טישע העמערלעך און איבערגעגעבן אַ פאַרטיקן שמעלץ-אויוון די עקספּלואַטאַציע.

זי איז אויך געווען, אי ביים שמעלצער קראַמאַרענקאָ, אי ביים מאַשיניסט באָגאַטיריאָוו, ווען זיי האָבן אויפגענומען דעם ערשטן טשוהון.

און ענדלעך, געווען איז זי, די פרייד, ווען מען האָט גע-צוווּנגען די אַמעריקאַנער שמעלץ-אויוונס איבערצוּיאָגן די פּראָמעק-טורטע מעכטיקייט.

איך וואַרט מיטן לאָקאָמאָטיוו ביז עס וועלן פול ווערן די קאַנען און זיי אָפּפירן צו די גיס-מאַשינעס.

פון די בערג בלאָזט אַ טויזקער צוג-ווינט פון פריצן פרילינג, מיר איז אָבער וואַרעם און נישט שרעקלעך. עס וואַרעמט און פולט אָן מיט דרייסטקייט דער נאָענטער און הכנעהדיקער טשוהון-שמעלץ.

איך זע אויבן, צופוסנס פון דעם שמעלץ-אויוון די שמעלצער, די טשוהון-גיסער, די מייסטערס, און דאָ אינם ביידל—די איינגעהאַלטענע וואַכזאַמקייט פון מיין געהילף, באַריסאָוו, און זיין אייפערדיקן בליק.

איך ווייס, אַז די מענטשן האָבן לאַנג געוואַרט אויף דעם דאָזיקן מאָמענט, די שמעלץ-אויוונס הודיען מיט אַ דרייטויזנט קוביקמעטער-דיקן לופט-הוראַגאַן, און די שמעלצער, די מייסטערס, די טשוהון-גיסער באַרירן דאָס זאַמד מיט ווייכע טריט, זיי בייזערן זיך נישט, זיי דע-נערווירן זיך נישט, זיי שמייכלען שטיל, גליקלעך, און ממש צאַרט גלעטן זיי מיט די אויגן דעם שמעלץ-אויוון, מיט אייפער שפּירן זיי נאָך און אָטעמען נאָך זיינע קאַפּריזן, זיין לעבן.

איך בין שוין אַ מאַשיניסט. איך האָב אָפּגעגעבן דעם עקזאַמען און מען האָט מיר געגעבן אַן אויסלענדישן לאָקאָמאָטיוו. איך פיר מיט אים טשוהון-צוגן און לערן דעם ערדגרעבער באַריסאָוון מיין פּראָפעסיע.

ער שעפּטשעט מיר, נישט אַראָפּנעמענדיק די אויגן פון דעם שמעלץ:

— סאָניאַ, גיב נאָר אַ באַרעכן! איך האָב דאָ ערד געגראָבן, האַנטוועגעלעך געשלעפּט, נעסטן געריסן אינם ווילדגראָז.

עס ווילט זיך מיר אים אַרומנעמען און זאָגן, אַז מיר וועלן נאָך זען, ווי עס וועט זיך אַ גיס טון דאָס ערשטע שטאָל, מיר וועלן זען די ערשטע וואַלץ-שלאַנגען, די ערשטע שטיקער בליומינג.

ס'איז אָבער איצט קיין צייט נישטאָ צו רעדן. הינטערן פענסטער פונם לאָקאָמאָטיוו איז טונקל געוואָרן, די מענטשן אויף דעם שמעלץ-אויוון זענען געוואָרן אומרויק.

דער טשוהון וואַסערפאַל האָט זיך געוויגט, איבעררייסנדיק זיך, אויספליעסקענדיק זיך מיט פונקען, האָט ער געשפּריצט מיט דער מילך, וואָס איז אויסגעלאָפן פון דעם איבערפולטן קאַן.

ער האָט פאַרלוירן די ריכטונג, איז געפאַלן אויף דער ערד, דונערנדיק מיט אויפרייסן, אויפהויבנדיק אַ שטורם פונקען און שפּליטערס.

דעם טשוהון פונם איבערגעשטייגטן פלאַן איז נישטאָ ווו

אויפּצונעמען. קאָנען זענען פֿאַראַן, אָבער די לאָקאָמאָטיוון קאָנען זיי נישט אונטערשטעלן אונטער דעם טשוהון-שטראָם.

אויף די לאָקאָמאָטיוון זענען נישטאָ קיין טאָרמאַז-שלעסער: די מאַשיניסטן האָבן פֿאַרגעסן אין זיי.

דער אָנפֿירער פֿון דעם שמעלץ-צעך פֿאָכעט מיט דער פּויסט איבער די קעפּ פֿון די מאַשיניסטן, רופֿט זיי אָן פֿאַרברעכער.

איך עפֿן אויף דעם רעגולאַטאָר און פֿלי אין דעם פֿייער-ווירבל. מײַן לאָקאָמאָטיוו איז אויך נישט בעסער. איך האָב אויך נישט קיין טאָרמאזשלאָס, איך בין דאָך ערשט היינט געוואָרן זיין באַלעבאָס, ערשט נעכטן איז ער געווען קיינעמס נישט, אַ נאָמענלאָזער.

איך פֿלי מיט אָפֿענע אויגן אין שטורם אַריין, דער קוימען פֿון דער מאַשין איז שוין פֿאַרשוווּנדן אין פֿייער. הייס, עס ווערן פֿייכט די האָר. מען קאָן פֿאַרוויכערן אין דער לופֿט, אַפֿילו נישט פֿאַרציענדיק.

איך פֿיל גאָרנישט און זע גאָרנישט, איך וואַרט אויפֿן שטויס, איך וואַרט מען זאָל צוטשעפּען דעם קאַן.

ענדלעך, האָב איך צווישן די דונערן פֿון די אויפֿרייסן דער-הערט, ווי עס האָט זיך צעקושט דאָס שטאָל פֿון דער אויטאָצונויפֿ-קייטלונג. איצט דאַרף מען זיך באַוועגן פֿאָרויס מיט מײַזן-טריט, אויף צענטימעטערס.

מען דאַרף כאַפּן דעם טשוהון-שטראָם אין דעם שמאָלן קאַן-האַלז אַריין. איך גנבע זיך דורך אַ שטערן-געווירבל, עס לעקן מיך בליצן, און איך אָטעם אַפֿילו נישט, איך זע בלויז דעם טשוהון-שטראָם. דער פֿייער-שטויב וויל מיך בלינד מאַכן, דער פֿלאַם וויל פֿאַר-קוילן מײַנע הענט, איך הער אָבער אין דעם הילך פֿון די אויפֿרייסן, אין שטורם פֿונם געווירבל אַנטאָניטשעס קול:

— קעמף, קעמף, אַלעקסאַנדער!

און איך פֿאָר ווידער צו כאַפּן דעם שטראָם.

אין דעם געלן נעפּל זע איך די שמעלצער, די טשוהון-גיסער, די מייסטערס. זיי זענען צוגעפּאַלן צו דער ערד. נויגן צו דעם אויער, באַמיען זיך אין דער נידער צו זען דעם קאַן, מיטן געהער אים גע-פֿונען. אָט האָט דער שמעלצער קראַמאַרענקאָ אָנגעטאַפּט די נידעריקע רעדער, זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני, אָנגעשפּאַרט מיט דעם דאַרן אַקסל אין דעם האַרטן און שווערן פֿליגל פֿונם קאַן און אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו דער פֿאַרשווינדנדיקער זון. דערנאָך איז צום שמעלצער

צוגעקראָכן זיין געהילף לעסניאַק, וועלכער האָט פאַרשטעלט די אויגן מיט דעם ברייטן אַרבל פון זיין זיפון*), לעבן אים איז דער אָנפירער פון די שמעלץ-אויוונס, און נאָך שמעלצערס און נאָך טשוהון-גיסער און נאָך מייסטערס. און ווייטער האָב איך שוין גאָרנישט נישט געזען: דער קאָן איז אַריין אין סאַמע האַרץ פון דער אַוואַריע, דער בוראַן האָט אים אַריינגעכאַפּט אין זיינע אָרעמס, עס האָט זיך אַ דריי געטון דער נעפל, עפּעס האָט מיט אַ רעש זיך אַ שיט געטון אויף די אייזערנע זייטן פונם לאָקאָמאָטיוו.

עס האָט זיך פאַרוואָלט אַ וואָרף צו טון אויף צוריק—אַהין, וווּ מען קאָן אָטעמען און זען.

איך דריי שוין דעם הויבער, כדי צו אַנטלויפן, אָבער איך זע שוין דעם מעטאַל-שטראָם ווידער אָן הכנעהדיקן און ווייכן.

מען האָט געפּאַקט די אַוואַריע. דער טשוהון-טייפון האָט זיך איינגעשטילט.

דער לאָקאָמאָטיוו שטייט אין שאָטן פון די קאַופּערן, עס בליאַס-קען אויף אים די שיפּן פון דעם אָפּגעקילטן טשוהון-רעגן.

דער אָנפירער פון דער הוטע שרייט מיר עפּעס גלייך אין אויער אַריין, און איך קוק אויף זיין צעהאַקטן שלייף, אויף דעם סימן אויף דער רעכטער באַק, איך דערמאָן מיך ביז ווייטיק אַ באַקאַנטן פאַמיליען-נאָמען, און קאָן אים נישט אַרויסרעדן.

עס שטערן די קינבאַקן, וועלכע קאָנען זיך בשום-אופן נישט באַפרייען פון דעם קראַמף, וואָס האָט זיי אַרומגעכאַפּט.

דער אָנפירער איז אַנטלאָפן. און איך האָב אים נישט באַוויזן צו זאָגן, אַז איך האָב אין אים דערקענט דעם שמעלצער האַרבוז, דעם קאָמאַנדיר פונם פאַנצער-צוג.

עס איז צו מיר צוגעגאַנגען דער שמעלצער ליענקא קראַמאַרענקאָ און, באַטראַכטנדיק מיט קנאה מיין לאָקאָמאָטיוו, האָט ער זיך אָנגערופן:

— אַ פיינע מאַשין, ביסט אַ ווילער יאַט, אַזוי דאַרף שטענדיק זיין. ווייסטו גאָר וואָס,—לעב דאָ, לעבן דער אַוואַריע, אויף שטענדיק.

איך ענטפער:

— און איר, אין דער הוטע, זעט, עס זאָלן קיין אַוואַריעס נישט זיין, וועט מען נישט דאַרפן לעבן זיי לעבן.

---

*) אַ מין וויטקע, בעקעשע.

— מען דאַרף לעבן, סאַניאַ! ווייסטו וואָס, לאָמיר מיט דיר שליסן אַן אָפּמאַך, אַז דו זאָלסט די הוטע פילן, ווי דיינע אַן אייגענע, און איך זאָל איבער דיין לאָקאָמאָטיוו זיין אַ מין באַלעבאָס. אַ קעגנזייטיקע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, הייסט עס.

מיר האָבן דעם דאָזיקן אָפּמאַך אונטערגעשריבן אין דער טומלדיקער קאַנטאָר, בשעת מיר האָבן פאַרענדיקט די וואַכטע. אויף מאָרגן האָט די ראַיאָן-צייטונג אים אַרויסגעלאָזט אַלס ספּעציעל פלוג-בלעטל. איך האָב דערזען מיין פאַמיליע-נאָמען. איך בין געוואָרן שיכּורלעך, און זיך געשראָקן פאַר דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס איך האָב אויף זיך גענומען פאַרן גאַנצן זאַוואָד.

קאַפּיטל זעקס

Dער אינזשיניער האַנס בראַודע האָט אָפּן אָפּגעחוזקט פון אונזער בריגאַדע. דאָס האָב איך געזען לויט די דינע ליפּן, וועלכע האָבן כּלאַחר-ידיק געהאַלטן דעם גאָלדענעם מונדשטיק פון דעם סיגאַרעטל, לויט די אויגן, וואָס האָבן זיך פאַרזשמורעט כּלומרשט פונם רויך, און אין דעראמתן האָבן זיי באַהאַלטן דאָס געלעכטער.

בראַודע איז אָבער געקומען צו אונז אין דעפּאָ אַלס קאָנסולטאַנט פון דעם לאָקאָמאָטיוו-בוי-זאַוואָד פון איינער פון די גרעסטע דייטשישע פירמעס, ביי וועלכע מאַגניטאָגאָרסק האָט איינגעקויפט הונדערט מאַשינען.

קיין שום אומטאַקטישע שטיק וועט ער זיך נישט דערלויבן. זיין זאַך איז אָפּגעבן די לאָקאָמאָטיוון און זיך אומקערן צוריק אַהיים—קיין דייטשלאַנד.

ער איז געקומען מיט אַ דאָלמעטשער, פרעגן, ווי עס אַרבעט מיין לאָקאָמאָטיוו. ער איז לאַנג אַרומגעגאַנגען אַרום דער מאַשין, געשאָקלט מיטן קאָפּ לעבן דעם צעבויגענעם שטאַנג, לעבן די צעשפּאָלטענע בופערס. מיטן נאָגל האָט ער אָפּגעקראַצט די בלאָטע, וואָס איז צוגעשטאַנען אויפן לאַקיר פונם טענדער, מיט אַ באַטיסטן טיכעלע אַ רייב געטון די טיילן, וואָס זענען געווען אָפּגעלאַקירט מיט טונקלרויטן לאַקיר. דערנאָך איז ער אַריינגעקראָכן אין ביידל, האָט אַ טייטל געטון מיטן פינגער, וואָס איז געווען באַרינגלט מיט גאָלד, אויף דער

קעסל-אַרמאַטור, וואָס איז געווען פאַרזאָטן מיט זאַלץ, און אַ שאָקל נעטון מיטן קאָפּ.

ביים געזעגענען זיך האָט ער אויפגעהויבן איבער זיין קאָפּ צוויי אויסגעכאָוועטע, דין-געטאָקטע פינגער און אַ זאָג געטון:

— דער רוסישער מענטש ווערט אויף אַ דייטשישן מעכאַניזם שטענדיק זיין נישט מער ווי אַ גאַסט.

אין דעם מאָמענט האָב איך פאַרגעסן, אַז פאַר מיר שטייט אַ קאָרעקטער אויסלענדער.

איך בין גרייט געווען אויסצולאָזן צו אים מיין גאַנצע אויפגעבראַכטקייט פאַר אָט דער אומדערהערטער באַליידיקונג.

— פּאַסקודניאַק מיט די דינע ליפּן, נבלה דו אָנגעפּאַרפומירטע! הייסט עס, אַז איך בין אַ באַרבאַר! מיין פריינט באַריס און באַגאַטיריאָוו — אויכעט? מיר מאַכן אַ תּל פון אייער מאַשין-ציוויליזאַציע? נו, וואַרט-זשע צו, הונט מיט אויערן, מיר וועלן דיר ווייזן, וואָס פאַראַ געסט מיר זענען!

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין דעפּאָ אַרומצוּוואַשן דעם לאָקאָמאָטיוו. איך האָב פאַרזאַמלט מיין בריגאַדע און דערציילט, ווי אַזוי דער אינזשיניער האָט פון אונז אַלעמען געמאַכט לייטיש געלעכטער.

דער מאַשיניסט ריבאַ האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געזאָגט:

— חברים, לאָמיר דעם דאָזיקן קורצנעזיקן בורזשוי דערווייזן, ווער מיר זענען! מירן אַליין שלאָגלעריש אָפּרעמאָנטירן דעם לאָקאָמאָטיוו!..

דאָס האָט זיך אָנגעהויבן נאָך פון פאַרנאַכט. דער אומרו האָט זיך געלייגט צוזאַמען מיט מיר אין בעט, זיך פאַרקליבן אונטער דער קאָלדרע, געשעפּטשעט מיר גלייך אין אויער אַריין, זיך געוואַרעמט אויף מיין ברוסט.

עס איז דאָך גאָרנישט געשען. אַסך האָבן דאָך גענומען אויף זיך אַזעלכע התחייבותן. אמת, מיין אָפּמאַך איז גאָרנישט קיין געוויינלעכער. איך האָב געגעבן דאָס וואָרט די מייסטערס און די שמעלצערס, אַז איך בין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער אַרבעט אין דער הוטע. און צי ווייס איך, ווי אַזוי זיי אַרבעטן? וואָס פאַראַ הילף זיי קאָנען פון מיר דערוואַרטן? נישט מער, ווי פון אַ שוואַרצאַרבעטער.

איך האָב מיך פאַרפלייצעט אָן אָפּהאַלט איבערצופירן דעם צעשמאָלצענעם טשוהון. די אַרבעט פונם לאָקאָמאָטיוו איז דאָך אָבער נישט אָפּהענגיק נאָר פון מיר. עס קאָנען פאַרהאַלטן די אייזנבאַנער,

די שמעלצער, און די חרפה פאַר נישט האַלטן דעם אָפּמאַך וועט פאַלן אויף מיר. און פאַרוואָס האָב איך אָנגעשריבן אַזויפיל פּונקטן אין דעם סאָציאַליסטישן אָפּמאַך? צוואָס האָב איך באַדאַרפט אָט די נייע זאָרג?

וואַרט צו, מיין פריינד, וואַרט! און וואָס וועט זיין אָן דער דאָזיקער זאָרג? וועסטו דען נישט ליגן אַ צוגעקוועטשטער, אַ פּוסטער, אָן סימנים פון לעבן? וועט זיך דיר דען נישט דוכטן, אַז אינדרויסן וועט קיינמאָל נישט אָנהויבן טאָגן? צי וועסטו דעמאָלט נישט גיין, אַלעקסאַנדער, אין דיין זיידן, דעם געלן ניקאַנאָר גאָלאָדס דרכים?

אַ שטילע נאַכט. מען הערט, ווי אויפן פּלאַץ קלינגט דורכן ראַדיאָ-רופּאָר דער קרעמל-זייגער. מאָרגן דאַרף איך פרי אויפשטיין, און איך דריי זיך אויפן געלעגער און קען נישט אַנטשלאָפן ווערן.

איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, ווי עמעצער וואָלט מיך אַ שטויס געטון, פון עמעצנס אַן עקשנותדיקן רוף. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אויפן בעט, אויפגעדרייט דעם קאָנטאַקט. ס'איז נאָך פאַר באַגינען: איך האָב נאָך דריי שעה ביז דער אַרבעט. איך האָב זיך ווידער געלייגט, אָבער די אויגן פאַרמאַכן זיך נישט.

איך האָב נישט אויסגעהאַלטן און בין אַראָפּ פונם בעט.

איך בין אַרויס אינדרויסן. איך האָב אָבער נאָך שטאַרקער דער-פילט די צערודערטקייט און דעם אומרו.

הינטער די ווייטע אוראַלער בערג האָט דער באַגין אַ פּאָך געטון מיטן שאַרפן, דורכזיכטיקן מעווע-פליגל און איז שוין אַזוי געבליבן פאַרגליווערט, זייענדיק פאַרוואונדעט דורך די בלייכע ווילד-געוואָרענע שטערן. און איצט האָט ער קרענקלעך געפלאַטערט, אָפּגייענדיק מיט בלוט פונם מאָרגנשטערן, באַווייזנדיק די איינגענעצטע אין דער קאַל-טער זון פעדערן.

איך צעטרעט דעם שניי, וואָס איז שטייף און פעסט צונויפגע-שמידט געוואָרן דורך דעם פאַרשפּעטיקטן פראָסט. איך הער מיינע טריט, הילכיקע און דונערדיקע, אַזוי ווי אויפרייסן.

דעם מאַשיניסט ריבאַס נאַכט-בריגאַדע האָט זיך פאַרוואונדערט, הלמאַי איך בין אַזוי פרי געקומען. איך האָב זיי נאָך נישט באַוויזן צו דערקלערן די סיבה, ווי אויף דעם לאָקאָמאָטיוו איז אויך געקומען מיין געהילף באָריסאָוו. ווי קומט ער אַהער? איך האָב דאָך אים נישט גערופן.

ער ווייסט אָבער צוליב וואָס ער איז אַהערגעקומען: ער האָט דאָך אויך אונטערגעשריבן דעם אָפּמאַך.

באָריסאָוו נעמט דעם טראָג-לאָמפּ, דעם אייל-גיסער, דעם שליסל, און קוקט אויף מיר מיט אַ פראַגע אין די אויגן.

איך גיב אַ כאַפּ אַ העמערל פון אינסטרומענטן-קעסטל און לאָז זיך גיין נאָך מיין געהילף אַריבערנעמען די מאַשין.

איך קלאַפּ אויס יעדן קליין, צי אָן די מוטערקעס, זעך די ווונדן. באָריסאָוו קאָנטראָלירט די בוקסעס, טרינקט זיי אָן מיט שוואַרצן, גרין-פלאַמיקן נאַפט, מאַכט צורעכט די אייל-פונאַנדערגיסער, זעט, וויפיל וואַסער עס איז דאָ אין די באַקן, וויפיל קוילן, צי דער הייץ-אויוון איז דורכגערייניקט, צי עס פונקציאָנירן די פּאָמפּעס.

איבערנעמענדיק די וואַכטע, דערגייען מיר, אַז די בוקסע-קלינעס, וועלכע פאַרפּע טיקן דעם לויף פון דער מאַשין, זענען אָפּגעשוואַכט, אַלע מאַשין-גלידער זענען צעפאָרן, די טאָרמאַז-שלעסער זענען אָפּגע-ריבן, און קיין רעזערוו-שלעסער זענען נישטאָ — דער דאַמף קלאַפּט, ווי אַ פאָנטאַן אין די שלעכט-איינגעריכטעוועטע טיילן — ווי אַזוי-זשע וועלן מיר קענען האַלטן אונזער וואָרט? און מיטאַמאָל איז מיר קלאָר געוואָרן די סיבה פון מיין שלאָפלאָזער נאַכט.

אין דער דאָזיקער נאַכט האָט דער מאַשיניסט ריבאַ געמאַכט דעם באַנייטן לאָקאָמאָטיוו פאַר אַ קאַליקע.

עס איז נאָך גוט, וואָס איך בין עס איצט דערגאַנגען, און נישט דעמאָלט, ווען מען וועט דאַרפן ראַטעווען דעם שמעלץ.

איך האָב באַרעכנט די לאָקאָמאָטיוו-ווונדן און מיינע כוחות. אויב איך וועל באַווייזן אויסהיילן די רעדער, וועל איך נישט פאַר-ריכטן די גלידער. ניין, איינער אַליין וועל איך עס נישט מאַכן. איך האָב צונויפגעשטעלט אַווירטשאַפטלעכן פּלאַן פון געזונט מאַכן די מאַשין, און פאַרטיילט די פליכטן צווישן אַלע בריגאַדניקעס.

אַט אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער ערשטער פרימאָרגן פון אונ-זער פאַרמעסט מיט די אייזן-הוטניקעס.

דער סטעפּ האָט זיך צוגערוקט צו דער שטאָט, איז אַריין אין די גאַסן, פאַרשטעלט דעם זאַוואָד. דער ווינט איז געוואָרן קענטיקער און בייזער: ער איז געלאָפן נישט איינבויגנדיק זיך, טראָגנדיק אויף זיינע פּלייצעס שווערע און שוואַרצע שניי-וואָלקנס — די רעשטלעך פראָסט פונעם וויטן צפון.

דער לאָקאָמאָטיוו איז באַוואַקסן מיט גרויע פאַטלעס. לעבן דעם הייסן קעסל הענגען שמוציקע אייז-צעפּלעך. אויף די רעדער הענגען אַזוי ווי קייטן לאַנגע סטרעמפּלעך. דער מאַזוט איז פאַרגליווערט געוואָרן אַזוי ווי פאַרקילטע פיס. אין נאַפט — שניי.

אונזער בריגאַדע האָט אויסגעפּילט דעם פּלאַן פון געזונט מאַכן דעם לאָקאָמאָטיוו. אָבער דער מאַשיניסט ריבאַ האָט קיין האַנט אין קאַלט וואַסער גישט אַרייַנגעטון. ער האָט זיך באַהאַלטן אינםביידל, פאַרשטעקט דאָס געזיכט איבער דער נאָז אין דעם ווארעמען שאַליק און געוואָרטשעט:

— אין וועלכע געזעצן פון אַרבעט-שוץ שטייט דאָס געשריבן, אַז אין אַזעלכע ‏פרעסט, ווען אַ ראָב וועט אַפילו אַ פליגל נישט אויפהויבן, זאָל מען האַלטן ריין די מאַשין. דאָ קאָן מען דעם אָטעם נישט כאַפּן, און ער וויל, עס זאָל פּעכלען...

האָבן מיר מיט באָריסאָוון גענומען אויף זיך אַ טייל פון ריבאַס אַרבעט. צוגעגרייט נאַפט, פּלאַקס, סטריפּעלקעס, און זיך גענומען צו דער אַרבעט.

מיר האָבן געוואַשן די רעדער. דער נאַפט איז אויפן פּראָסט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קאַלטן אָקרעפּ, ער האָט געבריט די הויט. די צונויפגעקאָרטשעט אין דינענקע פּעלדעלעך, אָט-אָט וועלן זיי פּלאַצן און נעמען הענגען ווי שמאַטקעלעך. פון די הענט איז געפאַלן דער פּלאַקס, דער טשייניק מיט נאַפט האָט געקלונגען אין דער ערד. דעמאָלט זענען מיר מיט באָריסאָוון, נישט אָפּגעשמועסטערהייט, גע-לאָפן אויפן לאָקאָמאָטיוו און האָבן אַרייַנגערוקט די הענט אין סאַמע אויוון. ס'האָט אונז אַרומגעכאַפּט אַ ליבע ווארעמקייט, דער דאַמף האָט זיך געדרייט, ווי אַ נעפּל, פאַרשיכּורט צום דרימלען...

אָנגעוואַרעמט זיך, גייען מיר ווידער רייניקן, וואַשן.

ביי באָריסאָוון זענען ווייס געוואָרן די פינגער-שפּיצן, און ער רייבט אַליין, צונויפּפּרעסנדיק די ליפּן. זיין מויל זעט אויס, ווי עס וואָלט אויף שטענדיק פאַרנייט געוואָרן. בלויז זעלטן-ווען הויבן זיך אויף די ברעמען און ער גיט אַ שנעלן קוק אויף מיר. דעמאָלט זע איך זיינע קיילעכדיקע שוואַרצאַפּלען און די שמוציקע בלאָטערס אויף די באַקן.

איך לאַך, צוגעבנדיק מוט באָריסאָוון. און אַליין כאַפּ איך אַ דריבנעם ציטער, און אין די ציין גראָבט זיך, סקריפּענדיק און זשו-

מענדיק, אַ קאַלטער צוג־ווינט. אָט־אָט וועט זיך בײַ מיר פון די ליפּן אַראָפּרײַסן:

— קום, וועלן מיר זיך אָנוואַרעמען.

איך זע, אַז באָריסאָוו וויל זאָגן דאָס זעלביקע, ער וואַרט אָבער, אַז איך זאָל עס זאָגן. און מיר פּוצן און רײניקן ווײַטער...

אַז דער לעצטער טרוקנדאַמפער איז געוואָרן ווי אַ קראָ־פליגל, זענען מיר נאָך לאַנג אַרומגעגאַנגען אַרום דער מאַשין, זי באַטראַכט און געשמײכלט אײנער צום אַנדערן.

דער ערשטער פּונקט פונם סאָציאַליסטישן אָפּמאַך איז אויסגע־פילט געוואָרן.

...אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך דערזען דעם אינזשיניער בראָודע. איך האָב אים פונדערווײַטנס אַ פּאָך געטון מיטן טיכעלע און אים צוגערופן צום לאָקאָמאָטיוו. ער איז צוגעגאַנגען, פרעמד אַ קוק געטון אין מײַן פּנים, אויפן נומער פון מײַן מאַשין און האָט גאָר־נישט פאַרשטאַנען.

איך האָב אים דערמאָנט דעם טאָג פון אונזער באַגעגעניש און אים געפירט ווײַזן דעם לאָקאָמאָטיוו.

דער אינזשיניער האָט געקוקט, געווישט דעם לאָקאָמאָטיוו מיטן טיכעלע. דאָס טיכעלע איז געבליבן רײן. די ווינקלען פון זײַנע ליפּן האָבן זיך פאַרלעגן צעצויגן: איך ווייס, ער האָט פאַרשטאַנען זײַן טעות.

...אויף דער ברוסט פון מײַן לאָקאָמאָטיוו ברענט דאָס קופּער, און אויף דעם זענען אויסגעקריצט די ווערטער:

„דער לאָקאָמאָטיוו פאַרמעסט זיך מיט די אײַזן־הוטניקעס. קײן אײן מינוט אָפּהאַלט”!

דער דיזשורנער איבער דער סטאַציע, די צוגויפּשטעלער, די צוגויפּקײטלער, די וועקסלער, אַלע באַטראַכטן די מאַשין ווי צום ערשטן מאָל, לאַנג און מיט פאַריבל שטעלן זײ אָן זײערע אויגן אויף די קלײנע, פּיצינקע פלעקן בלאָטע: זײ קאָנען אַפילו דאָס אויך נישט מוחל זײַן.

צום לאָקאָמאָטיוו האָט מען צוגעטשעפּעט דרײַ קאַנען. איך דאַרף זײ אַרונטערשטעלן אונטער דעם שמעלץ־אויוון, כּדי מען זאָל זײ אָנגיסן מיט טשוהון. אין דעם סאָציאַליסטישן אָפּמאַך איז פאַראַן אַ פּונקט, לויט וועלכן איך פאַרפליכטע זיך צושטעלן די קאַנען אין אײן אָדער צוויי מינוט.

איך בין אָפּגעקעפּאָרן. נאָך מיר האָבן זיך אַ לאָז געטון די וועקסלער, די צונויפשטעלער, די צונויפקייטלער, זיי קוקן מיר נאָך, כאָטש זיי מאַכן דעם אָנשטעל גלייך, ווי זיי גייען צוליב זייערע עסקים.

איבער די אָנלענען פון דעם דעק פונם גיס-צעך בויגן זיך די מייסטערס, די שמעלצער, די טשוהון-גיסער. צווישן זיי זע איך דעם שמעלצער קראַמאַרענקאָ. ער האָט אַראָפּגענומען דעם פילצענעם הוט צעגלעט זיינעברייטע ראַנדן און, נישט אַ פינטל-טוענדיק מיט די אויגן, קוקט ער אויף מיינע ליפן, אויף די לאָקאָמאָטיוו-רעדער, אויף מיין האַנט, אויפן רעגולאַטאָר.

באַאומרויִק זיך נישט קראַמאַרענקאָ, איך וועל נישט פאַר-פירן! וויפל טעג שוין, אַז איך באַרעכן, ווי אַזוי איך וועל אונטער-שטעלן די קאַנען אונטער די פייער-שטראָמען. און איצט פאָר איך שוין אַזוי ווי איבער אַ גוט-באַקאַנטן וועג, מיטן אויג מעסט איך אָפּ די שטרעקע ביזן ערשטן פיסקל פון דער רינע, איבער וועלכער עס גייט דער טשוהון. אָט דאָ דאַרף מען אונטערשטעלן דעם קאַן. איך עפן דעם רעגולאַטאָר מיט קליינע קאָלבנס. נישט אָפּלאָזנדיק דעם טאָרמאַז, גיב איך אַכטונג אויף דעם זיך נישט אָפּשטעלנדיקן גאַנג פונם לאָקאָמאָטיוו. דער צונויפשטעלער האָט נאָך נישט באַוויזן אַ דריי צו טון מיט דער האַנט, געבנדיק דעם סיגנאַל אויף אָפּצושטעלן זיך, אַז איך האָב שוין געהאַט פאַרמאַכט דעם דאַמף, צוגעדריקט דעם טאָרמאַז — און די מאַשין איז געבליבן שטיין, ווי אַן איינגעגראָבענע, אָפּאָטעמענדיק מיט דאַמף.

אויף צוויי מינוט זענען פונאַנדערגעשטעלט די קאַנען אויף צוויי הונדערט-פופציק טאָן טשוהון. פריער פלעגט מען דערויף פטרן צען-פופצן מינוט.

קיינער האָט מיר אַפילו נישט צוגעוואָרפן קיין ברעקעלע לויב. אָבער מיך וועסטו נישט אָפּנאַרן: איך האָב באַמערקט אויף די אויפ-געהויבענע קעפּ צופרידנקייט.

איך האָב דערוואַרט, אַז די אָנשטרענגונג וועט אָפּפאַלן, אַז עס וועט זיך איינשרומפן דער אומרו, אָבער זיי זענען נאָך מער אויס-געוואַקסן. עס שטייט נאָך פאָר אַזויפיל פליכטן!

דער לאָקאָמאָטיוו איז געשטאַנען מיט די קאַנען און האָט אַלע ווײַלע אויפגעציטערט. פונקט אַזוי ווי ער וואָלט אויך „איבערגעלעבט

מײַן אויפרעגונג, געבעטן דערלויבעניש וואָס־גיכער אויפהויבן זײַנע פלינקע פיס און אַוועקפירן דעם אוראַלער טשוהון צו די גיס־מאַשינען.

גלײַכצײַטיק מיטן סיגנאַל פונם עקספּעדיטאָר האָב איך געגעבן אַ פײַף, אויפגעמאַכט דעם דאַמף און בין אַוועקגעפלויגן.

אָט איז דער ליכט־װײַזער. דער װעג געדויערט דרײַ מינוט. פריער האָט מען דערויף געפּטרט צען מינוט און צומאָל נאָך אָפּגע־שטאַנען אַ האַלבע שעה, ביים אַרײַנגאַנג. און אפשר וועט דאָס איצט אויך געשען? מיט שרעק קוק איך אויפן קאָליר פונם לאַמטערן. אַ רויטער! נו, יאָ, אַ העליש־רויטער, ווי אַ וווּנד, אַ סיגנאַל זיך אָפּצושטעלן!

אומזיסט וועלן אויף מיר וואַרטן צענדליקער אַרבעטער אין דעם אַנדערן עק זאַוואָד, כּדי פונאַנדערצוגיסן דעם טשוהון. איך וועל ברענגען די קאָנען שוין אָפּגעקילטע, און דער טשוהון וועט זײַן גע־דיכט און קלעפּיק. ניין, איך וויל נישט, איך טאָר דאָס נישט דערלאָזן!

איך לאָז איבער דעם לאָקאָמאָטיוו אויף באָריסאָווס אחריות, און אַליין לויף איך אויף דער סטאַציע און זע דאָרט: דער רעזערוו־צוגויפשטעלער, אַ שיכּורער פון לײַדיקגיין, שפּאַרט זיך מיט די וועק־סלער, אַז ער וועט מיט איין צי אויסרויכערן אַ גאַנצן פּאַפּיראָס. דער סטאַציע־דיזשורנער האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט דעם ספּעקטאַקל און גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן אין דעם צוג.

איך שפּרונג אַרויף אויף דעם דיזשורנעם, וויל אים דערלאַנגען איבער דער אַראָפּגעהאָנגענער ליפּ, איך האַלט זיך אָבער איין, און טו אַ כאַפּ די שטאַבע און פלי צוריק צום לאָקאָמאָטיוו.

אין פינף מינוט אַרום זענען מיר צוגעקומען צו דער פונאַנדער־גיסערײַ. דער וועג האָט אינגאַנצן געדויערט אַכט מינוט, אָן די דרײַ מינוט, וואָס מיר האָבן זיך פאַרהאַלטן.

די אַרבעטער האָבן פונאַנדערגעגאָסן, אַזוי ווי סטענגעס דעם נאָך ווייסן און עלאַסטישן טשוהון און האָבן פאַרגעדענקט דעם נומער פון מײַן לאָקאָמאָטיוו — נומער צוואַנציק.

...און די אָנשטרענגונג האַלט אין איין וואַקסן. מײַן לאָקאָמאָטיוו קאָנען סײַ דער שוואַרצאַרבעטער, סײַ דער מייסטער, סײַ דער אינזשי־ניער. מיט מיר באַגריסט זיך דער אינזשיניער, דער אָנפירער פון די אײַזן־הוטעס. איך רעד מיט אים, אַזוי ווי מיט מײַנס אַ גלײַכן, און וווּנדער זיך גאָרנישט מײַן העזה.

אויף מײַן לאָקאָמאָטיוו איז געקומען אַ בריגאַדע אַרבעטער,

וועלכע באַפרייען די קאַנען פונם שלאַק און רופט מיך, איך זאָל זיי העלפן. די בריגאַדע איז זיכער אין מיר.

איך פאָר פאַרזיכטיק צו צו די קאַנען, שפרונג אַראָפּ דערוויס זיך, פון וואָס פאַר אַן אָנגלי איז דער שלאַק, צי איז אין אים נישטאָ קיין צומיש פון טשוהון, העלף דער בריגאַדע פאַרבינדן דעם שטריק מיטן לאָקאָמאָטיוו.

פאַרטיק. איך פאַרלאָז זיך נישט אויף מיר, נישט אויף דער בריגאַדע, אַלצדינג קאָנטראָליר איך אויפן גענויסטן און שטרענגסטן אופן.

— פאַרטיק! קאַנטעווע! — שרייען די אַרבעטער.

איך דאַרף איצט אַ צי טון דעם לאָקאָמאָטיוו אויף צוריק, איך עפן דעם רעגולאַטאָר, צי אָן די טראָסן און, מורא־האָבנדיק צוצו־פליעסקען, נעם איך אַראָפּ אַ דין ריטשקעלע פון די קאַנען מיט שלאַק, וואָס איז ענלעך צו דער לאַווע פון אַ קראַטער. מיט ראַש פאַלט ער אויפן שיפּוע, באַדעקט דעם שניי מיט בעז־קאָלירנדיקן אַש, באַפאַרבנ־דיק די נאַכט מיט אַ ראָזן דעמער. דער קאַן שטייט אַ ריינער, באַ־גאָסן מיט אַ צוקער־ווייסן שיכט קאַלך, גרייט אַוועקגעפירט צו ווערן אויף דער הוטע.

עס איז אויסגעפולט געוואָרן דער לעצטער פונקט פונם סאָציאַ־ליסטישן אָפּמאַך. די אָנשטרענגונג ווערט אָבער נישט איינגעשטעלט.

איך פאָר פאַרביי דעם לאָקאָמאָטיוו נומער 411. איך זע דעם מאַ־שיניסט און דעם געהילף, ווי זיי שטייען אויף די קני, זיי רייניקן די מאַשין, קלאַפּן מיט די שליסל, קערן אום דעם לאָקאָמאָטיוו זיין יונגקייט. איך גיי זיי העלפן.

איך וועל קומען אַהיים, וועל לויפן אויף די נאַרטעס, פליען אויפן בויער, זיך גרייטן אין אינסטיטוט, זוכן די ליפּן פון דער גע־ליבטער, איך ווייס אָבער, אַז קיינמאָל וועט מיין האַרץ און מיין מוח נישט פאַרלאָזן דאָס געפיל פון אָנשטרענגונג פון מיין קלאַס, דער געפיל פון קאַמף. עס וועט זיין דער שטענדיקער און טרייער באַ־גלייטער, מיט וועלכן איך וועל זיך קיינמאָל נישט צושיידן.

געלער ניקאַנאָר, עפן אויף דיין קבר, הויב אויף דעם קאָפּ, גיב קוק כאָטש אויף איין טאָג פון מיין לעבן, וואָס פלאַצט פון איבער־פולקייט! דו וועסט זיך אַזש צעווייינען פון קנאה, וועסט זיך אָנהויבן וואַרפן און קאָנוווּלסיעס, פאַרכאַפּט פון צאָרן און ווייטיק פאַר זיך, וואָס האָט געפּטרט זיינע כוחות אין אומזיסטע זוכענישן.

קאַפּיטל זיבן

דער שוואַרצער, לאַנגער זייגער־ווייזער לויפט אײַליק צו דער גרויסער און פּאַרדראָסיק בולטער ציפער 12. פיבערדיק קוק איך זיך איין אין איר. אין דעם מאָמענט, ווען די שמאָלע שפּיצן פון די ווייזערס וועלן פאַרדעקן איינער דעם אַנדערן, וועט דער דיזשורנע־אינזשיניער פון דער הוטע באַפעלן אַרויסגעבן דאָס געשמעלץ. נאָר לויטן באַשטימטן פּלאַן וועט מען נישט אַרויסגעבן. דער שמעלצער קראַמאַרענקאָ וועט אַראָפּלאָזן די אויגן צו דער ערד און שטיל אַ מורמל טון מיט די ליפּן:

— קיין טשוהון קאָן מען נישט געבן. די רינוועס און די גראַבנס זענען נישט פאַרטיק.

און דעמאָלט וועט דער אינזשיניער זיך שוין נישט באַציען מיט אָפּשיי צו דעם שמעלצער קראַמאַרענקאָס וואַכטע. אינדערפרי וועט מען אויף דער באַריכט־ברעט די וואַכטע אַוועקזעצן אויף דעם קלעפּיקן שילדקרעט מיט די שלאַנגען־אויגעלעך. די צייטונג וועט מוסרן די וואַכטע פאַר אָפּגעשטאַנענקייט.

ניין! דאָס טאָר בשום־אופן נישט געשען. פאַר קראַמאַרענקאָס וואַכטע בין איך פאַראַנטוואָרטלעך. מיר האָבן דאָך געשלאָסן אַן אָפּמאַך וועגן קעגנזייטיקער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. קראַמאַרענקאָ האָט געהאָלפן אונזער בריגאַדע באַנייען דעם לאָקאָמאָטיוו. היינט שטייט אָפּ די הוטע, בין איך, דער מאַשיניסט, געקומען העלפן דעם שמעלצער קראַמאַרענקאָ.

קראַמאַרענקאָ שטייט אָנגעשפּאַרט מיט דער פּלייצע אין אַן אײַזערנער זײַל און דרייט פאַרבערעכעריש־געלאַסן אַ פּאַפּיראָס. ער האָט זיך אָפּגעקערט פון די פאַרמיסטיקטע גראָבנס, איבער וועלכע עס דאַרף גיין דער טשוהון. ער האָט צוגעדעקט מיט די פוכיקע ווימפּערן די געדיכטע שוואַרצאַפּלען, הויך אויפגעהויבן די דינע ברעמען. ער טראַכט, מאַכנדיק דעם אָנשטעל, אַז ער איז כלומרשט פאַרטון אין פאַרקלעפן דעם פּאַפּיראָס.

און דער ווייזער לויפט צו דער אומגעדולדיק־וואַרטנדיקער ציפער 12.

מיט אַ שעה צוריק האָט קראַמאַרענקאָ איבערגענומען די וואַכטע פון דעם שמעלצער באַבין. עס זענען פאַרמיסטיקט די רינוועס, די גראָבנס, די אַרטעריעס, וועלכע פולסירן מיטן מעטאַל-בלוט, עס איז אָפּגעשוואַכט דער שמעלץ-אויוון פון דער הוטע, וועלכער גיט אַרויס מיט איינמאָל הונדערט פופציק טאָן טשוהון. און אויב דער שמעלצער וועט גאָרנישט צערעכט-מאַכן און אַרויסלאָזן דאָס געשמעלץ, וועט דער פייערדיקער טייך אַ פלייץ טון פון דעם דורכגעריסענעם האַלז פון דעם שמעלץ-אויוון איבער די צעשטערטע גראָבנס און מיט בלוטיקער לאַווע פאַרגיסן דעם גאַנצן גיס-הויף, וועט מיט פאַנצער פאַרשמידן די באַן-וועגן און צונעמען דעם אָטעם ביי דער הוטע. שטיל וועט ווערן אין צעך. די הויכע טורעמס פון די קאַופּערס וועלן זיך טרויעריק רייסן צום אָנפלאַמיקן הימל, ווי דענקמעלער אויף די קברים, און די שמעלצער וועלן אַרומגיין, ווי די באַגראָבערס.

קראַמאַרענקאָ האָט מיטאַמאָל צוגעדריקט דעם פּאַפּיראָס, צעשאָטן דעם טאַבאַק, טיף אַריינגערוקט דעם קאָפּ אין דעם פילצענעם הוט און זיך כמעט געלאָזט לויפן צום שמעלץ-אויוון.

איך שטויס זיך אָן, אין וואָס דאָ גייט. קראַמאַרענקאָ האָט אָנגענומען אַ געוואַגטן באַשלוס. ער וויל אונטער דעם דרוק פון דער פאַרטיקער שמעלצונג, צוריק אויפשטעלן דעם שמעלץ-אויוון פון דער הוטע. צו דעם דאַרף מען באַזיצן אַן אייזערנעם ווילן. כדי צוריק-אויפצושטעלן דעם האַלב-רויִנירטן פוטלאַר, דאַרף מען צוגיין כמעט צו דער סאַמע "טשוהון-מאַסע. דאָס פייער קאָן יעדע סעקונדע צע-ברעכן די דינע, אַזוי ווי אַ שאָלעכץ פון אַן איי, פייערוואַנט און זיך אַ וואָרף טון אויף די מענטשן.

קראַמאַרענקאָ נעמט צוויי ברעכאייזנדלעך: איינס גיט ער מיר און דאָס צווייטע — דעם געהילף, לעסניאַקן, אַליין בויגט ער איין דעם רוקן און צעפּאָכעט זיך מיט שווערן שאַרפן שפיץ פון דער פּיקע גלייך אין האַרץ פון דעם שמעלץ-אויוון. נאָר קיין קלאַפּ גיט ער נישט, ער דערשטיקט זיין איילִיקייט און אַראָפּלאָזנדיק זיך אויף די קני, קוקט ער מיט שרעק אַריין אין צעדרויבלטן אויוון פון דער הוטע.

ער האָט זיך נאָך נישט באַשלאָסן. ער טוט אויס דעם הוט, מיט דעם האַרטן אַרבל פון אַרבעטס-קאָסטיום ווישט ער אָפּ דעם נאַסן שטערן, די האָר, באַטראַכט מיט אַן אויפמערקזאַמען בליק זיינע היל-צערנע שיך, זיי רויִכערן זיך מיט אַן עקלדיקן גערוך.

דער געהילף לעסניאַק שטייט אַ צעטומלטער. ער האָט זיך אויס־געצויגן, אַן אָנגעשטרענגטער און גאָרנישט פאַרשטייענדיקער. ער איז נישט געוווינט צו שטיין אָן אַרבעט און שעמט זיך איצט צו פרעגן:

— קראַמאַרענקאָ, וואָס וועלן מיר טון?

דער שמעלצער האָט אַ געשריי געטון מען זאָל אים געבן ליים, לאָפּעטעס און ברעכאייזנס.

— שנעלער, לעבעדיקער, גערירט זיך!

ער האָט דערלאַנגט דעם ערשטן קלאַפּ איבער דעם פּוטלאַר און זיך אָנגעבויגן הינטער דער אייזערנער רער. איך האָב זיך באַהאַלטן הינטער זיין קאָפּ, און בלויז דער געהילף לעסניאַק איז אָן שרעק געשטאַנען אַנטקעגן און מיט ברייטע באַוועגונגען אָפּגעוואָרפן דעם אַשיקן שלאַק. איבער זיינע שלייפן זענען גערונען שנעלע שטראָמען שווייס. ער האָט גאָרנישט חושד געווען, וואָס פאַר אַ הייסער און שנעלער טויט עס קאָן אַרויסשפּרונגען פון דעם פאַרמיסטיקטן שמעלץ־אויוון.

קראַמאַרענקאָ איז פאַרזיכטיק אַרויס פון זיין באַהעלטעניש. ער האָט לאַנג באַטראַכט דעם שוואַרצן אויוון. ער האָט דאָרט נישט געזען קיין איין פונק. דעמאָלט איז ער געוואָרן דרייסטער און האָט אָנגעהויבן שטאַרקער צוצוקלאַפּן די רעשטלעך פונם חרובן פּוטלאַר.

איך האָב אָפּגעוואָרפן דעם שליאַק, צוגעטראָגן ליים, באַמיענדיק זיך נישט אויפצוהויבן דעם קאָפּ, נישט צוקוקן. לעסניאַק, אין דעם שוואַרץ־געוואָרענעם העמד, האָט געטרוקנט דעם פאַרפעסטיקטן אויוון מיט צעגליטן קאָקס, מיט האָלץ. די פּוטלאַר־ווענטלעך האָבן זיך אָפּגע־ברענט, געוואָרן גלאַט און זיכער. די שוואַרץ־אַרבעטער האָבן אָפּגע־רייניקט די גראָבנס פונם אָפּפאַל. אויף דער באַן־ליניע האָבן די לאָקאָ־מאָטיוון אונטערגעשטעלט די קאַנען אונטער די רינוועס. די אַרבעטער האָבן אָנגערוקט אויף די אויגן די פילצענע היט. עס האָבן זיך דער־הערט אויפגערעגטע און אָנגעשטרענגטע קולות. עס איז אין איילעניש דורכגעלאָפן דער מייסטער.

קראַמאַרענקאָ האָט איבערגעגעבן די געהילפן, זיי זאָלן אָפּשלייפן די רינוועס און אַליין האָט ער זיך גענומען האַרמאַט.

איך האָב זיך דערמאָנט, ווי באַבין האָט, איבערגעבנדיק די וואַכטע, גערעדט וועגן דעם קאָמפּליצירטן מעכאַניזם פון דער הוטע־וועגן דעם בראָנזענעם האַרמאַט:

— פאַרשטייסטו, סאַר אַ פּאַסקודניאַק דער דאָזיקער מעכאַניזם

איז! מיר האָבן נאָר געענדיקט און געוואָלט מיטן הארמאַט פאַרקלאַפּן דעם פאַרשטעקער, איז ניין און ניין, ער וויל נישט. שטייט זיך — און פאַרטיק. מיר דרייען זיך אַהין און אַהער אַרום אום—און ער זאָל דאָס כאָטש אַ ניס טון, דער פאַרשאָלטענער. האָבן מיר אַ שפּיי געטון אויף אים און מיט די הענט פאַרקלאַפּט דעם פאַרשטעקער.

„ניין, באַבין, ס'איז קיין תּירוץ נישט, — טראַכט איך. — אַזאַ אַר־בעטער ביסטו שוין. גיסט קיינמאָל נישט איבער די וואַכטע ווי עס באַ־דאַרף צו זיין, וויטיקסט נישט פאַר דער הוטע. האָסט מורא פאַר דער טעכטיק.״

אָט קראַמאַרענקאָ האָט קיין מורא נישט פאַר דעם נישט־צוטרעט־לעכן אויסלענדער, כאָטש ער האָט זיך אויך געלערנט ביים שמעלץ־אויוון, ווו די הענט זענען אַלץ, און ערשט מיט דריי יאָר צוריק האָט ער זיך באַקאַנט מיט דער הוטע. קראַמאַרענקאָ האָט דורכגעשטודירט די צייכנונגען פונם הארמאַט, פאַרנודעט די אינזשיניערן מיט זיינע פראַגן, אויסגעפאַרשט דעם הארמאַט ביזן לעצטן שרייפל, געלערנט זיין כאַראַקטער.

אָט איצט האָט זיך דער הארמאַט ווידער פאַרקאַפּריזעט. ער דערמאָנט זיך אין צענדליקער מעגלעכע סיבות, שטעלט זיך אָפּ אויף דער וואַרשיינלעכסטער און הויבט אָן אויספּרובירן. ער האָט אויפגע־מאַכט די דורכבלאַז קראַנען, אַריינגעלאָזט דאַמף אינם צילינדער, דער־נאָך איינגעשלאָסן אַ הוילגאַנג. איצט אַרבעט דער הארמאַט אויסגע־צייכנט. ער איז פּשוט אָפּגעקילט געוואָרן, און מען האָט אים גע־דאַרפט אָנוואַרעמען.

מיר האָבן זיך געגרייט צום פּלאַנירטן אַרויסלאָז פונם טשוהון.

דאָס געשמעלץ האָט אַ שפּריץ געטון מיט די ערשטע פונקען. דער טשוהון איז געווען העליש־ליכטיקער, ווי דער מאָרגנשטערן אויפן ים. ער פלייצט אַריבער די קאַנען. עס קלעקן נישט קיין כּלים פאַרן טשוהון. דער אינזשיניער הארבוז אַליין, דער מייסטער, די אַרבעטער מיט די לאַנגע לאָפּעטעס, פאַררוקערס, פאַרשטעלן דעם וועג דעם טשו־הון, קערעווענדיק אים אין די רעזערוו־גראָבנס, צעדרויבלדיק די קראַפט פונם שטראָם.

איך כאַפּ אַ לאָפּעטע און שטעל זיך לעבן הארבוזן און לעס־ניאַקן. מיט זעקס הענט האַלטן מיר מלחמה מיטן פייער. דער ווייסער פלאַם בייסט לעסניאַקס לאָפּעטשעס, שפּרינגט אין די אויגן אַריין, פליקט

די האָר. די קורטקע אויף הארבוזן פּלאַצט, ווערט ענג אין דער פּלייצע און קאָרטשעט זיך פון שרעק.

איך האָב זיך דערמאָנט אין דער הוטע, ווו עס האָט געאַרבעט מיין טאַטע. ווילאַנג איז דאָס שוין געווען! איינמאָל האָט זיך דאָרט אויפגעהויבן פונקט אַזאַ שטורעם. דער טשוהון-טייך האָט אָן שום שטער געמאַכט אַש פון אַלץ, וואָס ער האָט געטראָפן אויף זיין וועג. דעמאָלט זענען מענטשן אַנטלאָפן פונם טשוהון-שטראָם.

און אָט איצט קלאַפּט דער געוועזענער פּאַסטוך לעסניאַק, אַ בוי-געוועדיקער און דרייסטער, דאָס פייער איבערן סאַמע האַרץ, מיט זיין ברוסט פאַרשטעלט ער אים דעם וועג, און לעבן אים בין איך.

דער טשוהון-טייך איז טונקעלער געוואָרן, אונטערטעניק און שטיל האָט ער זיך געלייגט אויפן זאַמד מיט מאָגערע שטראָמעלעך. קראַמאַרענקאָ פאַרהאַקט דעם פאַרשטעקער, שיסנדיק פון דער לאַנגער רער, וואָס איז ענלעך צו אַ האַרמאַט-רער, מיט ליימענע גראַנאַטן אין האַלדז פון שמעלץ-אויוון אַריין.

קאַפּיטל אַכט

אין אונזער באַראַק איז געקומען אַ שליח פונם שטאָט-ראַט און האָט איבערגעגעבן מאַריאַ גריגאָריעוונאַ אַ פּאַפּיר, פאָדערנדיק אַ קבלה-אונטערשריפט. זי האָט אין דעם בוך אָוועקגעשטעלט דריי צייכעלעך און שעמעוודיק מיר דערלאַנגט דאָס פּאַפּיר. מען האָט איינגעלאַדן מאַריאַ גריגאָריעוונאַ באַגאַטיריאָוואַ, זי זאָל קומען אויף דער היינטי-קער זיצונג פונם פּרעזידיום פונם שטאָט-ראַט.

זי האָט פאַרחידושט אויפגעהויבן די קיילעכדיקע אַקסל.

— וואָס דאַרפן זיי מיך? איך ווייס אַפילו נישט, ווי מען גייט אַהין.

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אַ צעטומלטע. ביי אירע פיס האָט זיך געריבן איר ליבע קאַץ. איצט קאָן מען זי שוין נישט דערקע-נען: די האָר זענען צעשויבערט, פאַרבלאָטיקט, מאַריאַ גריגאָריעוונאַ האָט זי פאַרלאָזט, האָדעוועט זי שוין נישט מיט מילך פונם טעצעלע און מיט פלייש. די קאַץ, וואָס איז פאַרווילדעוועט געוואָרן אָן צערט-

לעניִשן, מיט אַ שטענדיק הונגעריק פײערל אין די אױגן, דאַרף איצט זיך אַלײן שפּײזן.

באָריסן זע איך זעלטן. ער פירט צוגן מיט אַרץ פאַר די הויטעס און טאָגט און נעכטיקט אויף די לאָקאָמאָטיװן. ער שלאָפט הינטערן קעסל, אי דאָס בלויז אויף די סטאַנציעס, בשעת מען לאַדעװעט אויס די װאַגאָנעס. ער האַלט אין איין ציטערן איבער זיין לאָקאָמאָטיװ.

איינמאָל ביינאַכט האָב איך זיך אַנידערגעזעצט אויף זיין בעט. עס האָט זיך מיר געװאָלט רעדן מיט אים װעגן זיין פאַרטרוקנטער ברוסט, װעגן די דורכזיכטיקע אָדערן אויף זיינע געל-װערנדיקע הענט, װעגן דער פיבערדיקער רויטקייט אויף זיינע שאַרף-פאַרשפּיצטע באַקן-ביינער.

— באָריאַ... באָריאַ...

ער האָט זיך אומגעקערט, מיד אַ קוק געטון אויף מיר מיט די שװאַרצע אויגן, װעלכע זענען געלעגן טיף באַהאַלטן אין טיפע, נישט צוטרעטלעכע ברונעמער. ער האָט געשװיגן, פרעגנדיק מיט אַן אויפגערעגטן בליק.

איך בין װאָס-גיכער אַװעק פון אים, אָפּלייגנדיק דאָס געשפּרעך אויף אַן אַנדערש מאָל. און מיט מאַריאַ גריגאָריעװנאַן האָב איך געהאַט אַ געהיימען שמועס. מיר האָבן אָפּגערעדט, אַז זי װעט אים געבן טרינקען געבריטע מילך מיט צעלאָזטן חזיר-שמאַלץ.

זי האָט אָבער נישט קיין װאָרט. אָט איז שוין אַ מעשה פון דריי טעג, אַז מיר אַליין קומט אויס צולויפן אין דער מילך-קראָם, אָפּבריען און צעמישן דאָס צעלאָזטע שמאַץ.

באָריס שטייט נישט אויף פון בעט, ער ליגט אַ שטילער, אַ געלער.

איר גאַנצע אויפמערקזאַמקייט האָט זי איצט אַװעקגעשענקט אירע קרובים, װאָס זענען געקומען צופאָרן. זי האָט אינגאַנצן אָפּגעלאָזט איר שטוב. זי פלעגט פאַרפאַלן װערן אין די באַראַקן, אויפגעהויבן אַ קאָמפּאַניע צװישן די איינװוינער, מען זאָל אַליין רעמאָנטירן די דירות.

באַגאַטיריאָװ איז געקומען פונם קעמערל מיט אַ באַשלוס פונם ביוראָ, אַז יעדער קאָמוניסט און קאָמיוגיסט זאָל אין זיין באַראַק אויפהויבן און זיך שטעלן בראש פון דער רעמאָנט-קאָמפּאַניע, װאָס די איינװוינער זאָלן אַליין מאַכן.

אַ פריער האָבן מיר זיך גענומען צו דער קאָמפּאַניע אינדרייען: באַגאַטיריאָװ, באָריס און איך. מיר האָבן פאַרגרייט ליים, קאַלך,

פעסלעך, אינסטרומענטן. עס איז צו אונז צוגעשטאַנען אויך דער בריגאַדיר זשילקין און האָט נאָך מיטגעבראַכט זיינע חברים.

באַגאַטיריאָוו האָט מיט אַ שאַרפער לאָפּעטע אָפּגעקראַצט די ווענט, און מיר האָבן זיי אָנגעהויבן שמירן. דאָס ליים איז אויפגעשוואָלן געוואָרן, זיך אָנגעבלאָזן און דערנאָך זיך גענומען שיטן.

מאַריאַ גריגאָריעוונאַ האָט דאָס נישט געקאָנט צוזען: זי איז אַרויס פון צימער מיט פאַרקאַשערטע אַרבל, אין אַן אַלט קליידל און האָט זיך צעשריען:

— עך, איר געליימטע! אָט אַזוי שמירט מען דאָס?

זי האָט אונז אָנגעהויבן ווייזן, ווי אַזוי מען דאַרף שמירן און זיך דערווייל פאַרגעסן און אַזוי אָפּגעאַרבעט ביזן אָוונט. אַז מיר האָבן געענדיקט דעם רעמאָנט פון אונזער באַראַק, זענען צו אונז צוגעקומען די באַלעבאָסטעס פון שכנישן הויז און, מיינענדיק, אַז מיר זענען פון פאַך מולערס, אונז געבעטן, מיר זאָלן פאַרשרייבן זייערע דירות אין דער ריי. באַגאַטיריאָוו האָט זיי אָפּגעשיקט צו מאַריאַ גריגאָריעוונאַ.

זי האָט פאַרוווּנדערט אַ קוק געטון אויף די געסט, שוין געהאַלטןביים אין כעס ווערן, אָבער עס האָט איר הנאה געטון, וואָס צו איר איז געקומען אַ גאַנצע דעלעגאַציע, און זי האָט זיי געראָטן:

— אָט וואָס, ווייבעלעך... עס וועט אייך זייער לאַנג אויסקומען צו וואַרטן אויף אמתע מולערס, פאַרקאַשערט בעסער די אַרבל און נעמט זיך אַליין צו דער אַרבעט.

זי איז געגאַנגען זיי אָרגאַניזירן די אַרבעט. און גאָר אינגיכן האָט דער גאַנצער מאַגניטבויער אייזנבאַן-ראַיאָן געקאָנט מאַריאַ גריגאָריעוונאַן. מען האָט זי געשלעפּט פון איין באַראַק אין צווייטן, וועגן איר אַרבעט האָט די ראַיאָן-צייטונג געדרוקט גאַנצע שפאַלטן.

איצט האָט מען זי אַרויסגערופן אויף דער זיצונג פונם פרעזידיום — מסתמא צוליב דעם, זי זאָל דערציילן וועגן איר דערפאַרונג.

איך האָב זיך אָנגעטון און זי באַגלייט ביז צום שטאָט-ראַט. איך בין געבליבן זיצן הינטער דער טיר פונם פאָרזיצערס קאַבינעט און זיך אונטערגעהערט. די טיר איז געווען באַשלאָגן מיט גראָבע לעדער און זי האָט געגנבעט ווערטער, אָבער פון די אָפּגעריסענע פראַזן, וועלכע האָבן דערגרייכט צו מיין אויער, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז לויט באָגאַטיריאָוואַס באַריכט, האָט דאָס פרעזידיום באַשלאָסן צו באַשטימען מאַריאַ גריגאָריעוונאַ אַלס פאַרטרעטערין פון דער אָנפירערין פונם

פרויען-סעקטאָר ביים שטאָט-ראַט. איך האָב אַ טראַכט געטון, אַז אַצינד האָט זי שוין אויף שטענדיק פאַרלוירן איר טרויער.

איך האָב זיך מיט איר צעשיידט אויף עטלעכע חדשים. אין דריי טעג אַרום האָט מען מיך פרעמירט מיט אַ צימער אין איינעם פון די מאַלינע-קאַלירנדיקע קאָרפוסן פון דער סאָציאַליסטישער שטאָט. איך און באָריס האָבן זיך אַריבערגעקליבן אין דער נייער דירה.

קאַפּיטל ניין

צווי מאַשיניסטן — סערגיי סטאַראָדוב און איך,—האָבן זיך באַגעגנט אויף דער באַרג-סטאַציע טשאַיקינאַ. די נאַכט האָט פאַרגאָסן די סטאַציע מיט געדיכטן מאַזוט פון פינסטערניש. דער נידעריקער און פרילינגדיק צעפּאַטלטער הימל איז געהאָנגען איבער דער צעקראָכענער ערד. די מיט אייז באַדעקטע רעלסן זענען געלאָפן אין דעם שווארצן נעפּל אַריין.

פון דעם סטאַציע-הייזל זענען אַרויסגעגאַנגען עטלעכע מענטשן.

דער רעגן, וואָס פרירט אין מיטן גיין, האָט פאַרשפּיגן די לאַמטערנס, געלאָשן די הייסע ווערטער פון דער זידלעריי און קריגעריי. דאָס האָבן דער סטאַציע-דיזשורנער, דער צוגויפשטעלער, דער צוגויפקייט-לער, דער טאָרמאַזירער, אַרומגערינגלט דעם מאַשיניסט סטאַראָדוב און רעדן אים איין אויף כלערליי אופנים:

— חבר סטאַראָדוב, פאָר. מען קאָן נישט לאָזן דעם זאַוואָד אָן אַרץ.

סטאַראָדוב שווייגט.

— אַ שוסטער ביסטו און נישט קיין מעכאַניק. דו וואָלסט זיך געדאַרפט אין אַ וועלפישן עק האַלטן, און נישט ביי קיין רעגולאַטאָר.

סטאַראָדוב האָט זיך אָבער נישט באַליידיקט.

שוין דאָס צוועלעטע מאָל ציילט ער די וואַגאָנעס און שאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין.

— ניין, איך קאָן נישט.

וואַגאָנעס זענען דאָ פופצן. דער נאָרמאַלער אַראָפּלאָז איז דריי. אָבער איצט טאָר מען נישט פאָרן בלויז מיט דריי וואַגאָנעס. אין די בונקערס איז נישטאָ קיין אַרץ, די רעזערוון האָבן זיך אויסגעלאָזט,

קיין צופיר איז נאָך דעם נעכטיקן צונויפגוס נישט געווען. מען דאַרף פּופּצן וואַגאָנעס — נישט ווייניקער.

דער באַרג־אַראָפּ האָט דרייאונפערציק מעטער. אַז מען קוקט אַראָפּ פון דער סטאַציע, דוכט זיך, אַז די ליניע טראָגט זיך אין אַן אָפּגרונט, ווו אויפן דעק ליגט צעשאָטן מיט פייערן מאַגניטאָגאָרסק.

אַהינצו דאַרף מען אַראָפּלאָזן דעם צוג פון פּופּצן וואַגאָנעס. סטאַראָדוב גיט וועגן דעם אַ טראַכט און אונטער דער הויט גייט אים דורך אַ קאַלטער שוידער. אין זיין פאַנטאַזיע שטעלט ער זיך פאָר אַ באַרג פון זיך רויכערנדיקע ברוכשטיקער, דעם אויפגעריסענעם לאָקאָמאָטיוו־קעסל און שטיקלעך פונם צעשמעטערטן קערפּער.

סטאַראָדוב און זיין לאָקאָמאָטיוו זענען צופעליקע באַקאַנטע. סטאַראָדובן אינטערעסירט נישט און איז אינגאַנצן איבעריק דער לאָקאָמאָטיוו.

ער האָט גאָר קיין צייט נישט זיך צוצוהערן צום אָטעמען פון דער מאַשין. ער האָט נישט געפּטרט קיין קאַפּעלע ענערגיע גובר צו זיין אירע קאַפּריזן. ווי נאָר ער פלעגט זי איבערגעבן אַ צווייטן מאַשיניסט, האָט ער גלייך אין איר פאַרגעסן. די מאַשין איז נישט אַריין אין סטאַראָדובס לעבן.

און איצט קוקט סטאַראָדוב מיט שרעק אויף די מיט אייז באַדעקטע רעלסן, אויף די זאַוואָד־פייערן, אויף דער מאַזוט־נאַכט און ווייסט, אַז אויב ער וועט פאָרן, וועט אים דער לאָקאָמאָטיוו נישט מוחל זיין דעם פאַרברעכערישן גלייכגילט. און ער זאָגט קאַטעגאָריש:

— איך וועל נישט פאָרן!

אין אָט דעם מאָמענט בין איך צוגעפאָרן צו דער סטאַציע. דער סטאַציע־דיזשורנע איז, פאַרטשעפּענדיק זיך, צוגעלאָפן צו מיין לאָקאָמאָטיוו און פאָרגעלייגט, איך זאָל אַראָפּלאָזן דעם צוג.

איך האָב געשוויגן.

דער דיזשורנע האָט נישט געוווסט, וואָס עס איז היינט ביי־נאַכט געשען.

איך בין שוין געשלאָפן, ווען אונטער מיין פענסטער האָט זיך צעשריען אַ אויטאָמאָביל־סירענע. אין צימער זענען שנעל אַריינגעקומען דריי פאַרשוין.

האַרבוז האָט אַ פינקל געטון מיטן גאָלד פון זיינע ציין און זיך אָנגערופן:

— סאַניא, די הוטעס שטייען שוין דעם צווייטן טאָג, עס פעלט אויס־אַרץ.

דער דירעקטאָר האָט אים איבערגעשלאָגן:

— די גליטש האָט אָפּגעשטעלט די באַן־באַוועגונג. קיין איין מאַשיניסט וועט נאָך דעם נעכטיקן פאַל נישט וועלן אַראָפּלאָזן דעם צוג פונעם באַרג, און די הוטעס שטייען.

ער האָט געענדיקט און וואַרט — אַן אָנגעשטרענגטער און אָנגעשפּיצטער. ער פּויקט אומגעדולדיק מיט די פינגער איבערן טיש.

איך קאָן אָבער נישט תּיכּף ענטפערן. איך האָב זיך דערמאָנט אין דער נעכטיקער קאַטאַסטראָפע. דעם לאָקאָמאָטיוו האָט געפירט באָגאַטיריאָוו אַליין. ער האָט נישט איינגעהאַלטן דעם צוג. עס האָט אים צעיאָגט איבער די מיט אייז באַדעקטע רעלסן. דער צוג איז אַרויף אויף די וואַגאָנעס, וואָס זענען געשטאַנען אויף דער סטאַציע. עס האָבן נישט געהאָלפן די דרייסיק יאָר אַרבעט אויפן לאָקאָמאָטיוו. באָגאַטיריאָוון אַליין האָט מען געפונען אין חלשות, אָבער אַ לעבעדיקן, צוואַנציק מעטער ווייט פון דער קאַטאַסטראָפע. און זיי ווילן איך זאָל זיך שטעלן אויף באָגאַטיריאָווס אָרט.

מיט די נעגל רייס איך דעם טינק פון דער וואַנט, צייל די פינטעלעך, וואָס די פליגן האָבן געלאָזן.

דענערווירנדיק סקריפּעט די לעדער פון האַרבוזס קורטקע. הויך טשמאָקען דעם דירעקטאָרס צונויפגעפּרעסטע ליפּן, וואָס זויגן די פייקע.

קראַמאַרענקאָ, וואָס האָט די גאַנצע צייט געשוויגן, האָט מיט די פינגער אָנגערירט מיין ברוסט און זיך אָנגערופן:

— לאָמיר רעדן אָפן. האָסט אונטערגעשריבן דעם אָפּמאַך, אַז ביסט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער אַרבעט פון די הוטעס. נו, ברודער, איז זיי מקיים דיין וואָרט, גיב אונז אַרץ.

איך האָב נישט קיין כּוח זיך אויסצודרייען מיטן פּנים צו מיינע געסט. עס ווילט זיך, אַז דאָס לעמפּל זאָל איבערברענען, און דעמאָלט, אין דער פינסטער, וואָלט איך געזאָגט:

— חברים, טייערע, קערט זיך אָפּ, וועל איך אייך אַ שעפּטשע טון, אַז איך זאָג זיך אָפּ.

אָבער פון מיין ווייטער פאַרגאַנגענהייט האָט זיך דערהערט אַ פאָרוווּרף־קול, וואָס איז ענלעך צו אַנטאָניטשעס באַס־שטימע.

איך האָב דערזען סאָבאָטשייעווקע, אַ נידעריקע, אַ פינסטערע.

נס שפּאַנט איבער די גאַסן דער געלער ניקאַנאָר, איך שלעפּ זיך נאָך נאָך אים, גייענדיק אין זיינע פוס-טריט. איך זע, ווי עס קערן זיך אָפּ פון מיר באָגאַטיריאָוו, מיין ברודער קאָזמאַ, און דערעיקר — אַנטאָניטש.

איך שטרעק שנעל אויס מיין האַנט דעם דירעקטאָר, און שריי כמעט אויס, אַז איך בין מספּים. איך בעט זיי בלויז, זיי זאָלן מיך אויף איין מינוטקעלע אַריינפירן צום מאַשיניסט באָגאַטיריאָוון.

אויף איין פוס האָב איך זיך אָנגעטון, און מיר זענען אַוועק-געפאָרן.

באָגאַטיריאָוו איז נישט געשלאָפן. איך בין שטיל צוגעגאַנגען צו זיין בעט, נישט-וויסנדיק פון וואָס אָנצוהויבן. ער האָט זיך נישט אָפּגעקערט, אָנגעשטעלט זיינע נישט פינטלדיטע אויגן און געדולדיק געוואַרט.

איך לאָז אַראָפּ דעם קאָפּ און רוף זיך אָן נישט מיט די ליפּן, נאָר מיט די געדאַנקען:

— פּעטער מישא, איך פאַר אַראָפּלאָזן דעם צוג פון אַרץ-באַרג. באָגאַטיריאָוו האָט זיך אויפגעהויבן.

— וואָס האָסטו געזאָגט, סאַניאַ?

דאָס דאָזיקע שטילע רעדן האָט פאַריאָגט די מורא. איצט שרעק איך זיך שוין נישט. איך חזר דאָס איבער שאַרף און פּאַמעלעך:

— היינט וועל איך צושטעלן אַ טראַנספּאָרט אַרץ אין דער הוטע אַריין.

באָגאַטיריאָוו זוכט עפּעס פיינלעך לאַנג אין דעק פון מיינע אויגן.

שטיל און ווייך איז אין צימער אַריינגעגאַנגען אַ לייכט מיידל מיט ווייסע האָר, מיט אַ שטאָלצן שאַקל מיטן קאָפּ האָט זי זיך באַ-גריסט מיט מיר, און בייזערנדיק זיך אַביסל אויפן פאָטער, הלמאַי ער היט נישט אָפּ דעם רעזשים, האָט זי אים פאַרזיכטיק אַוועקגע-לייגט אויפן בעט, אונטערהויבנדיק דעם שווערן קערפּער, זאָרגעוודיק צורעכט געמאַכט אונטער אים דאָס ליילעך. אַוועקגייענדיק פון אים, האָט זי זיך אָנגעהויבן קעמען, דורכלאָזנדיק די האָר דורך אַ טונקל-ווייס קעמל.

דאָס איז אַפּנים פון זיי געוואָרן אַזוי ליכטיק און וואַרעם אין צימער. זיי האָבן צוגעגעבן עלאַסטישקייט און באַוועגונג דער נאַכט-שטילקייט.

די האָר וואַרפן זיך אונטער דעם מיידלס הענט, אַזוי ווי שוים, רייסן זיך אַרויס, פֿאַלנדיק אויף די פּלייצעס, פֿאַרפּלייצן די ברוגזצונויפֿגערוקטע ברעמען, די ווידערשפּעניקע און אויפֿציטערנדיקע ליפּן.

עס גלוסט זיך צוצוגיין צום מיידל, צונויפֿנעמען פֿון איר געזיכט, ברוסט, האַלז דאָס צאַרטע שפּינוועבס און אַ קוק טון, וואָס פֿאַר אַ קאָליר זענען ביי איר די אויגן.

איך דערהער אָבער דעם קוויטש פֿון דער אויטאָמאָביל־סירענע, — אַן אומגעדולדיקער, לאַנגער און איינגעשפּאַרטער.

איך בויג מיך אַראָפּ צו באָגאַטיריאָוון און שריי:

— פּעטער מישאַ, איך וועל פּאַרט ברענגען דעם אַרץ־צוג. כ׳וועל אים ברענגען צופֿירן!

איך לויף אַרויס פֿונם צימער און ביי דער טיר שוין, דערהער איך באָגאַטיריאָוס קול, עס הערט זיך אין דעם אומעט, צאַרטקייט און רוף.

איך קער מיך אום. ער נעמט מיך אַרום מיט ציטערנדיקע הענט, ציט זיך אַ גרויסער, און אַ וואַרעמער, מיטן קאָפּ צו מיינע ליפּן. איך שטופּ באָגאַטיריאָוון אויפֿן בעט און לויף, אויפֿכאַפּנדיק די לעצטע עצה.

— קאָנטראָליר די גומי אויף די פּלאַנצן פֿונם מאַגיסטראַלן־קראַן.

אָט דאָס דאָזיקע „קאָנטראָליר די גומי", פֿאַרפֿאָלגט מיך דעם גאַנצן וועג ביז צו דער סטאַציע טשאַיקינאָ און קלינגט אין די אויערן אין דעם מאָמענט, ווען דער פֿאַרצווייפֿלטער דיזשורנע בעט זיך ביי מיר רחמים, איך זאָל אַראָפּלאָזן דעם צוג.

עס האָט מיך באַליידיקט דעם דיזשורנעס נישט־זיכערער טאָן. מיט פֿאַרדראָס האָט אַ הילך געטון דאָס העמערל, איך האָב געגעבן אַ סיגנאַל און בין אַוועקגעפֿאָרן צוטשעפּען זיך צום צוג.

אומגעדולדיק האָב איך אויסגעפּרוּווט די טאָרמאָזן, אויף יעדן פּלאַנץ פֿונם קראַן האָב איך קאָנטראָלירט די גומי. עס האָט אַ בליץ געטון אַ געדאַנק, איך האָב אים תּיכּף פֿאַרטריבן: „אפֿשר האָט באָגאַטיריאָוו מיר דערפֿאַר געהייסן גוט קאָנטראָלירן די גומי, ווייל ער אַליין האָט דאָס פֿאַרגעסן צו טון פֿאַר דער קאַטאַסטראָפֿע?"

דער צוג איז גרייט צום אָפּפֿאָר. אָבער איך פֿאַרקע זיך נאָך אַלץ ביים אויוון און קוק גלאָט אין דער וועלט אַריין דורכן פֿענסטער. פֿון אויבן בלינצלט אַ שטערן וואַרעם און לאָקנד, ווי אַ שוואַרצאַפּל פֿון

אַ מיידל. עס ווילט זיך מיר כאָטש נאָך אויף עטלעכע מינוט אָפּציִען די נסיעה. איך געפֿין עפּעס אַן אַרבעט אינם אינסטרומענטן-קעסטל, נאָכדעם קלייב איך זיך אַראָפּצוגיין אויף דער ערד, אָבער איך כאַפּ אויף אַנדריושאַ באַריסאָווס בליק, וואָס איז פֿול מיט גלויבן און איך פֿאַרשעם זיך.

איך שפּרינג צו צום סיגנאַל און צעשריי זיך מיט דאַמף און קופּער, איבער דעם גאַנצן טאָל, איבער די בערג, איבער דער אָזערע און סטעפּ. דאָס פּייפֿן פֿונם לאָקאָמאָטיוו הויבט זיך מיט געוויין אַרויף אין הימל אַריין:

דער רעגולאַטאָר איז אויפֿגעמאַכט. מיר זענען אַוועקגעפֿאָרן.

איך האָב דערשפּירט אַ שלאַבעריקייט, עס האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז איך הויב אָן צו פֿאַלן אין אַן אומענדלעכן אָפּגרונט, שנעל, מיט אַ שאַרפֿער אָנשטרענגונג האָב איך זיך באַהערשט. ווי נאָר מיר זענען אַרויסגעפֿאָרן פֿון די סטאַציע-וועקסלערס, האָב איך פֿאַרמאַכט דעם רעגולאַטאָר. פֿונדאַנען הויבט זיך אָן דער באַרג-אַראָפּ, וואָס איז ענלעך אויף אַן אייז-באַרג.

דער צוג גייט פּאַמעלעך, קלאַפּנדיק ווייך איבער די קעפּלעך פֿון די רעלסן. מיט דער גאַנצער ברוסט, מיטן קאָפּ בין איך אין דער ראַם פֿונם לאָקאָמאָטיוו-פֿענסטער. אייז-גרויפּן קלאַפּן אין די אויגן אַריין, פֿרירן די אויערן, לאָזן נישט כאַפּן דעם אָטעם. איך קאָן זיך נישט באַהאַלטן הינטער דעם אייזערנעם שילד: מען דאַרף זען די ערד, נאָכשפּירן דעם גאַנג פֿונם צוג. ער טאָר אויף אַ האָר נישט פֿאַרשנעלערן דעם גאַנג, אַנישט איז אַלץ קאַפּוט: דער לאָקאָמאָטיוו און די וואַגאָנעס, וועלן אַזוי ווי אַ שליטעלע אַ פֿלי טון אין טאָל אַריין איבער די מיט אייז-באַדעקטע רעלסן.

די האַנט דריקט קאָנוווּלסיוו צונויף דאָס קופּער פֿון דעם לאָקאָמאָטיוו-קראַן. איך פֿיל, ווי אונטער די נעגל קלאַפּט עפּעס אַ וואַרעמס, צעגיסט זיך איבערן גאַנצן קערפּער, מאַכט הייס דאָס האַרץ, רייסט זיך אַריין אין ברוסט, לויפֿט צום האַלז און וויל זיך אַראָפּרייסן פֿון דער צונג מיט אַ געשריי, אָבער מיט דער פֿרייער האַנט קלאַפּ איך זיך אין דער גאָמבע, רייס אַראָפּ דאָס היטל, שטעל אונטער דעם קאָפּ אונטערן ווינט, אונטערן אייזיקן רעגן און ביז טרערן קוק איך זיך איין אין דער ערד. צומאָל דוכט זיך מיר, אַז איך קאָן שוין

נישט זען די זילבערנע שטענגעלעך פון די בודיקעס, אז זיי פליען צו שנעל אינם לויף פון מיין צוג.

דאָס האַרץ שטעלט זיך אָפּ, די פינגער זענען אָנגעפרוירן, זאָגן זיך אָפּ צו דינען. איך וויל אַ דריי טון דעם קראַן, פאַרהאַמעווען, דער קראַן פאָלגט נישט. עס דוכט זיך, אַז ער איז צוגעלייט, פעסט צוגעשמידט. איך גיב זיך אַ וואָרף צו אים, גיב אים אַ דריי מיט ביידע הענט, און דערפיל אַ שטויס: דער לאָקאָמאָטיוו האָט זיך אַ ריס געטון אויף צוריק. בהדרגה לאָז איך אָפּ דעם דרוק פון די טאָרמאַז-שלעסער און לאָז זיך אַראָפּ אַלץ נידעריקער און נידעריקער אין אַ טאָל אַריין.

עס ברענען שוין איבער מיין קאָפּ, ווי שטערנדלעך, די פייערן פון דער סטאַנציע טשאַיקינאָ. באַלד קומט אַ שאַרפער פאַרקערעווע, אַ טיפער באַרג-שפּאַלט, און דאָרטן אונטן נישט ווייט — די סטאַנציע און די הוטעס.

איך בין געוואָרן דרייסטער. די פּאָרזיכטיקייט האָט איצט אויס-געזען קאָמיש און איבעריק. איך האָב פאַרגעסן אין דער נעכטיקער קאַטאַסטראָפע. איך האָב אָפּגעלאָזט דעם טאָרמאַז.

דער צוג האָט אַפּנים געוואַרט אויף דעם דאָזיקן מאָמענט. ער האָט זיך מיטן גאַנצן אימפּעט אַ ריס געטון פאָרויס און זיך אַוועק-געטראָגן.

איך האָב ווידער פאַרהאַמעוועט, עס איז אָבער שוין געווען שפּעט: די רעדער האָבן זיך צעיאָגט און זיך נישט אונטערגעגעבן.

די ערד אונטערן פענסטער איז געפלויגן ווי אַ לענטע אָן אַן אָנהויב און אָן אַ סוף. איך האָב שנעל אַ קוק געטון אויף אַנדריושאַ באָריסאָוו. ער איז אַפילו איצט אויך געווען רויִק: מיט זיינע גרויסע אויגן האָט ער נאָכגעשפּירט נאָך מיינע באַוועגונגען. אונטער זיין בליק האָב איך קאַלטבלוטיקער אָנגעהויבן אַרבעטן מיטן טאָרמאַז.

— אין פענסטער קאָן מען נישט קוקן. דער ווינט בויגט אָפּ דעם קאָפּ צו דער שאַרפער אייזערנער ראַם, און ווי מיט אַ טעמפּער זעג רייסט זי מיר דעם האַלז, שניידט די אָדערן.

און די הוטע איז אַלץ נעענטער. עס דוכט זיך, אַז אירע פייערן זענען ביים סאַמע קוימען פונם לאָקאָמאָטיוו. זיי דרייען זיך, הויבן זיך אויף, און דער צוג פאַרלאַנגזאַמט אַלץ נישט זיין גאַנג. איך גלויב אָבער נישט, אַז עס וואַרט אויף מיר אַן אָפּגרונט.

קאָלטבלוטיקער, רויִקער דריי איך דעם קראַן. אָט דאָ איז די פּלאַטפאָרמע, די קרומע ליניע, און דאָרטן — דער סעמאַפאָר, די וועקסלער, די סטאַציע. דאָרטן וואַרטן אויף מיר דער דירעקטאָר און מיין טאַטנס פריינט הארבוז און דער שמעלצער קראַמאַרענקאָ. ער וועט דערציילן די הוטע־אַרבעטער, ווער עס האָט צוגעשטעלט דעם אַרץ. דאָרטן וועל איך דערזען די אויגן פונם מיידל...

שיפּענדיק מיט די אויסגעלאָדענע צילינדערס, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אויף דער סטאַציע.

איך בין אַנידערגעפאַלן אויפן בענקל און דערפילט, אַז מיינע אָדערן זענען פּוסט, אַז דאָס בלוט איז פון זיי אויסגעפּאָמפּעט ביז אַ לעק.

נאָכדעם ווי איך האָב איבערגעגעבן דעם לאָקאָמאָטיוו, בין איך אַוועקגעלאָפן צו באַגאַטיריאָוון. ער איז געלעגן ביים פענסטער מיט קישנס אונטער דער פּלייצע, זיינע אויגן זענען געווען אָנגעצונדן. דערזעענדיק מיך, האָט ער אָנגעכאַפּט מיין האַנט. אַ גאַנצן פרימאָרגן האָט ער געשוויגן, בלויז איינמאָל האָט ער זיך מיט קנאה אָנגערופן:

— אַזאַ גליק, סאַניא, טרעפט בלויז אין אַ מעשהלע.

קאַפּיטל צען

פּאַריס האָט אַ טרוקענער און אַ לאַנגער זיך אויסגעצויגן אויפן בעט. ער שלאָפט שוין צוועלף שעה און האָט זיך קיין איינמאָל נישט איבערגעקערט. זיין אָטעם כאָרכלט מיט כראָפּען און קרעכצן. איך האָב באַוויזן צו קומען פון דער אַרבעט, אויסהערן צוויי לעקציעס אין אינסטיטוט און אָט איצט בין איך געקומען צולויפן מיט איין אָטעם זיך טיילן מיט אים מיט דער גרויסער פרייד. און ער שלאָפט נאָך אַלץ.

אַלע מיינע זאָרגן וועגן באָריס געזונט זענען אָן אַ רעזולטאַט. אַלע טעג גיס איך אויס די זויער־געוואָרענע מילך. ער האָט דער צווייטער נאָך מיר אַראָפּגעלאָזט דעם אַרץ־צוג פונם באַרג. נאָכדעם האָט זיך איינגעשטעלט די נאָרמאַלע באַוועגונג.

ער ליגט אָן אָפּגעהובלעוועטער, מיט אַן אָפּגעטאָקטער נאָז, מיט אַרויסשטאַרטשענדיקע ביינער איבער די אויגן, אונטער וועלכע עס

האָבן זיך באַהאַלטן די בלוי-געוואָרענע אויגן-דעקלעך. איך דערמאָן מיך אין מיין זיידן, וואָס איז געלעגן אויסגעצויגן אויפן טיש.

אַנגסטן דריקן מיר דעם האַלז. די ליפּן ווערן טרוקן און ציטערן מיט אַ דריבנעם ציטער. איך בויג זיך אַראָפּ איבער באָריסן, שטעל זיך אויף די קני, נעם אַרום דאָס פאַרוועלקטע לייב און מיט אַ שעפּטשען פון אַ פריינט, פון אַ ברודער, וויל איך אים אויפוועקן:

— באָריא, באָריס!

ער האָט זיך איבערגעקערט אויף דער זייט, אויפגעעפנט די אויגן און קוקט אויף מיר מיט אַ פוסטן בליק. לאַנג דערקענט ער מיך נישט. איך דערלאַנג אים אַ גלאָז מילך. ער שלינגט זשעדנע און בעט נאָך. איך שטעל לעבן אים אַנידער דאָס גאַנצע פענדל, פוטער און אַ לאַבן ברויט.

ער הויבט זיך אויף, נישט אַראָפּוואַרפנדיק די קאָלדרע, אָנשפּאַרנדיק זיך מחמת שוואַכקייט אין דער וואַנט, עסט געשמאַק און ווערט אויפגעלעבטער. איך ווער דרייסטער און וויל זיך שוין טיילן מיט אים, דערציילן אים וועגן מיין גליק.

ערשט דאָ נישט לאַנג בין איך געוואָרן אַ סטודענט פון דעם אָוונט-אינסטיטוט. ביי די עקזאַמענס האָט מיר אָפּגעגליקט. די קאָמיסיע האָט געפרעגט דאָס, וואָס איך האָב געוווּסט, און מיך פאַרעכנט אויפן ליטעראַטור-פאַקולטעט. אָבער נאָך דער ערשטער לעקציע האָב איך פאַרשטאַנען, אַז די עטלעכע יאָר לערנען אין פאַבפאַכשול זענען קנאַפּ לעך פאַר דער הייגטיקער לעקציע.

בשעת דער פויזע בין איך אַוועק צו דעם דירעקטאָר אין קאַבינעט, און קוקנדיק אים אַליין אין די אויגן אַריין, אים דערציילט דעם אמת. ער האָט מיך געבעטן זיצן. מילד מיך אויסגעפרעגט וועגן מיין לעבן, וועגן מיינע עלטערן.

איך האָב אַלץ דערציילט. דער דירעקטאָר האָט געשוויגן, רייבנדיק שטאַרק מיט די לאַנגע פינגער דאָס שאַרף-פאַרשניצטע, גלאַנציקגאָלדיקע בערדל. דערנאָך האָט ער זיך אָנגעבויגן צו מיר און געזאָגט:

— באַמי זיך צו דערווייזן, אַז דו ביסט אַ העלד. האָסט פאַרשטאַנען? באַטראַכט זיך גוט. אין אינסטיטוט וועסטו פאַרבלייבן, גיי אויף די לעקציעס.

איך האָב פונסניי אויסגעפּלאַנירט מיין אַרבעטס טאָג. אַכט שעה אויפן לאָקאָמאָטיוו, מער קיין איין מינוט נישט. איך פאַרלאָז זיך אויף

מיין בריגאַדע, ווי אויך זיך אַליין. מיר האָבן צוזאַמען געקרענקט איבער אונזער מאַשין, האָבן זיך דערשלאָגן, זי זאָל אינגאַנצן געזונט ווערן, און זי אַרבעט איצט מוסטערהאַפט.

*

באָריס בעט מיך איך זאָל נישט אויסלעשן די עלעקטריע ביי-נאַכט. ביז באַגינען ליגט ער אין בעט און לייענט. גאַנץ אָפט באַמערק איך אָבער, אַז ער לייענט נישט, נאָר ער קוקט מיט די ברייט צע-עפנטע אויגן אין באַלקן. נישט רירנדיק מיט קיין אבר, קאָן ער אַזוי אָפליגן שעהנווייז. איך פרעג אים שטילערהייט:

— וועגן וואָס טראַכסטו, באָריאַ?

— אָט אַזוי זיך, פון גאָרנישט.

און נעמט זיך ווידער צום בוך, איינגנורענדיק זיך אין אַ קנויל. איך זע, אַז ער האָט ווירקלעך וועגן גאָרנישט נישט געטראַכט. ער האָט געבענקט, אָבער נישט מיט די געדאַנקען, מיטן ווילן, נאָר מיט דעם אָפגעשוואַכטן קערפער. דער ווילן ביי אים איז געווען פונקט אַזוי שטאַרק, ווי פריער. דאָס עקשנות אויך.

אין שלאָף פלעגט ער זיך קאָרטשען פון הוסטן, און דאָס מאָ-גערע לייב האָט זיך באַגאָסן מיט שוויס. אינדערפרי איז ער אויפ-געשטאַנען מיט שיכורע אויגן, מיט אַ בלוי, פאַרשוואָלן פּנים און זיך געאיילט צום לאָקאָמאָטיוו.

דאָ נישט לאַנג איז ער אויפגעשטאַנען פון געלעגער און דער-זען אויף דעם שניי-ווייסן לייוונט אַ העליש רויטע רויז. איך האָב זיך געמאַכט שלאָפנדיק. באָריס איז געשטאַנען איבערן געלעגער אַ פאַרגליווערטער. דערנאָך, ווי ער וואָלט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער מיט גרויס פאָרזיכטיקייט, מיט ציטערנדיקע הענט, צונויפגעלייגט די עקן פונעם ליילעך און דאָס צוגעטראָגן צום פענסטער. ער האָט גע-קוקט — און אַלץ נישט געגלויבט. ער האָט געריבן מיט די פינגער די פאַרגליווערטע שטיקלעך בלוט.

דאָס ליילעך איז אַרויסגעפאַלן פון די אָנמעכטיקע הענט צו די פיס, זיך צונויפגעדרייט ווי אַ שלאַנג, באַווייזנדיק אַ שטיק בלוי-טיקע וווּנד.

באָריס׳ קאָפּ האָט זיך אַראָפּגעלאָזן, די מוסקולן זענען צעקראָכן געוואָרן. ער האָט דריבנע געציטערט

איך האָב מער נישט געקאָנט איינליגן און זיך צוקוקן. עס האָט זיך געוואָלט אַ רעווע טון פון ברענענדיקן ווייטיק. איך בין אַראָפּ־געשפּרונגען, געדריקט זיינע מאָגערע, קינדיש־שמאָלע אַקסלען, זידלענ־דיק און טרייסטנדיק אים.

— באָרקאַ, באָריאַ, מנוול איינער, פּאַסקודניאַק דו פּרינציפּיע־לער! וועסט פאַרברענט ווערן אויף קויל, אַש וועט פון דיר ווערן! היילן זיך, היילן זיך דאַרף מען אין אָוואַריע־אָרדענונג!

ער האָט אויף מיר פאַרקלערט אַ קוק געטון מיט אויגן, פול טרערן און אַנגסט. ער האָט געאיילט אַ שמייכל געטון און מיט אַ פרעמד קול מיך באַרויִקט:

— ס'איז נאַרישקייטן, סאַניאַ, נאַרישקייטן!

ער האָט זיך אָנגעטון און איז אַוועק.

צומאָרגנס האָב איך פאַרן קאָמיוגישן קאָמיטעט אַוועקגעשטעלט די פראַגע וועגן באָריס קודעלעס תיכּפדיקן אָפּרוּ. איך האָב אַרויסבאַ־קומען פאַר אים אַ שיין אין אַ קוראָרט, ער האָט זיך אָבער קאַטעגאָ־ריש אָפּגעזאָגט צו פאָרן.

איך בין געקומען צו אים אויפן לאָקאָמאָטיוו. עס איז געווען די וואַכטע פון דעם מאַשיניסט פאַראַמאָנאָוו. באָריס האָט זיך געפּאָ־רעט ביי אַ פונאַנדערגענומענעם אייל־גיסער, אים דורכגעוואַשן מיט נאַפט, מיט די נעגל אַרויסגעקראַצט דעם שמוץ. ער האָט אויפן אייזן געלייגט דעם ניקלירטן אינסטרומענט, פאַרזיכטיק, אַזוי ווי קרישטאָל, מורא האָבנדיק אים חלילה צעקראַצן. איך בין געשטאַנען הינטער אים און געטראַכט:

„אָט ברענט ער אויפן לאָקאָמאָטיוו, היט אים אָפּ ווי דאָס אויג אין קאָפּ, גיט אים אַוועק זיין גאַנץ לייב און לעבן, און אויף דער סאַמע בעסטער, טייערסטער מאַשין — זיין קערפּער קוקט ער זיך אַפילו נישט אום. ווי אַ שעדיקער מאַכט ער אַ תל און ברענגט אום די בעסטע טיילן אירע. און האַלט נאָך, אַז ער איז פולקום גערעכט".

עס האָט מיך אויפגעבראַכט. איך האָב אַ שליידער געטון די אינסטרומענטן, אַ כאַפּ געטון באָריסן פאַר דער האַנט און אים באַפוילן, ער זאָל גיין מיט מיר. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין דער טיר, גראָב מיך אויסגעזידלט און צום ערשטן מאָל אויפגעהויבן אויף מיר די האַנט.

מיר האָבן זיך ענדגילטיק צעקריגט. איך האָב צוגעזאָגט דורכ-צופירן איבער אים אַ מוסטער-געריכט.

אינדערפרי האָט ער פאַרגעסן די באַליידיקונג. ער האָט מיך אַוועקגעשלעפּט אין דעפּאָ-קאַנטאָר און מיר באַוויזן די וואַנט-צייטונג, פּלאַקאַטן, די באַריכט-ברעט. איך האָב אומעטום געזען, אַז באַריס׳ לאָקאָמאָטיוו, וואָס האָט נאָך צוריק מיט צוויי חדשים אויסגעפּילט זעכציק פּראָצענט פונם טראַנספּאָרט-פּלאַן, פּילט איצט אויס הונדערט פיר פּראָצענט. ער האָט אַרויסגערופן אויף געוועט פינף מאַשינעס פון זיין באַצירק.

באַריס האָט שווייגנדיק אָנגעצייכנט אויף דער ברעט די סכעמע, אויף וועלכער די עקן פון אַלע געפּלאָנטערטע ליניעס זענען זיך צונויפגעקומען צום צענטער, וואָס איז באַצייכנט געווען מיט אַ רינ-געלע. אין מיטן איז געשטאַנען דער נומער פון באַריס׳ לאָקאָמאָטיוו.

ער איז אָפּגעגאַנגען אין אַ זייט און געוואַרט, ביז איך וועל פאַרשטיין די באַדייטונג פון די ליניעס.

גייענדיק צוריק אַהיים, האָט ער הייס איינגעטענהט מיט מיר:

— סאַניאַ, דו פאַרשטיי, אַז מיר זענען אַסך, מיט יעדן טאָג וואַקסן אַלץ נייע און שטאַרקע בויער, מיר זענען אָבער נאָך אָרעם. מיר פאַרמאָגן אַ הייס האַרץ, אַ הייסע ענערגיע, אָבער מאַשינעס האָבן מיר ווייניק. מיר מוזן דעריבער געבן וואָס-מער, נישט שאַנע-ווענדיק זיך. און דו ווילסט עס בשום-אופן נישט פאַרשטיין.

אויפגעבראַכט, שריי איך היסטעריש:

— ביסט אַ בלינדער, אַ טעמפּער מוח! מאַשינעס זענען דאָ ווייניק. אין מאַגניטבוי זענען דאָ ווייניק מאַשינעס? דאָס גאַנצע צאַרישע רוסלאַנד האָט דאָך נישט געזען אַזאַ טעכניק!

און מיר האָבן זיך ווידער צעקריגט. און איצט שוין אויף שטענדיק. דאָס גאַנצע לעבן וועט מיר באַנג טון, וואָס מיר זענען זיך צעגאַנגען, ווי פרעמדע, כמעט האַסנדיק איינער דעם צווייטן.

קאַפּיטל עלף

מיין טאָג שטעלט זיך פינף אַזייגער פאַרטאָג. דער קליינער וועקזייגער רייסט מיך אויף פונם געלעגער מיט זיין צאַרטן און עקשנותדיקן קלינגען. עס ציטערט נאָך דאָס איבערגעקערטע מעטאַלענע טעצעלע אויפן זייגער פון די קלעפּ, און איך בין שוין אויפגעשטאַנען.

מיט אַ נאַסן טוך רייב איך איין דעם פּאַרקעט, לופטער אויס דאָס בעטגעוואַנט, פאַרבעט דאָס בעט, פּליעסקע זיך אין דער וואַנע, וואָס איז איבערפולט מיט קילקייט און מונטערקייט און הויב אָן צו מאַכן גימנאַסטיק.

איך טרינק אויס אַ גלאָז קאַלטע קאַווע, וואָס איך האָב נאָך נעכטן צוגעגרייט, און גיי צו דער אַרבעט.

אונזער שטאָט ליגט באַהאַלטן אין די בערג. פון די גאַזן און רויך פון די זאַוואָדן איז זי אַנטלאָפן עטלעכע קילאָמעטער אַנטקעגן דעם באַרג-ווינט און פעלזן-שויץ.

אויפן זאַוואָד גיי איך צופוס. איך האָב ליב אָט די לאַנגע שפּאַצירן. איך טראַכט וועגן דעם מיידל, וועמענס האָר עס שמעקן מיט סטעפּ, וועגן די האַלב-אָפענע ליפּן, וועגן הייסן לייב, אין וועלכן מען קאָן אָנצינדן דאָס טרוקענע גראָז.

איך גיי לעבן די שלאָסערס, שמעלצערס, דרעקסלערס, און זע לויט זייערע שפּאַנען, לויט דעם ווי זיי האַלטן די קעפּ, אַז זיי טרוימען אויך.

פון פאָרנט גייט אַ מיידל אין אַ טיכל. עס איז איר דושנע. זי רייסט אַראָפּ דאָס טיכל, וואַרפט אונטער די געדיכטע, שווערע האָר, קוקט זיך אום און שמייכלט צו מיר.

מיר גייען אַקסל צו אַקסל. מיר יאָגן איבער די באַבערדלטע טעסלער אין די ספּעץ-קליידער, וואָס שמעקן מיט האָלץ, די שמעלצער, די שלאָסערס אין שוואַרצע קאָמבינעזאָנען. מען טרעט אונז אָפּ דעם וועג, און איך זע, ווי די טריט פון די בערדיקע ווערן לייכטער צון שנעלער.

איינער פון זיי זאָגט מיט אַ געלעכטערל:

— נעם זי אַרום, בחורעץ!

אויף די שטעגעלעך, וואָס האָקן איבער איינס דאָס אַנדערע, האָט דאָס מיידל אַרויפגעלייגט אירע הענט אויף מיין ברוסט, צאַרט זי אָנגעוואַרעמט מיט די דלאָניעס, זיך אַ שעפּטשע געטון מיט די הייכע, עטוואָס קילע ליפּן מיט מיינע אויגן און איז אַוועק אין דרעקסלער־צעך. און איך גיי צום לאָקאָמאָטיוו פירן צעשמאָלצענעם טשוהון.

מיין געהילף אַנדריושאַ באַריסאָוו איז שוין ביי דער מאַשין און וואַרט אויף מיר. מיר הויבן אָן איבערצונעמען די וואַכטע. איך קלאַפּ אויס די מינדסטע דעטאַל, טאַפּ אויס יעדן מעכאַניזם, אייפערדיק קאָנ־טראָליר איך די אַרבעט. ביז די זון גייט־אויף, באַווייז איך מיט אַנ־דריושאַן אָפּצוּוואַשן דעם מאַזוט פון די רעדער, דעם שמוץ, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן פאַר דער נאַכט, אויף טרוקן אָפּווישן אַלע ווייסע טיילן, אָפּשייערן דעם קופּער, אומקערן די פרישקייט דעם גלאַנציקן לאַקיר אויף די זייטן פונם לאָקאָמאָטיוו.

און איצט שטייט ער אַ בלאַקענדיקער, ווי ערשט פונם זאַוואָד אַרויס, אַן אָנגעבויגענער, נאָר אַ שפּרונג צו טון, אַ שיינער און אַ שטאָלצער.

מיין גאַנצע וואַכטע פיר איך טשוהון—טויזנטער, צענדליקער טויזנ־טער פוד. זיבן שעה האַלט איך די אויגן ברייט־צעעפנט, אָנגעשטרענגט. איך מוז אָן אויפהער נאָכשפּירן נאָך דעם טשוהון־וואַסערפאַל. אַ גריי־טער, אין פאַל פון אַן אַוואַריע, זיך אַ וואָרף טון לויטן ערשטן אַליאַרם־סיגנאַל פונם מייסטער אין דעם פייער־שטורעם צוראַטעווען דעם צע־שמאָלצענעם טשוהון.

זיבן שעה הער איך דעם הוראַגאַן־געווירבל און די ריזיקע אַפּאַ־ראַטן פון די הויטעס.

און נאָך די זיבן שעה געבן מיר, איך און אַנדריושאַ, איבער דעם לאָקאָמאָטיוו דער צווייטער בריגאַדע און קריכן אַראָפּ אויף דער ערד, עטוואָס וואַקלענדיק זיך. באַריסאָוו געזעגנט זיך שנעל און איילט אויף די אָוונט־קורסן פון די מאַשיניסטן, און איך גיי אַהיים.

דער קאָפּ דרייט זיך אַביסל. עס גלוסט זיך אַביסל צוזעצן אויף דער טרוקענער ערד.

אינדערהיים טו איך אויס דעם אַרבעט־קאָסטיום. און אין איינע באַד־הייזלעך לאָז איך זיך אַראָפּ איבער די הויכע בערגלעך צו דער אָזערע און טרעף אַלע מיינע באַליבטע ערטער באַזעצט. אויסגעבאַדן

זיך, בעט איך קראַמאַרענקאָס ברוינע פּלייצע, זיך אַביסל אַ רוק טון און באַדעק מיין לייב מיט זון.

איך שפּיר, ווי מיין מידקייט פאַרשווינדט ווי רויך.

די האָר האָבן נאָך נישט באַוויזן זיך אָפּצוטרוקענען, און איך גיי שוין איבער די קאָרידאָרן פון דעם אָוונט-אינסטיטוט. איך טרעף לענאַ באָגאַטיריאָוואַ.

זי האָט זיך פאַרקוקט אויף אַ גרויסן און שווערן טראָפּן אין מיינע האָר און שטרעקט פאַרזיכטיק אירע פינגער, זי וויל אים כאַפּן. אירע ליפּן, אַזעלכע ווייכע און גוטע, זענען אָפן און רייצן מיט דער מילך-ווייסקייט פון אירע ציין, און די אויגן שיטן מיט שטילן געלעכטער און כלומרשטער שעמעוודיקייט.

אויף די לעקציעס זיצן מיר איינס לעבן אַנדערן. איך האָב נישט קיין פאַראיבל, וואָס לענאָס ליפּן זענען געוואָרן טרוקן, פאַרבאַהאַלטן די ציין, אירע אויגן זענען געוואָרן האַרט, טיף און אַביסל פרעמד.

בשעת דער פויזע זינגט אונזער גאַנצער אָפּטייל ביי די אָפענע פענסטער פונם אינסטיטוט.

די קילע אָוונטן טראָגן אַוועק אונזער געזאַנג אין די באַרג-שפּאַלטן, אויף דער אָזערע, צו דער לאַנגע פונם זאַוואָד. עס קומט צוריק צופליען, אַ געכפּלטע מיט די הויכע זינגערייען פון די מיידלעך אויף די בערגלעך, מיט די הייסע כוואַליעס פון געשרייען פון די שיפלעך און קאַיאַקן אויף דער אָזערע.

נאָך די קורסן גיי איך מיט לענאַן צו איר אַהיים זיך לערנען.

דורכן אָפענעם פענסטער קוקט אַריין די בלויע און טויזנט-אוי-גיקע נאַכט, זי דראַפּעט זיך אין די פענסטער מיט די ווייכע צווייגן פון דעם יונגן טאָפּאָל, ווינקט מיט די שטערן.

לענאַ דרייט זיך אויס מיט דער פּלייצע צום פענסטער, באַמיט זיך, וואָס נעענטער זיך צוריקן צום ווייסן קיילעכדיקן לאָמפּ און רייבט מיד די לאַנגע ברעמען.

דער אָוונט איז אַריין אין צימער, זיך געלייגט אויף די ביכער, פאַרקלערט אַ מיש געטון די בלעטלעך, זיך פאַרקליבן אין יעדן ווינקל און געוואַרט — אַזאַ שטילער, הכנעהדיקער און לאַקנדיקער.

לענאַ האָט פאַרמאַכט דאָס בוך, אַוועקגעלייגט אַ שאָטן פון די פינקלדיקע ווימפּערן אויף די אָפּגעברוינטע, נוס-קאָלירנדיקע באַקן-ביינער, און שעמעוודיק אַ פרעג געטון:

— אפשר גענוג אויף היינט? האַ?

איך האָב אַראָפּגעלאָזט דאָס בוך אויף די קני, קוק אויף דעם מיידל, נישט באַהאַלטנדיק דאָס חוזקל. מיר האָבן דאָך געהאַט אָפּגע-מאַכט, מיר זאָלן זיך נישט לאָזן פאַרפירן פון די אָוונטן. דאָס מיידל הויבט אָבער נישט אויף אירע ווימפּערן, און איך אייל מיט מיין ענטפער:

— געוויס גענוג, לענאַ? האַ?

מיר לאַכן, און אַרומנעמענדיק זיך, גייען מיר דורך דעם צווייטן צימער, פאַרביי מאַריאַ גריגאָריעוונאַ. זי זיצט איבער פאַפּירן.

מאַריאַ גריגאָריעוונאַ באַגלייט אונז ביז אויף יענער זייט טיר. מיר גייען אַוועק, צונויפגעפּרעסט אין איין לייב, צו דער אָזערע, און זי שטייט נאָך אויפן גאַניקל, קוקט זיך איין אין דער געדיכטער בלויקייט.

קאַפּיטל צוועלף

איבער מיר — אַ ווייס פעלד אָן איין פלעקעלע און אָן איין שטרי-כעלע. עס איז הייס אין אָט דער מדבר, ס'איז דושנע, אוממעגלעך צו אָטעמען. איך וויל צעפּליקן אויף פּיצלעך דאָס דאָזיקע ריזיקע ליילעך, וואָס הענגט איבער מיינע אויגן. איך האָב זיך אַ וואָרף געטון מיט דעם געפּאַנגענעם קערפּער און דערפילט אַ ווייטיק. די הענט און די פיס זענען געשמידט אין אייזן. ווו בין איך? אינגאַנצן בין איך איין גראָדע ליניע, וואָס איז צונויפגעדריקט צווישן צוויי שטאָלערנע ברעטער. נו, זאָגט שוין ווער, ווו בין איך?

איך עפן די אויגן און זע אַ ווייסן באַלקן, פיל ווארעמקייט אויף מיינע אַקסל, אויפן שטערן, האָר, אויף דער ברוסט. איך אָטעם נישט.

איך האָב מורא זיך ווידער צו פאַרלירן אין דעם מדבר, איך שאַר מיך צו דער וואַרעמקייט און געפין אַ האַנט, אַ צווייטע, אַ דריטע, פינגער, נעגל.

דאָס ליילעך איז אינגאַנצן אַראָפּגעפאַלן פון די אויגן, און איך באַגעגן זיך מיט קעפּ אַראָפּגעבויגענע איבער מיר, מיט באָגאַטיריאָווס, מאַריא גריגאָריעוונאַס, לענאַס און מיין געהילף אַנדריושאַ באַרי-סאָווס קעפּ.

איך וויל אַ געשריי טון פון פרייד, אָבער מאָדנע: אַנשטאָט אַ

שטימע—אַ כאָרכלענדיקער זיפץ. איך בעט, זיי זאָלן נישט אַוועקנעמען פון מיר זייערע הענט, זיי זאָלן אויף שטענדיק לאָזן די וואַרעמקייט. מיר דוכט זיך, אַז עס געפעלט זיי נישט מיין בקשה, זיי ווילן אַוועקגיין. שרעקלעך צו בלייבן איינער אַליין. איך הויב אויף דעם קאָפּ, כאַפּ זיי ביי די קליידער, ביי די רעקלעך, וויל זיי פאַרהאַלטן און הער מאַריא גריגאָריעווונאַס אומרויִק קול:

— וואָס טוסטו, משוגענער, לאָז, וועסט זיך נאָך צעשיטן.

איך באַטאַפּ די הענט און די פיס. זיי ליגן אין הילצערנע שטעקנס. ברעטלעך. איך זע באַנדאַזשן מיט טונקעלע פלעקן און הויב אָן צו פאַרשטיין, ווו איך בין דאָס אַזאַ לאַנגע צייט פאַרפאַלן געוואָרן.

...דאָס איז געשען שוין לאַנג, זייער לאַנג. עס איז געווען ביינאַכט. די הוטעס האָבן גערוישט. איך בין מיט מיין לאָקאָמאָטיוו געשטאַנען אונטער די קאַנען. עס האָט זיך אין זיי מיט צווייוואַסערפאַלן געגאָסן טשוהון-שטראָמען און פאַרגאָסן דעם ווייטן אוראַלער הימל מיט שרפה פון מאָרגנשטערן, און איך האָב געקוקט אויף די ברענענדיקע וואָלקנס און געטראַכט, אַז דאָס גאַנצע לאַנד, די גאַנצע וועלט דאַרף איצט זען די לאַנגע פון אונזער טשוהון-שמעלץ.

די אַרבעט איז אין דער דאָזיקער נאַכט געווען אַ הייסע. יעדע רגע איז טייער. דעם טשוהון-צוג האָט מען גע׳פּירט צו די גיס-מאַשינעס אין משך פון אַכט מינוט. אַלע זעקס מאַשינעס האָבן געאַרבעט ווי אַ זייגער.

אין די קאַנען זענען געפאַלן די לעצטע טונקל-רויטע טראָפּנס פונם רעשט טשוהון. דער לאָקאָמאָטיוו האָט זיך צוגעטשעפּעט צום צוג, און איך בין אַוועקגעפאָרן, האָפנדיק ביז צו דער וואַכטע נאָך איינמאָל קומען אין דער הוטע.

עס איז שוין געווען פאַרבאַגינען. פון דער אָזערע האָט זיך אויפגעהויבן אַ נעפּל און מיט וואַטע שטיקער געלעגן אויף דער באַןליניע. לויט די טעכנישע כללים דאַרף איך אין אַזאַ וועטער פאָרן מיט שילדקרעט-טריט. איך ווייס דאָס. נאָר צי מעג איך פאַרברעכעריש אומברענגען די טייערע צייט? די הוטעס פאָדערן שנעלקייט, זיי וואַרטן אויף די קאַנען.

יעדער מעטער וועג איז אויסגעפאַרשט. איך בין געפאָרן מיט דער זעלביקער שנעלקייט, האַלטנדיק אין איין צערייסן דעם נעפּל מיט די הויכע סיגנאַלן. מיטאַמאָל דערפיל איך, אַז דער לאָקאָמאָטיוו

האָט אָן מיין ווילן אָנגעהויבן שנעלער גיין, פאַרלייכטערט אָטעמען מיטן אַטמאָספער קוימען.

אַ באַרג-אַראָפּ? ניין, עס קאָן נישט זיין, דאָ פאַרנעמט זיך אַ קרומע ליניע און אַ באַרג-אַרויף. דער צוג האָט זיך אָפּגעריסן. נו, געוויס—אָפּגעריסן. איך האָב זיך געכאַפּט, אָבער עס איז שוין געווען שפּעט.

אויף דעם לאָקאָמאָטיוו האָבן זיך מיט הילך און קנאַק אַ וואַגער געטון גאַנצע בערג. דער טענדער האָט גענומען פליען ווי אַ קויל. און דער לאָקאָמאָטיוו האָט, ווי אַ שטיין זיך גענומען קייקלען פונם באַרג-אַרויף, וואָס האָט זיך דאָרט אָנגעהויבן.

עס האָט מיך אַ שליידער געטון אויפן דיל, מיך פאַרשיט מיט קוילן, מיט שטיקלעך גלאָז פונם צעבראָכענעם לאָמטערן. אין קאָפּ,ביים שטערן עגבערט, דוכט זיך, עמעצער מיט אַ שטיק אייזן. איך זוך דעם טאָרמאַז און קאָן אין דער פינסטער בשום-אופן נישט געפונען דאָס אָפּגעפּאָלירטע הענטל. איך שריי צו דעם געהילף אַנדריושאַן:

— אַנדריושאַ, פּאָמפּע אָן וואַסער, שפּרונג אַראָפּ.

פאָרויס זענען די פונאַנדערגיס-מאַשינעס. ווייטער גייען נישט די וועגן. באַלד וועלן מיר אַראָפּקלאַפּן די קאַנען פון אונטער דעם אָנגוס, מיר וועלן צעבייגן די ניילן, די פערמעס, מירן אָפּשטעלן אויף אַסך טעג די אַרבעט פון די פונאַנדערגיס-מאַשינעס.

באָריסאָוו שווייגט, איך גראַבל מיט די נעגל דאָס אייזן, קלאַמער זיך אין די נעט, אין די ניטן, אין קאַרניז — דער טאָרמאַז איז נישטאָ. פון אונטער די נעגל טריפט עפּעס אַ וואַרעמס און אַ קלעפּיקס. ענדלעך בריט די דלאָניע דאָס קופּער פונם טאָרמאַז. איך מאַך די לעצטע אָנשטרענגונג און פאַרטאָרמאַזיר.

אָבער ווי אַזוי האָט דאָס געקאָנט געשען? מיין צוג האָט אַן אויטאָמאַטישע צונויפקייטלונג, וואָס איז די בעסטע און זיכערסטע אויף דער וועלט.

און איצט דערמאָנענדיק זיך אָן דעם, פרעג איך ביי די קעפּ, וואָס האָבן זיך איבער מיר אָנגעבויגן:

— ווי אַזוי-זשע איז דאָס געשען?

אַנדריושא באָריסאָוו האָט אויפגעהערט צו שמייכלען, האָט זיך אָנגעכמורעט און געזאָגט:

— ריבאַ האָט אינמיטן גאַנג אָפּגעקייטלט, ס'זאָל זיין אַ קאַטאַסטראָפע...

— ריבאַ? ר—י—י—ב—אַ?

— ווער וואָס-גיכער געזונט, סאַניא. מען וועט אים משפטן. מען וואַרט אויף דיר. דו ביסט דער הויפּט-עדות.

אַזוי, הייסט עס, אַז איך בין נישט שולדיק אין דער קאַטאַסטראָפע...

— און ווו איז באַריאַ? ביי דער אַרבעט? ער האָט אַלץ קיין צייט נישט, האַ?

די קעפּ לאָזן זיך אַראָפּ. מען קוקט אין אַ זייט. שאַ-שטיל.

מאַריא גריגאָריעוונא האָט זיך גענומען ראַשן: ווי אַ פּיצל קינד פאַרמאַכט זי מיר דאָס מויל מיט אַ רויטן עפּל.

...ערשט אין צוויי וואָכן אַרום. האָב איך זיך אינגאַנצן צעשיידט מיט דעם שפּיטאָל-בעטל. די ביין-ברוכן האָבן זיך צונויפגעוואַקסן, די ווונדן און קלעפּ פאַרהיילט. אָפּזאָגנדיק זיך פון אַ באַגלייטער, בין איך צופוס אַוועק אַהיים. עס האָט זיך מיר געוואָלט איבעראַשן און דערפרייען באַריסן.

איך האָב געטראַכט, אַז ווי נאָר איך וועל אַריינקומען אין צימער, וועלן מיר זיך אַרומנעמען, אַז די ביינער וועלן אַזש קנאַקן, און דערנאָך וועלן מיר זיך זעצן אויפן בעט און דערמאָנען אין דער טייגע, אינם ווייסן הויז, די באַגריוועטע לייבן און אונזער גרויסע פריינטשאַפט.

מיט פאַרדראָס האָב איך זיך אָפּגעשטעלט ביי דער פאַרמאַכטער טיר. „ער קאָן זיך שוין ווידער נישט צעשיידן מיטן לאָקאָמאָטיוו". איך פרעג ביי די שכנים, צי באָריס איז שוין לאַנג געווען אינדערהיים? עס איז אַרויסגעקומען אַ דאַרינקע פרוי מיט וואַסערדיקע אויגן, פאַרחידושט אַ קוק געטון אויף מיר און אַ שעפּטשע געטון, אומקוקנדיק זיך אין אַלע זייטן:

— ער איז נישטאָ, שוין לאַנג נישטאָ, מען האָט אים אַוועקגעטראָגן.

איך ליג לאַנג, צייל נישט די שעהן. אין דעם אָנקומענדיקן דעמער זע איך די הוילע ריפּן פונם בעט, אויף דער שאַראַגע הענגט פאַרוואונדערט באָריס קורטקע מיט גלאַנציקן שוואַרצן פוטער, וואָס האָט אַזוי געפּאַסט צו זיינע האָר. עס איז דושנע. איך קאָן מער נישט בלייבן

אין דעם דאָזיקן צימער, ווו אַלץ אָטעמט נאָך מיט אים. איך גיי צום טייך, בלאָנקע אַרום איבער דעם הויכן ברעג און הער דאָס באַקאַנטע פּאַרגייען זיך פון זיין לאָקאָמאָטיוו. איך גיי אויפן רוף.

איך בין גרייט צו טרעפן דעם לאָקאָמאָטיוו אַ שמוציקן, אַן אָפּגעלאָזענעם. ניין, ער איז פּונקט אַזאַ, ווי ביי באָריסן: עס גלאַנצט דער קעסל, עס ברענען די אָפּגעשייערטע טיילן. איך קאָן מער נישט אויסהאַלטן, כ'גיי וואָס-שנעלער צו מענטשן, כדי זיך צו באַפרייען פונם איבל און פון דער כריפּעניש אין האַלז.

איך באַגעגן באָגאַטיריאָוון: ער איז דאָ נישט לאַנג אויסגעקליבן געוואָרן אַלס סעקרעטאַר פונם פּאַרטיי-קעמערל.

באָגאַטיריאָוו שמייכלט פאַרדעכטיק און פירט מיך צו צום גרויסן פּלאַקאַט, וואָס הענגט אויף דער דעפּאָ-וואַנט. איך לייען די מעטער-לאַנגע אותיות:

הײַנט, 8 אויגוסט
גיט מען איבער אין דער פּאַרטיי
דעם מאַשיניסט פונם לאָקאָמאָטיוו נומער 100
אַלעקסאַנדער גאַלאַד.

...אויף דער פאַרזאַמלונג איז געקומען מיין גאַנצע בריגאַדע און אַלע באַלעבאַטים פון די זעקס אויסלענדישע לאָקאָמאָטיוון.

באָגאַטיריאָוו שטייט הינטער דעם לאַנגן טיש, קוקט איבער די ברילן אויף דער פאַרזאַמלונג. פּאָכענדיק מיט מיין מעלדונג און רעדט:

— אָט, חברים, נעמען מיר אַריין אין די לעניניסטישע רייען דעם מאַשיניסט גאַלאַד, אָבער אין זיין ביאָגראַפיע ווערט דערציילט, אַז ער איז געווען אַ גנבֿ, ער האָט געשמעקט קאָקאַין. ווי-זשע דאַרפן מיר האַנדלען?

לאַנג שווייגט די פאַרזאַמלונג, קוקט אַראָפּ צו די פיס.

אין דעם אָפענעם פענסטער רייסן זיך אַריין די געשרייען פון די לאָקאָמאָטיוון. דער ווינט פּאַטשט מיטן ברעג פונם פּלאַקאַט, און ער פלאַטערט מיט דעם אונטערגעהאַקטן פליגל. די מענטשן זענען צופרידן, וואָס עס האָט זיך געפונען עפּעס אַזוינס, צוואָס מען קאָן אָפּווענדן דעם צעטומלטן בליק.

אַנטשלאָסן האָט זיך אויפגעהויבן דער מאַשיניסט האַרקושאַ, ער איז צוגעגאַנגען צום טיש, פאַרקנעפּלט אויף אַלע קנעפּלעך דעם מונ-

דיר, אַקוראַט אַוועקגעלייגט דאָס היטל אויפֿן ברעג פֿון דער באַנק, אַ גלעט־געטון די זילבערנע האָר און אָנגעהויבן, נישט געאײַלט:

— שוין פֿופֿצן יאָר פֿיר איך אָן מיט די סאָוועטישע לאָקאָמאָ־טיוון. און אויף דער מאַשין בין איך שוין פֿערציק מיט אַ שמיצל. דרייסיק יאָר, חברים, האָב איך אויך געגנבעט. אין דעפּאָ — אַ קו־פּערנעם קראַן, אַ רינגעלע, אַ פֿלאַנקעלע — אַלץ פֿלעג איך שלעפּן, און דערנאָך אין מאַרק דאָס פֿאַרטאַכלעווען. פֿונם לאָקאָמאָטיוו האָב איך אויך האָלץ און קוילן געשלעפּט צו זיך אַהיים איינצוהייצן און אויך פֿאַר פֿרעמדע פֿאַר געלט. און עס איז גאָר קיין חרפּה נישט געווען. פּאַרוואָס־זשע איז דאָס, האַ? דערפֿאַר, טײַערינקע מײַנע, ווײַל איך בין געווען הונגעריק. איך האָב געהאַט אַ געזינדל, און די אײַזנ־באַן־פֿאַרוואַלטונג האָט געצאָלט גראָשנס, און דערצו נאָך פֿאַר דער קאַזיאָנער דירה, פֿאַר וואַסער, פֿאַר ליכט אָפּגערעכנט. אַנו, זאָגט מיר, ווער פֿון אײַך וועט דאָס וואַגן צו באַשולדיקן מיך פֿאַר מײַנע אַמאָליקע גנבֿות? איז פּאַרוואָס־זשע גנבֿע איך איצט נישט. נו, דאָס איז שוין קלאָר פֿאַר יעדן מינדסטן שילער, זיך אַליין באַרויבט מען נישט. סאַניאַ, דערצייל זיי, גיב זיי צו פֿאַרשטיין אַט אַזוי, ווי איך.

האַרקושעס אָרט פֿאַרנעמט מײַן אומבייטער, דער מאַשיניסט פּיאָדאָראָוו.

— כאָטש איך בין אַן אומפּאַרטייאישער, מוז איך אָבער זאָגן, אַז איך קאָן סאַנקאַן שוין איבער אַ יאָר, און מוז צוגעבן, אַז עס קומט מיר אויס מקנא צו זײַן זײַן זשעדנעקייט צו דער מאַשין. די מאַשין איז בײַ אים טײַערער, ווי דאָס אויג אין קאָפּ. אויף דער בריגאַדע־פֿאַרזאַמלונג האָבן מיר אין פּראָטאָקאָל פֿאַרשריבן, אַז דער גאַנצער קאָלעקטיוו איז ערבֿ דער פּאַרטיי פֿאַר סאַנקאַן.

מיט אויפֿרעגונג דערציילט אַנדריושאַ באָריסאָוו דער פֿאַרזאַמלונג:

— געווען בין איך, חברים, אַ פֿאַרגרעבטער ערדגרעבער, און איצט גרייט איך זיך אָפּגעבן עקזאַמען אַלס מאַשיניסט. און אַלץ האָב איך צו פֿאַרדאַנקען סאַנקאַן, ער האָט דאָס מיך אויסגעלערנט.

נישט צודעקנדיק דעם גרויען קאָפּ, האָט דער מאַשיניסט האַר־קושאַ איבערגעשלאָגן באָריסאָוון, אויסשטרעקנדיק די האַנט:

— דער גאַנצער עולם אונזערער שיקט דיך, סאַנקאַ, אין קעמערל אַרײַן. שפּאַן!

עס גייט נאָך צו צום טיש דער סעקרעטאַר פֿונם קאָמיוג־קאָמי־

טעט, דער דעפּאָ-אָנפירער, אַ מאַשיניסט, געהילפן. ענדלעך שלאָגט באַגאַטיריאָוו אַלעמען איבער:

— חברים, מיר האָבן געשיקט אַן אָנפראַגע אין דער קאָמונע, ווו סאַנקאַ האָט זיך דערצויגן. מען האָט געענטפערט. צי זאָל איך עס איבערלייענען?

די פאַרזאַמלונג איז שטיל געוואָרן. איך זע, ווי יעדער טראַכט זיך: „און וואָס שרייבן זיי? צי האָבן מיר זיך נישט טועה געווען מיט אונזערע לויב-געזאַנגען?" דערנאָך דערהערט זיך עמעצנס אַ איי-ליקע שטים:

— לייען!

באַגאַטיריאָוו האָט אַראָפּגערוקט דיברילן אויף דער שפּיץ נאָז און אָנגעהויבן צו לייענען דעם בריוו פון דער טייגע:

„...אויסגעוואַקסן איז ביי אונז סאַנקאַ, און מיט שטאָלץ רעדן מיר וועגן אונזער קאָמונאַר. אין דעם רויטן ווינקל האָבן מיר אָרגאַ-ניזירט אַן אויסשטעלונג פון פאָטאָגראַפיע-אויסשניטן פון די צענטראַלע צייטונגען און זשורנאַלן, וועלכע האָבן געשריבן וועגן דעם מאַגניטאָ-גאָרסקער העלד. אַלע אויספלוגן האָבן מיר דערציילט, אַז סאַנקאַן האָבן מיר דערצויגן. אין דער קאָמונע איז איצט פאַראַן אַ קעמערל. אין דעם גייען אַריין אַכטאונדרייסיק פאַרטיי-מיטגלידער און קאַנדידאַטן. מיר לייגן דאָ ביי די נומערן פון די פאַרטבילעטן מיט אַן ערבות פאַר סאַנקאַן. עס איז אויך ערב אונזער אָנפירער — דער רויטפאָנלער חבר קוסקאָ, פאַרטיי-מיטגליד זינט 1904 יאָר".

באַגאַטיריאָוו האָט נישט געוווּסט ווו אַהינצוטון זיינע ברילן. ער האָט זיי געדרייט אין די פינגער, אָנגעטון אויף די אויערן, באַ-הויכט די גלעזלעך.

עמעצער האָט נישט אויסגעהאַלטן און אַ געשריי געטון:

— שטים אָפּ!

●

...יעדן פרייען טאָג באַקום איך מיט לענאַן אין פּראָפּקאָם אַן איינטאָגיקן שיין אין אַ סאַנאַטאָריע אַריין, וואָס איז באַהאַלטן אין די בערג אויפן ברעג פון דער הייסער אָזיערע, אין אַ פאַרשיכורטן סאָסנע-וואַלד.

מיר שפּאַנען ביידע איבערן סטעפּ, און דער טוי קושט מיט קאַלטע טרערן אונזערע ליפּן, וואָס זענען שווער פון צערטלעניש.

לענאַ נעמט אַרום מיין קאָפּ, און דורך דעם דינעם געוועב פּיל איך איר הייס לייב — אַן אָנגעגליט שטיק קופּער.

— פריינט מיינער, טייער לעבן מיינס!

— איך האָב דיך ליב, לענאַ!

די געבורט פון דער זון באַגעגענען מיר אויף אונזער פעלז. דאָ לערנט מיך לענאַ אַראָפּפליען, ווי אַ פויגל, אין דער אָזערע אַריין, וואָס איז באַהויכט מיט אַ בלויען נעפּל.

— ביז קאָנוווּלסיע דריק צונויף אַלע מוסקולן, מאַך דאָס לייב ווי אַ שטיין האַרט און דעמאָלט פלי. נו...

איך נעם אין די הענט אַריין די פלומרשטע טראַפּעציע, און לויט לענאַס קאָמאַנדע פלי איך אַראָפּ. איך זע אין דעם וואַסער, וואָס פליט אויף מיר, שטיקלעך הימל און באַרג, וואָס יאָגן איבער מיין שפּרונג, און ביים סאַמע ברעג—אַנדריושאַ באַריסאָוון און דעם פעטער מושאַן. זייערע הענט זענען פול מיטן זילבערנעם צאַפּל פון קאַרעסן.

איך האָב צעריסן דאָס וואַסער, און די אָזערע האָט אויפגעדעקט איר טיפעניש, מאַכנדיק מיר אַ וואַרע. פונם פעלז פאָכט צו מיר לענאַ מיטן טיכעלע. די פישערס האָבן אָוועקגעוואָרפן די ווענדקעס און שרייען עפּעס.

מסתמא פרייען זיי זיך צוזאַמען מיט לענאַן איבער דעם געלונגענעם פלי.

מיטן שטעגעלע הויב איך זיך אויף צום פעלז. לענאַ כאַפּט מיט די ליפּן די קאַלטע טראָפּנס, מיט וואַרעמענדיקע פינגער טרוקנט זי די מוסקולן און שעפּטשעט, נישט באַהאַלטנדיק דעם גלאַנץ פון די אויגן:

— סאַשאַ!

אינאָוונט זענען מיר נאָך אַלץ אין די בערג. מען זעט שוין, ווי אונטן ברענט ווי אַן אויסגעשטערנטער הימל דער מאַגניטאָגאָרסקער טאָל. די לאַנע פון די הוטעס האָט באַדעקט די שוואַרצע וואָלקנס און זעט אויס אַזוי ווי אַ זון-אויפגאַנג. מיר זעצן זיך פאַרזיכטיק צו אויף די שטיינער.

אין דער סאַנאַטאָריע אַריין קערן מיר זיך אום דורך דעם ברעג, וואָס איז ענג באַזעצט מיט מענטשן. ביים געזעגענען זיך לייגט לענאַ אַרויף אירע שלאַנקע הענט אויף מיינע האָר און מיט פאַרמאַכטע אויגן שעפּטשעט זי:

— סאַשאַ, איך טאָר, אַפּנים, נישט קריכן אויף פעלזן.

איך פֿאַרשטיי נאָך נישט.

זי פֿאַרשטעלט דעם אויער מיט די הייסע ליפּן:

— טייערער, דו דאַרפֿסט אים ליבן נאָך שטאַרקער פֿון מיר...—

און איז אַנטלאָפֿן איבער די מירמלשטיינערנע טרעפּ אין די פּרויען־צימערן פֿון דער סאַנאַטאָריע.

איך פֿלי אין מיין אָפּטיילונג, דריי זיך איבערן צימער, נעם אַרום די ווענט, דאָס בעט, דעם שפּיגל. איך בעט די ראַדיאָ, זי זאָל שטיל ווערן און אויסהערן מיין פֿרייד.

נאָכדעם לויף איך איבער דער סאַנאַטאָריע, וואָס האַלט שוין ביים שלאָפֿן, טרעף האַרבוזן און פּאַק אים ביי אַ טעות, וואָס ער האָט געמאַכט מיט פֿיל יאָרן צוריק.

— איך געדענק, ווי איינמאָל האָסטו געטרונקען בראָנפֿן מיטן טאַטן און האָסט געזאָגט, אַז איך וועל אינגיכן אויסציען די פּיסלעך, מיט מיר וועט זיך פֿאַרענדיקן דער גאָלאָד־שטאַם, געדענקסט? און איצט...

דער אינזשיניער שלאָגט מיר איבער. ער נעמט מיינע הענט און זאָגט מיט אַ געלעכטער:

— נו, אמת, ביסט גערעכט. אָבער גיי שלאָפֿן, גיי.

— אַ מאָדנער מענטש ביסטו, האַרבוז, דו האָסט איצט אויך אַ טעות: מיינסט אַוודאי, אַז איך בין שיכּור.

מאַגניטאָגאָרסק 1932—1933